STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13660

ALE VERK FUN MOSHEH KULBAK.

Moshe Kulbak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון

מוישע קולבאַק

באַנד IV

ווילנע

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

מ ו י ש ע ק ו ל ב אַ ק

זעלמעניאַנער

ו ו י ל נ ע

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M o j s z e K u l b a k — Z e l m e n i a n e r
Drukarnia G. Kleckin Wilno, Kwaszelnia 23

I

זעלמעניאַנער

אָט דאָס איז רעב זעלמעלעס הויף.

אַ פּאַרצייטיקער מויער מיט אַ צעקרישלטן טינק און צוויי שורעס הייזער פול מיט זעלמעלעך. פאַראַן נאָך שטאַלן, קעלערן, בוידע־מער. דאָס אַלץ זעט אויס ווי אַ שמאָל געסל. זומער, ביים שאַ־ריען אויף טאָג, פלעגט דער קליינער רעב זעלמעלע אַרויסגיין אָט אַהער אין הוילע גאַטקעס. דאָ פלעגט ער איבערטראָגן אַ ציגל, דאָ פלעגט ער מיט אַלע קויכעס טראָגן מיסט אויף אַ רידל.

פון וואַנען שטאַמט ר' זעלמעלע?

אין דער מישפּאָכע איז אומגעגאַנגען אַ העסבער, אַז ער שטאַמט פון „טיף ראַסיי". יערנפאַלס האָט ער שוין דאָ די כאַסענע געהאַט מיט דער באָבע באַשען, וואָס איז דעמאָלט, קענטיק, געווען אַ מיידל, און דאָ האָט זי אויך אָנגעהויבן קינדלען.

די באָבע באַשע, גיט מען איבער, האָט געקינדלט גאָר אָן שום אויסרעכענונג, נאָכאַנאַנד מיט אַ מין טירעף, און די קינדער פון איר טראַכט האָבן זיך באַקומען וואוקסיקע און שוואַרציג, מיט ברייטע פּלייצעס — אמתע זעלמעניאַנער. די קינדער פלעגן שפּע־טער איבערגיין אין רעב זעלמעלעס רעשוס. ד"ה קיין אַם איז ער ניט געווען. ער פלעגט אַ ביסל אָפּוואַרטן און נאָכדעם אָפּגעבן זיי פאַר באַלמעלאָכעס.

איינעם, פאָליען, האָט ער שוין צו צען יאָר געמאַכט פאַר אַ גאַרבער, צוליב אַ מיעסע עפּעס מיט אַ פערד.

מען האָט זיך ניט אַרומגעזען, ווי די קינדער גופא האָבן אָנגעהויבן צו קינדלען. שנעל זיינען צוגעקומען פון פאַרשיידענער ברוכפּערקייט, אויך איידעמס אַלערליי, אַלץ נייע קויכעס, ביז די שכיינים

פון הויף האָבן זיך געמוזט מאַטריעך זיין. אַלע הייזער זיינען אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט זשוואַווע, שוואַרצע זעלמעלעך. בלאָנדע האָבן זיך דורכגעוואָרפן ווייניק. דאָס אויך — צווישן מיידלעך, אין קלאַל גענומען, אַ דינער שיכט, וואָס האָט זיך ניט שטאַרק אַרויסגעזען. אַ פּאָר געלע כעוורע זיינען צוגעקומען שוין פאַר דער לעצטער צייט אין די סאַמע לעצטע עטלעכע יאָר. ווי אַזוי אָט די האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער משפחה, איז נאָך ניט אויפגעקלערט געוואָרן ביז היינטיקן טאָג.

*

די זעלמעניאַנער זיינען שוואַרצע, ביינערדיקע מיט ברייטע נידעריקע שטערנס. אַ זעלמעניאַנער האָט אַ פליישיקע נאָז. אַ זעלמעניאַנער האָבן גריבער אין די באַקן. דאָס ראָט איז ער אַ רויקער שווייגער, וואָס קוקט אויף אַלעמען פון דער זייט, הגם ס'זיינען אויך דאָ, דערהויפּט צווישן דעם יונגן דור, שטאַרקע ווידער און ווידערקעס, אַפילו אַזעספּעגימער, נאָר אין גרונט זיינען זיי עס שעמעוודיקע רעב זעלמעלעך, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער פרעמדע השפּאָעס און מאַכן דעם אָנשטעל. די זעלמעניאַנער זיינען פאַרליטענע, ניט קיין בייזע. זיי שווייגן, כמורנע און פריילעך, האַגאַם ס'איז אויך פאַראַן אַ באַזונדער זעלמעניאַנישער נוסעך, וואָס גליט ווי אייזן.

די זעלמעניאַנער האָבן אויסגעאַרבעט אין מעשעך פון דורעס אַן אייגענעם רייעך — אַ מין ווייכן געדוך פון צוגעלעגענעם היי מיט נאָך עפּעס.

ס'טרעפט אין אַ וואַגאָן, ייִדן פאָרן, ס'איז געפּאַקט, מ'גענעצט צו דעם קאַלטן פרימאָרגן. מיטאַמאָל רייבט אויס אַ ייִד די אויגן און טוט אַ פרעג:

— זייט אַזוי גוט, איר זייט ניט אַ נ—ער?

— יאָ.

— זייט איר ניט רעב זעלמעלעס אַן אייניקל?

— יאָ, רעב זעלמעלעס אַן אייניקל.

דער ייִד פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און פאָרט ווייטער. דאָס האָט ער אין שלאָף דערשמעקט רעב זעלמעלעס רייעך, האַגאַם

קינער פֿון שטאָט האָט זיך אויף דעם זיכער ניט פֿאַרטראַכט; קיינעם פֿאַלט גאָר ניט איין, אַז די זעלמענאַנער האָבן אַ באַזונדער רייעך.

פֿאַראַן נאָך אַן אייגנטימלעכקייט אין דער מישפּאָכע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש דערהויפּט פֿאַר מענער:

אַ רעב זעלמעלע האָט ליב גלאַט אַזוי זיך אָפּזיפֿצן, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, דערבײַ לאָזט ער אַרויס צווישן די ליפּן אַזאַ מין פֿריילעכן, צאַרטן, הירזשע, וואָס מ'קען עס אונטערהערן בלויז בײַ אַ שטאַל, וואו פֿערד שטייען און קייען האָבער.

דאָס אַליין באַווייזט, אַז רעב זעלמעלע האָט געשטאַמט ערגעץ פֿון אַ ייִשעוו.

פֿון דעם זעט מען אויך, אַז רעב זעלמעלע איז גרייילעך איינ־פֿאַך, ווי אַ שטיקל ברויט. ס'זיינען ניטאָ קיין צקאָרעס אין דער מישפּאָכע ניטאָ קיין געפֿאַלענע פֿאַר דער צייט, אויסער די מומע העסיע.

טאָמער אַ פֿליך, — איז עס ניט קיין שפּראַך פֿון רעב זעל־מעלעס שטאָט, מען אַפֿילע טראָגן פֿון אים מיט היי, ווי פֿון אַ סענעזעניץ.

*

בײַם ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די שפּראָצונגען פֿון פֿערטן דאָר, האָט רעב זעלמעלע גענומען קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן. ער האָט אָנגעשריבן אויף אַ טאָוול אין אַ סייפֿער זײַן צוואָע, אַרומגעדרייט זיך אַ ביסל צייט גלאַט אַזוי, און איז נאָכדעם טאַקע געשטאָרבן.

דאָס איז געווען אַן אײַנפֿאַכער מענטש. די צוואָע האָט ער געשריבן אויף ייִדיש, מיט די געהעריקע העברעיִשע ווערטלעך, און אַזוי ווי דער סייפֿער וואַלגערט זיך איצט אַרום, לוינט דאָ, עפּשער, פֿאַרשרײַבן די צוואָע לעזיקאָרן:

מאָנטיק, פֿאַרשע בעשאַלאַך, שנאַס... (פֿאַרמעקט).

איך רעכן אַליין פֿאַר מײַן לעבן אײַנצוטיילן פֿאַר מײַנע קינדער ווי זאָל דיין אַבער מײַע שאָנע שעלי. רעכן איך אַזוי זאָל זײַן: מײַנע קינדער בלײַבן ווינען בעכאָצער שעלי. די שטיקל קאַרקע, וואָס איך האָב, זאָל מען פֿאַרקויפֿן, נעמען פֿון איר יערעך אַרבע מייעס

רוק, און די שטאָט אין בעסמעדרעש זאָל מען אויך פאַרקויפן, נעמען פאַר איר ערעך מײַנע װעכאַמישים רוק, און מ׳געפינט זיך בײַ מיר אויך, אונטער דעם זעקסטן זיגל אין אוירון, רעכטס, אויך ערעך עלעף רוק, זאָל מען אַזױ אײַנטײלן: ליבני איטשע — מײַנע װעכאַמישים רוק, װאָרעם ער, מײַן זון איטשע, האָט שוין גענומען מײַנע װעכאַמישים רוק אַן אָדלעכעשבן אויף דער ירושה, פאַר מײַן לעבן נאָך, און ליבני זישע — שטײ מײעס רוק, און ליבני ידע אויך שטײ מײעס רוק, ליבני פאַליע אויך שטײ מײעס רוק, און לעביטי כײע-באַשע — מײַע רוק, לעביטי מאַטלע אויך מײַע ריק, און לעביטי ראַשע אויך מײַע רוק, און לעהורװיץ זאָל מען אָפּגעבן מײַע װעכאַמישים װעעסרים, װעלכע איך האָב דאָ בײַ אים גענומען צו געבן ליבני איטשע אַן אָדלעכעשבן אויף דער ירושע פאַר מײַן לעבן נאָך, דאַרף מען אים אָפּגעבן. און כאַמישע װעעסרים רוק זאָל מען אָפּגעבן אויף אוילעמעס, און די איבעריקע פאַר מיר אויף הויצאָעס צו פירן אויף דער אײביקער װעלט. און די הויז-זאַכן געהערן לעאישטי מאָרע-באַשע. לעאַכער מײַנע שאָנע פון מײַן אישטי זאָלן זיך די טעכטער אַלע דרײַ צעטײלן, נאָר צװײ קישנס צו געבן פאַר איטשעס בסילע כײקע. און אַזױ אַלעס זאָלן זיך צע-טײלן די טעכטער, נאָר מײַנע מאַלבושים זאָלן געהערן צו די זין. דעם שמויסענעס ופוטער זאָל נעמען װער נױטיק איז, אָדער יאַלפּי גוירל װעמען ס׳װעט פאַלן, נאָר ניט צו קריגן זיך, אַלץ זאָל זײַן מיטן שײנעם אויפן, און װי איך אַלײן האָב אײַנגעטײלט, ניט פרעמדע זאָלן טײלן. און זאָל אַלעמען װױל באַקומען, געניסן אין נאַכעס. דאָס װינטש איך מיטן גאַנצן האַרצן. נאָר אַכער מײַנע שאָנע שעלי זאָלן זײ אָן מיר ניט פאַרגעסן, כאָטשע הײטן קאַדעש זאָגן, װי מעגלעך איז.

פון מיר — זאַלמען-עליע בערעב לײב כװאָסט.

*

די באָבע באַשע האָט אויף היפּשע יאָר איבערגעלעבט דעם זיידן, און מ׳קען זאָגן, אַז זי לעבט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג. עמעס, ניט זי זעט װי געהעריק, און ניט זי הערט װי געהעריק, און ניט

זי גייט ווי געהעריק, אָבער אַבי זי לעבט. זי איז געוואָרן ענלעך מער צו אַן אַלטער הון ווי צו אַ מענטשן, און זי ווייס אַפילע ניט, אַז ס'איז דערווייל ביי אונדז עפּעס אַנדערש געוואָרן די וועלט.

די באָבע באַשע האָט צו טאָן נאָר מיט זיך, און אויב זי טראַכט, זיינען עס, מיסטאָמע, גאָר משונעדיקע טראַכטענישן, געמאַכט פון אַ גאַנץ אַנדער מאַטעריע, איידער די געוויינטלעכע געדאַנקען.

ס'טרעפט אַמאָל פאַרנאַכט, זי דרייט זיך אַרום אין דער טונקלעניש, און מיטאַמאָל טוט זי אַ זאָג צו אַ רויטן שניפּל אין שטוב:

— מאָטעלע, נאַכמאָל גייסטו ניט דאַוונען?

דער שוואַרצער מאָטעלע, וואָס ס'שמעקט שוין פון אים פּאַוואָלינקעס מיט היי, גייט צו, פאַרקאַשערט די פאַטשיילקע פון דער באָבעס אויער און שרייט אַריין:

— באָבע, איך בין אַ פּיאָנער!

טוט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ:

— יע, יע, ער'ט שוין געדאַוונט. ווי'סטע געדאַוונט?

אַזוי הערט זי שוין אַוועקגיין פון דער וועלט מיט אַ רויקן פאַרצייטיקן געמיט. דער הויף שטייט פעסט דאָרטן, וואו רעב זעלמעלע האָט אים אַוועקגעשטעלט, און וואָס אַ יאָר, זעט זי קומען צו היפּשע עטלעכע שוואַרצע שוויגערלעך — רעב-זעלמעלעך.

זומער, ביים די באָבע באַשע גייט שוין אַרום אין הויף, זיצט זי אויפן שוועל און קוועלט אָן, ווייל זי זעט, ווי פון יעדער טיר שיטן זיך רעב זעלמעלעך, ווי שוואַרצער מאָן.

ס'לייכט די גרויסע זון אויפן נייעם זעלמעניאַנישן ווידערוואוקס.

אָט אַזאַ איז די באָבע.

*

דער צווייטער דאָר זעלמעניאַנער האָט זיך פאַרצווייגט אין דריי מעכטיקע שטאַמען און עטלעכע ביי-שטיכלעך. די גרונטזיילן פון דער מישפּאָכע זיינען געווען פון אַלע מאָל און געבליבן ביז איצט: פעטער איטשע, פעטער זישע און פעטער יודע.

דער פעטער פּאָליע גייט באַזונדער. דער פעטער פּאָליע גייט מיט אַן אייגענעם אָפּגעשיידטן, האָרעפּאַשנעם וועג אין לעבן. דער זעלמעניאַנישער הויף גייט אים ניט אָן, ווייל ער האַלט, אַז קליי־נערהייט האָט מען אים דאָ באַליידיקט. ער איז אַן אַכלער, האָט באַזונדערס ליב קאַרטאָפל־טייגעכצן, און וואָס פאַר אַ געדאַנקען ער שאַפט, ווייס מען ניט, מאַכמעס ער זאָגט זיי ניט אַרויס.

דאָס איבעריקע אין דער משפּאָכע איז שוין דרויב, וואו דער שוירעש זעט זיך שווער אַרויס, האַגאַם זיי זיינען אויך געפּורעמט לויט רעב זעלמעלעס האַשגאָכע און טראָגן זיך אַרום איבער דער וועלט מיט זיין רייעך.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דער מישפּאָכע דער פעטער זישע, וואָס ווערט אין הויף פאַררעכנט פאַר אַ יאַכסן. ער איז אַ דיקלעכער זייגערמאַכער מיט אַ פּיקאַנטיקן שטערן, מיט אַ פּירקאַנ־טיקער באָרד, אַ כאָלוש, אָדער ער מאַכט זיך עפּשער פאַר אַ כאָלוש.

אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען אַ פּאַפּיר ברענגען איבערלייענען צו אים. דער פעטער זישע פלעגט אַרויסנעמען די שפּאַקטיוו פון אויג, בעטן זיצן און איבערלייענען געדולדיק וואָרט ביי וואָרט. אויב אָבער דער פעטער זישע האָט אויך ניט געקענט איבערלייענען, האָט ער געהאַט די מיילע, וואָס ער פלעגט שוין זאָגן אַזוי פון אויס־ווייניק, וואָס אין פּאַפּיר שטייט געשריבן.

ער האָט געהאַט אַ שיינע האַוואָנע.

די הויפּט־מיילע פון זיין לייענען איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס גלייך אויף אַן אָרט פלעגט ער געבן אַן אייצע מיקייעך דער „ספּראַווע“.

מען זאָגט, אַז אין אים איז געלעגן באַהאַלטן אַ גרויסער קויעך.

צוויי טעכטער האָט אים זיין ווייב, די מומע גיטע, געבראַכט אויף דער וועלט מיט אַ סאַך מער שוועריקייטן, ווי ס'פּאַסט פאַר זעלמעניאַנער. איינע איז טאָנקע דעם פעטער זישעס — אַ ריינע זעלמעניאַנערין, די צווייטע האָט שוין אין זיך אַ ביסל זיסע מאָרע־שכוירע, וואָס די מומע גיטע, זאָל דאָס איר צו קיין גנאי ניט זיין,

האָט אַרײַנגעשמוגלט אין דער מישפּאָכע. מען טאָרף עס אָבער דער מומע גיטען מוחל זײַן, ווײַל אַלע האַלטן, אַז זי איז ניט שולדיק, — זי שטאַמט פֿון ראַבאָנים.

דער פֿעטער איטשע איז אַ מעלעך־עוויען. דאָס האָט ער, דער פֿעטער איטשע, ניט געקענט דערהאַלטן זיך און גענומען שוין פֿאַר רעב זעלמעלעס לעבן אַן אַדלעכעשבן אויף דער יערושע. ער איז אַ שנײַדער, אַ לאַטוטניק. זײַן הויכע מאַשין, אַ דאַרע און אַ לעפּעשעוואַטע, טראַסקעט בײַ אים טאָג ווי נאַכט.

די מאַשין פֿאַרטויבט דעם הויף.

דער פֿעטער איטשע פּראָדוצירט די עמעסע זעלמעניאַנער פֿון דער רײנסטער פּראָבע. מ׳האַלט, אַז ער האָט אין דעם פּראַט אַפֿילע איבערגעשטײַגן רעב זעלמעלען אַלײן.

אויסער אַלע רעגילעסן, וואָס זײַנען אײגנטימלעך פֿאַר דער גאַנצער פֿאַמיליע, האָט דער פֿעטער איטשע אויסגעאַרבעט בלויז פֿאַר זיך אַלײן אַן אײגענע רעגילעס: ער ניסט מיט אַ געשרײ.

פֿון זײַנעם אַ נאָס איז אַמאָל אַ שכײנע געפֿאַלן אין כאַלאָשעס.

אין דער הײסער צײַט פֿון בירגער־קריג האָט מען זיך טאַקע אין הויף שטאַרק באַאומרויקט וועגן זײַן ניסן. דער פֿעטער זישע האָט שוין אַפֿילע געפּונען פֿאַר נויטיק אַרײַנגײן צו אים און דורכרײדן זיך וועגן דעם דאָזיקן איניען.

— איטשע, — האָט ער געזאָגט, — צי ווײסטו, אַז צוליב דײַן ניסן זײַנען מיר ניט זיכער מיטן לעבן?

יאָ. וואָס האָט אים דער פֿעטער איטשע געקענט ענטפֿערן? ס׳האָט דאָך פֿון אים געניאָסן און געשריען בגוואַלד.

מען האָט קעסיידער צוגעטראַכט פּלענער, נאָר אַז ס׳איז געקומען דערצו, האָט זיך די מומע מאַלקעלע אַלײן אָן אײצע געגעבן:

דער פֿעטער איטשע פֿלעגט בײַם־מײַסע זיך אָנכאַפּן בײַם נאָז און אַרײַנפֿאַלן אין בעט אַרײַן, די מומע מאַלקעלע פֿלעגט אויף גיך אַרויפֿוואַרפֿן אויף אים אַ קישן און אַלײן אַרויפֿלײגן זיך, אָדער, אויב זי האָט קײן צײַט ניט געהאַט — אַוועקזעצן אַ קינד אויף אים. דאָרטן, אונטער דעם בעטגעוואַנט, פֿלעגט ער זיך גאַנץ גוט אויס־

ניסן, אָפּטרייסלען די פעדערן און זעצן זיך נאָכדעם צוריק צו דער אַרבעט.

אין שאָלעם־צייטן איז עס אָבער ניט געווען געפערלעך. אַדרעבאַ!

זומער באַגינען, אַ האַלבער הויף ליגט נאָך אין שאָטן, און דער אַרומגעצוואָגענער פעטער איטשע זיצט שוין ביים אָפענעם פענס־טער, שיסט פון זיין ניי־מאַשין. פּלוצלינג טוט ער אַ נאָס. ס׳רייסט זיך אַרויס אַ פּינצטערער, יאָמערלעכער געשריי פון אַ נויטע־לאָמוס. דער הויף הייבט זיך אָן טשוכען, מ׳רייבט די אויגן, מאַנכע שפּרינגען פון די בעטן:

— וואָס איז?

— גאָרנישט, — זאָגט מען, — דער פעטער איטשע ניסט.

— גאָרנישט, גאָרנישט!

דערווייל עפענען זיך אומעטום פענסטער און פענסטערלעך, ס׳רוקן זיך אַרויס באַגינענדיקע קאָלערליי מינים שוואַרצע, צעקודלטע, זעלמעניאַנישע קעפּלעך און מ׳שרייט אַרויס פון אַלע זייטן:

— צו געזונט, פעטער!

— צום לעבן, פעטער!

— צו געזונט, צום לעבן, צו לאַנגע יאָר, פעטער!

שוין גאָר אַן אַנדער מענטש איז געווען דער פעטער יודיע, אַן אַנדער מענטש און אַ מאָדערנער מענטש. ער איז געווען אַ סטאָליער, אַ מאָגערער ייד מיט אַ גלאַנציק בערדל און מיט שפּאַ־קולן — דעריבער האָט ער טאָמיד אויסגעזען רויזעדיק — נאָר די שפּאַקולן פלעגט ער, מיסטאָמע, טראָגן פון שיינקייט און בעקאָ־וועדיקייט וועגן. ער פלעגט הובלען אין די שפּאַקולן, עסן אין די שפּאַקולן, נאָר שלאָפן אין זיי, דאַכט זיך, ניט.

פעטער יודע איז געווען אַ פילאָסאָף און אַן אַלמען.

זיין ווייב, די מומע העסיע, איז נאָך געשטאָרבן פאַר די דייטשן, צואַמען מיט אַ שויכעט און גאָרניט מיט קיין שיינעם טויט.

דעמאָלט איז פעטער יודע אַוועק זיצן שיווע אין בעסמעדרעש, האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטערן אויוון און שוין מער ניט געוואָלט אויפשטיין ביכלאַל. ער האָט באַשלאָסן אויפגעבן אַלע וועלטלעכע אינ־

יאָנים און פּאַרנעמען זיך בלויז מיט שראַכטן מאַכשאָוועס;—אָן אַרבעט מוז מען מודע זיין, אַ גאַנץ בעקאָוועדיקע. די שטאָט האָט זיך אָבער אָנגעזעצט און ער איז דאָך אָוועק צום וואַרשטאַט.

וואָס האָט פּאַסירט מיט דער מומע העסיען?

אונדזער שטאָט איז דאַמאָלט געלעגן אין האַרמאַטן־פייער. באַלעבאָטעס פון דער גאַנצער גאַס האָבן פאַרשלאָסן די שטיבער און אַראָפּ אַלע צו רעב זעלמעלען אין קעלער. פּלוצלונג האָט זיך דער מומע העסיען פאַרגלוסט אַ הינערשע זופּ. פאַרוואָס? אין דער שטיקעניש האָט זי אַזוי לאַנג געקוקט אויף רעב יעבעזקלן דעם שויכעט, ביז ס'האָט זיך איר פאַרוואָלט אָפּ. כאַפּט זי אַ הון, דער שויכעט ציט אַרויס דעם כאַלעף, און מ'גייט אַרויס אין הויף שעכטן.

ס'האָט דעמאָלט אַ זעץ געטאָן אין הויף אַ ווילדער פייער און אַרויסגעשלאָגן וואו נאָר אַ שויב.

דערנאָך האָט אַ שאָכן אָנגעקלאַפּט אין קעלער, מ'זאָל אַרויסגיין. די מומע העסיע איז געלעגן רויק און בלאַס, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, לעבן איר איז געלעגן מיט דער באָרד אַרויף דעם שויכעטס קאָפּ, און ער, דער שויכעט גופע, איז געלעגן אויף דעם איינגעפאַלענעם פאַרקן מיטן כאַלעף אין האַנט.

דערביי איז געשטאַנען די הון און געפּילאָפּירט.

פעטער יודע איז געווען אַ כמורנער שוויגער, האַגאַם די זעלמעניאַנער שוויגן פרייליך. אויסער דעם דאָזיקן קליינעם אָפּנויג, איז ער אין, די איבעריקע געגנ געבליבן טריי די טראַדיציעס פון רעב זעלמעלען.

דורך אים איז, אַגעוו, געקומען צום אויסדרוק די ליבע צו דער נאַטור, וואָס איז געווען שטאַרק טעטיק אין דער מישפּאָכע. דער פעטער יודע פלעגט פאַרזעצן געגנט ביי זיך אין פירהויז — ווען זיינער אַ הון איז שוין געקומען צו רייד. — ער פלעגט אין אַ רעגן אַרויסשטעלן אַ צובער אויף רעגן־וואַסער, און ווערטע־צייט האָט ער זיך געמוזט פאַרטאָג אַרויסבאַפן אָנקלייבן שטשאַוויע. זיין ליבע צו קלעצער און ברעטער שטאַמט אויך, מיסטאָמע, פון דעם איינגענעם דראַנג צו דער נאַטור. דער פעטער יודע פלעגט אָפּהובלען אַ ברעט מיט ליבשאַפט און מיט ברען, מיט איין וואָרט — ער האָט

ליב געהאַט סטאָלערײ. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ מויערדיקע בענקשאַפט צו פידל, צו געזאַנג, און בכלל צו מוזיק־װאַכן.

דער פעטער יודע האָט זיך געלאָזט האָבן קינדער פון פאַר־שײדענעם װערט. פאַר אונדזער געבױדיך זײנען אָבער פאַסיק בלױז צװײ — קײעלע דעם פעטער יודעס און צאַלקע דעם פעטער יודעס.

*

דאָ לױנט נאָך צום סאָף אָפּשטעלן זיך גענױער אױף אײנעם פון די ייִנגערע זעלמעניאַנער, אױף דעם פעטער איטשעס עלטערן זון — בערע כװאָסט.

אָט איז אַ יונג — אַ גװאַר, אַ שװײַגנדיקער גאַרבער. בײם דעם בירגער־קריג האָט ער אין די שלאַכטן אַרום קאַזאַן באַקומען אַן אָרדן פון דער „רױטער פאָן“, פאַר זײַן קאַלטער זעלמעניאַנישער גװורע.

ער איז געגאַנגען מיט גײן אױף װאַרשע.

דאָרט איז ער שיר ניט אומגעקומען, אַרײַנגעפאַלן צו די פאָ־ליאַקן. מיט ניסים האָט ער זיך אָבער באַװיזן איבערצוטאָן און גע־קומען אַהײם צופוס.

בײם בערע איז אַרײַן אין שטוב, איז געװאָרן די גרױסע יע־לאָלע. דער גאַנצער הױף איז זיך צונױפגעלאָפן, אַפילו דער פעטער זישע איז אױך אַרײַן. בערע האָט זיך דעמאָלט אַװעקגעזעצט, גענומען פאַמעלעך אַראָפציִען די שטיװל און אַ זאָג געטאָן צו דער מומע מאַלקעלען:

— מאַמע, גיב מיר עסן!

ער האָט זיך געזעצט מיט אַ ביטערן אימפעט רײַבן די טרע און קוקן אױפן באַלקן. דער פעטער יודע האָט אױסגעשפּיגן און איז אַװעקגעגאַנגען. בײסלעכװײז האָבן זיך אַלע אַרױסגערוקט. בערע האָט אָפּגעגעסן, אָנגעטאָן די שטיװל און איז װידער אַװעק מלחמה האַלטן.

II

אַ וועלט, האַ?

אין הויף איז שטיל.

די מילכאָמע און די רעוואָלוציעס זיינען סאָפּקאָלסאָף אַדורכ־געגאַנגען בעשאָלעם, בלויז מיט דער מומע העסיען האָט געטראָפן דער אומגליק אומזיסט־אומנישט, צוליב אַ נאַרישער ביסל זופּ.

די זעלמעניאַנער האָבן זיך אומגעקערט פון די פראָנטן אין האַרטע שינעלן, אויפגעטרעטענע ווינטערדיקע היטלען. די ערשטע צייט איז מען אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, ווי די וועלף, געשלונגען אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטערן האַנט, נאָר ביסלעכווייז האָט מען זיי אַריינגענאַרט אין די שטיבער, גערעדט צו זיי, ווייך און אַרויס־באַקומען ווי ס'איז צוריק די אַלטע מאַרע. ווינטער האָט מען מיט די שינעלן באַשלאָגן די קאַלטע טירן, און די אויפגעטרעטענע היטלען וואַלגערן זיך נאָך אַרייעם הינטערן אויוון. ס'טרעפט, אין די גרויסע פרעסט, קריכט אַרויס פעטער איטשע פון הינטעראויוונדיקן זאַמד אַזאַ היטל, ציט זי אַראָפּ ביז איבערן באָרד און גייט אַריינטראָגן אַ ברעמיע האָלץ פאַר דער מומע מאַלקעלען.

אָט דאָס איז איבערגעבליבן פון דער מילכאָמע.

*

דער טריוואַלנסטער פון אַלע זעלמעניאַנער איז פעטער פאַליע, רעדט ער ניט אַרויס קיין וואָרט, וויל קליינערהייט האָט מען אים דאָ באַלײדיקט. מיילע, דאַכט זיך, אַז מ'קלײַבט זיך אים ניט שלעפּן פאַרן צונג.

נאָך אים גייט בערע דעם פעטער איטשעס, אויך אַ היפּשער טאַנעבאַרע, איצטער אַ מיליציאָנער פון צווייטן צירקל, נאָר אַזוי

ווי מען זעט אים אין די אויגן ניט אָן, ער קומט אַהיים בלויז אױ־בערשלאָפן אויף דעם טאַטנס האַרטן טאַפּטשאַן, איז מיט אים אויך ניט געפּערלעך.

טאָמער טרעפט, אַז עמעצער פון די יונגע הייבט אַמאָל אָן באַלבען פון די היינטיקע נאַרישקייטן, גיט מען זיך מיט אים אָן אייצע אויפן היימישן אופן; פאַר זיי, פאַר די יונגע שיליועס, גילט נאָך אַ העכערער וואָרט, און אויב שוין גאָר שלעכט, העלפט נאָך אַ פּאַטש אויכעט.

— שוין העכסטע צייט אַרויסשלאָגן דעם דול פון קאָפּ, — זאָגט פעטער זישע.

— און מ׳מעג שוין ווערן שטיקלעך מענטשן אויך, — זאָגט פעטער איטשע.

— און דער איקער, וויפל איז דער שיר צו בעלדעווען? — זאָגט פעטער יודע.

*

פעטער יודע האָט עס מיסטאָמע אין זינען זיין כייעלען. מ׳וויים, אַז פעטער יודע קלייבט זיך כאַסענע מאַכן כייעלען פאַר אַ יידישן מענטשן. די לעצטע צייט האָט ער פאַרוואָרפן דעם הובל, דרייט זיך אַרום גאַנצע טעג איבער די באָטעמעדראָשים און זוכט עפּעס אַ לייט. ער וויל אַ שויכעט.

מ׳דערציילט, לעמאָשל, פון אַזאַ פאַל:

אַנומלטן האָט ער אָפּגערעדט טרעפן זיך מיט אַזאַ סאָרט כאָסן ערגעץ אויף אַן אָפּגעלעגענער גאַס. ביינאַכט דאַרף זיך דעמאָלט גראָד מאַכן אַ זאַווערוכע. פונדעסטוועגן איז זיין כייעלע אַוועק, אָפּגע־שטעלט זיך ביים ראָג, ווו דער טאַטע האָט פאַרזאָגט, און געוומען וואַרטן. אין דער זאַווייע האָט מען ניט אַרויסגעזען קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש און דעם כאָסן אויך ניט. כייעלע האָט אָבער, קענטיק, אויף אַזוי פיל געוואָלט כאַסענע האָבן, אַז זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ וואַנט און באַשלאָסן וואַרטן אויף איר באַשערטן ביזן סאָף. וואָס זי האָט זיך דאַן געטראַכט — איז פּאָשעט שווער צו זאָגן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך פּעטער יודע אויפן געלעכער דערמאָנט אָן איר, איז ער אַרויסגעלאָפן און געבראַכט זי קוים אַ לעבעדיקע אַהיים.

און וועגן כאָסן זאָגט מען אין הויף:

— ווער פאַרשטייט עס ניט, אַז ער האָט ניט געוואָלט כאַסענע האָבן אין אַ פראָסט?

*

ס׳איז פאַראַן אַ זעלמעניאַנער אין הויף, וואָס וואָלט כאַסענע געהאַט מיט כייעלען אין אַ פראָסט אויך. דאָס איז אַן עלטערער באָכער פון אַ יאָר אַכט און דרייסיק, אויב ניט מער, אַן אייזעדנער שווייגער. ער קומט אַלע נאַכט צום טאַטן אין שטוב איבערשלאָפן אויף חעם הארטן טאַפּטשאַן. מ׳האַלט, אַז ס׳איז דאַפקע אַ גלייכע זאַך, נאָר די קאַלטע ליבע צווישן כייעלען און דעם דאָזיקן מענטשן דאַרף זיך נאָך אויסשטאַלירן. זי דאַרף זיך נאָך אויסשטאַלירן, וואָרעם כייעלע לויפט נאָך פאַרט אַרויס פון צייט צו צייט אויף אַ זעונג.

פעטער יודע וועט אָבער זיכער זיין קעגן שידעך צוליב פאָלגנדיקע טײַמים:

1. אַ זעלמעניאַנער האָט פיינט אַ זעלמעניאַנער.
2. דער כאָסן איז ניט קיין יידישלעכער מענטש.
3. דער כאָסן אײַזדיעקעוועט זיך איבערן הויף.

דאָס איז ריכטיק. פּונקט איצטער אויפצולאָכעס דער וועלט האָט ער, דער כאָסן, אָפּגעטאָן עפּעס אַ נייעם שפּיצל מיט דער מאַמען זיינער, מיט דער מומע מאַלקעלען, וואָס האָט אויפגערודערט די אַלטע זעלמעניאַנער ביזן ביין.

וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט?

די מומע מאַלקעלע איז זיך אַנוסטן מעיאַשעוו און גייט אַוועק צו בערען אין דער מיליציע אַריין:

— בערע, אַלעמיי טוסטו ניט אַמאָל אַ שמייכל, — אַזוי האָט זי געפרעגט, — מען קאָן דאָך מיינען ווער ווייסט וואָס?

ווי זי דערציילט, האָט ער דעמאָלט יאָ אַ שמייכל געטאָן. עפּשער יע און עפּשער ניט, נאָר ער איז געזעסן לאַנג, געקוקט פֿון אונטן אַרויף אויף דער פֿאַרוויקלטער מאַמען און געפֿאַרשקעט מיט דער נאָז.

דערנאָך האָט ער געפֿרעגט:

— צי האָט איר פֿון וואַנען צו לעבן, מאַמע?

דער פֿעטער איטשע איז אַ פֿריילעכער ייד און ער האָרט, אַלזאָ, ניט האָבן פֿון וואַנען צו לעבן.

בערטע האָט אָפּגעזיפֿצט, אַרויסגעלאָזן צווישן די ליפּן דעם אײַדעלן הירזשע (זע קאַפּיטל 1) און אַ זאָג געטאָן:

— צי ווייסטו, מאַמע, אַז דו ביסט ניט קיין איוורעדיקע?

— זי האָט, דעם עמעס זאָגנדיק, ניט געוואוסט. בערטע האָט איר אויפֿגעקלערט, געגעבן קלאָר צו פֿאַרשטיין, און געאײַלט, אַז זי זאָל שוין בעסער אונטערנעמען אַ קורס אויף ליקווידירן די אַמעראַצעס.

דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און אָנגעקלונגען אין פֿערטעכניקום.

*

ס'איז געווען שוואַך. פֿרעסט. די מומע מאַלקעלע איז געגאַנגען אַהיים אַ פֿאַרפֿראָרענע און געטראַכט:

— מיט דעם דאָזיקן בערען איז שוין גלײַכער, אַז מען טרעפֿט זיך זעלטענער.

און אין הויף האָט זיך געקערט כווישעך.

*

אויף מאָרגן האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ לערער אין הויף, אַ באָכער מיט אַ טשופּרינע פֿון אונטערן דאַשעק.

דער מומע מאַלקעלען האָט דעמאָלט געגומען שלאָגן אין האַרצן. זי האָט זיך באַלד אַרומגעוואַשן, אויסגעטאָן דעם פֿאַרטעך, און גרייליך פֿאַרשעמט צוגעזעצט צו אַ ברייט טיש. די מומע מאַלקעלע איז געווען איבערגעשראָקן, ניט געוואוסט, וואָס סע וועט דאָ אײַנגעטליך פֿאָרקומען, און מיט פֿאַרצווייפֿלונג האָט זי געקוקט דעם לערער אין

די אויגן אַרײַן. דער לערער האָט נאָך אויך ניט געוואוסט גענוי וואָס מ'דאַרף טאָן, האָט ער זיך אויך געריטלט אונטערן דאַשעק.

בעווע קאָמיוג (די שיליוועס) האַלט די שרײַבגעצײַג פאַרשלאָסן, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז אין דער מומעס טינטער זײַנען געווען פליגן אָנשטאָט טינט. די מומע האָט געבלאָזן אין טינטער און געבלאָזן, אָבער ווי דער לערער האָט פאַרזיכערט, וועט עס שוין ניט העלפן. די פען האָט מען אַרויסגעצויגן פון הינטערן שפּיגל, די שפּינוועבס אָפּגעווישט. דער לערער האָט זי אַ דריק געטאָן אויפן נאָגל, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז שוין גאָר אַ פאַרצײַטיקע פען, נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע.

פון דעמאָלט אָן איז שוין בײַ דער מומע מאַלקעלען פאַרבליבן די געוואוינטשאַפט, וואו נאָר אַ פען, דאַרף מען זי אַ פּראָוו טאָן אויפן נאָגל, צי ס'שרײַבט, און געהאַלטן האָט זי, אַז דאָס איז שוין אויך אַ שטיקל סימן פון אַ געלערנטן מענטשן.

דער פעטער איטשע איז אויך געווען שטאַרק צעטראָגן, פונדעסטוועגן האָט ער זי פאַרגעלייגט זײַן העפט צום שרײַבן. דער פעטער איטשע האָט אַרויסגענומען פון קעסטל אין דער ניי-מאַשין אַ צונויפגעדרייטע העפט, צו וועלכער ס'איז געווען צוגעבונדן אַ בלײַפעדער אויף אַ שטריקעלע, אויסגעגלייכט די העפט אויף דער קני, און איבערגעגעבן דעם לערער מיט אַ ציטער אין די עלנבויגנס.

דער הויף האָט זיך צונויפגעקליבן, ס'איז געוואָרן אַ שטיקעניש, מ'האָט געשטוינט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— אַ וועלט, האַ? — האָט פעטער איטשע סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאַלטן.

פעטער יודע האָט אויף אים רוגזדיק אַ קוק געטאָן פון אונטער די שפּאַקולן און געענטפערט:

— איז שוין ניט גלײַכער, אַז מען ליגט אין דרערד?

דאָס האָט ער געמיינט די מומע העסיען, וואָס איז שוין באַפרייט געוואָרן פון שול-צוואַנג.

בלויז פעטער זישע איז געשטאַנען רויק, אָן אַ זייט, געצויגן אַ האָר פון באָרד און געשמייכלט.

— לייטישע קינדער!

*

דערנאָך האָט מען זיך אָבער צוגעוויינט. דער לערער פלעגט קומען יעדן אױפדערנאַכט. מ'האָט שוין געוואוסט, און די מומע מאַלקעלע, מוז מען מודיע זיין, האָט ביי אים אַ סאַך אויפגעטאָן, מאַכמעס די פעיקייטן זיינען געווען גוט, כאָטש מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז זי האָט זיך אַ ביסל אונטערגעפוילט לערנען.

— דער קאָפּ איז ניט דערביי — אַזוי פלעגט זי טיינען.

ביכלאַל האָט זיך די מומע מאַלקעלע אויפגעפירט, ווי אַ קליין מיידל פון קלאַס, וואָס איז געווען אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך פאַר אַזאַ באַרדאַעם, ווי זי.

אַמאָל האָט דער לערער, ניט טרעפנדיק זי אין שטוב, געפונען אַפילע פאַר נייטיק באַקלאָגן זיך פאַרן פעטער איטשען:

— איער פרוי, — האָט ער געזאָגט, — ווייזט אַרויס גענוג פעיקייטן, נאָר זי באַציט זיך ניט מיט דעם געהעריקן אינטערעס צו דער אַרבעט.

— אַזוי גאָר?! — האָט זיך פעטער איטשע שטאַרק פאַרכידעשט.

שפּעטער האָט ער טאַקע אויסגערעדט דער מומע מאַלקעלען:

— סטייטש, — האָט ער זיך געבייזערט, — ס'קאָסט דאָך מיטאָמע געלט!

די מומע מאַלקעלע האָט זיך טכילעס פאַרלאָרן, אַפילע רויט געוואָרן, נאָר זי איז באַלד געפאַלן אויפן טרעיץ:

— אַז כ'האָב קיין ביכל ניט...

אָט דאָס האָט שוין דער פעטער בעשומויפן ניט געקאָנט באַנעמען:

— וואָס הייסט, ווייניק ביכלעך זיינען פאַראַן אין שטוב? האָסטו שוין אַלע ביכלעך אויסגעלערנט?

די מומע מאַלקעלע האָט אַליין דערזען, אַז איר ענטפער קאָן דאָ ניט גילטן, און זי האָט צוגעטראַכט אַן אַנדער אויסוועג:

— אַז, איך זע ניט... אַרויסגעפאַלן אַ גלעזל פון די שפאַקולן...

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער פעטער איז געווען טאָמיד אַזוי שטרענג צו דער מומען מאַלקעלען. עס שאַדט ניט צו פאַרגעדענקען, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט פאַרצייטיקער ליבע, אַלט צוויי און פערציק יאָר. פעטער איטשע האָט, נעבעך, אויך מיטגעפילט דער מומען.

און עס האָט אַפילע אַמאָל פאַסירט אַזאַ פאַל:

דער לערער דאַרף באַלד אָנקומען, די מומע מאַלקעלע קליבט זיך וואָס גיכער אין שטאָט אַריין, פלוצלונג לויפט אַריין דער שוואַרצער מאָטעלע מיט אַ געשריי:

— מומע, דער לערער גייט!

מע דערציילט, אַז די מומע מאַלקעלע האָט זיך דעמאָלט אַזוי פאַרלאָרן, אַז זי איז אַריינגעקראָכן מיטן מאַנטל און מיט די וואָליקעס און מיטן קאָשיק אין בעט אַריין. פעטער איטשע האָט זי איינגעדעקט, נאָכדעם האָט ער צונויפגעלייגט די הענט, אויסגעבויגן אַ ביסל דעם קאָפּ אָן אַ זייט (אָ, אַ זעלמעניאַנער!) און געזאָגט גריילעך אומעטיק צום לערער:

— מיין אַלטע פילט זיך עפעס היינט ניט אינגאַנצן... זעט פאַרשרייבט, כאַווער לערער, און איר וועט שוין אונדז אָפּגעבן די שעה אַן אַנדערש מאָל.

פונדעסטוועגן האָט די מומע מאַלקעלע אַ סך אויפגעטאָן.

*

שפעטער ווינטער. די פענצטער — פאַרוואַקסן מיט שניי. כעוורע קאָמיונג איז אין די קלובן, און די מומע זיצט גאַנצע נעכט, אַ פאַרפלעקטע אין טינט, זיצט און אַרבעט מיט דער פען. אויפן טיש שטייט אַן אַלטער לאָמפּ, ווי בײַ אַלע שניידער. דער ווינט פייפט אין קוימען. עס זיצט דער פעטער בײַ איין זייט טיש, טרענט און נייט; די מומע מאַלקעלע זיצט פון דער צווייטער זייט—

פֿאַרטיפֿט אין די פּאַפּירן. סע סקריפּעט די פּען. אָט רוקט זי אים אונטער אַ צעטעלע און דאָס פּנים שיינט. פּעטער איטשע נעמט דאָס צעטעלע צום לאָמפּ; ער קען נאָך לייענען אויף אַ מעהאַלעך.

שרייבט צו אים די מומע מאַלקעלע אַזוי:

„יִכ בין גיזונט. דו נעיסט, געי צום אייזנ, נעמ ארויש דעם הליאָק, וועלנ מיר טרינקענ טעי. פון מיר דיינ האָרגעשעצטי פראָי מאקלע דוואָסט".

פּעטער איטשע שמייכלט. ער איז צופֿרידן. שפּעטער, ווען מען זיצט שוין בײַם טיי, פֿאַרפֿירט ער מיט איר אַ באַלערנדיקן שמועס; אויף קלייניקייטן שטעלט ער זיך ניט אָפּ, נאָר ער רעדט וועגן טאָך-זאַכן.

— ניט אַזוי שרייבט מען, — זאָגט ער, — ריידן מאַכט ניט אויס, אָבער שרייבן מוז מען אײדל.

די מומע מאַלקעלע ווערט אַזש אומרויִק.

— אָט שרײַבסטו, — זאָגט ער, — „איך בין געזונט". דאָס איז שוין ניט אײדל אויסגעדריקט די געדאַנקען. מען טאָר אַזוי ניט שרײַבן.

— הײַנט ווי אַזוי? — פֿרעגט די מומע.

— מען דאַרף שרײַבן, — און פּעטער איטשע שליסט צו די אויגן, — מען דאַרף: איך געפֿינדע זיך אין בעסטן פֿאָלקאָמען געזונט.

די מומע מאַלקעלע זעט, אַז ער איז גערעכט.

— שרײַב פֿון אַ ברוווגשטעלער, — זאָגט ער, מאַכמעס די הײַנטיקע מעטאָדעס זײַנען עפּעס גאָר אָן אַ טאַם. און מען מוז אויך לייענען ביכער! פֿון ביכער ווערט מען קלוג. געווען אַמאָל אַ שרײַבער שאָמער, האָט מען זיך געקענט בײַ אים עפּעס לערנען. די הײַנטיקע טויגן ניט, עפּעס אַלץ מיט דער זון און מיט דער לעוואָנע.

און אין דרויסן, אינדערפֿינסטער, איז געלעגן דער ווינטער. ווי אַ קאַלטע זילבערנע שיסל.

*

עס זײַנען געשטאַנען מויערדיקע פֿרעסט — 35 גראַד. די די ווײַסע דעכער זײַנען אַראָפּגעקראָכן ביז צו דער ערד; אין די

אָוונט האָט געבלאַנקט דער שניי, און די לופט איבערן שניי האָט געברענט, ווי בלאָער בראַנפן.

די גאַסן האָבן געפּוסטעוועט, כאָטש ס'איז ערשט צוגעפאַלן אָוונט.

און ווער זיינען עס די צוויי, וואָס האָבן זיך געלאָזן שפּאַצירן אין אַזאַ נאַכט? דאָס האָבן זיך בערע פּעטער איטשעס און ביילע פּעטער יודעס אַראָפּגעלאָזן פון הויפישן גליטש און אַוועקגעדרייט אין גאַס אַריין.

העכסטע צייט, אויב מען וויל עפּעס אויפטאָן! בערען נעמט ניט קיין קעלט. ביילע האָט זיך אָבער אַריינגערוקט אין קאָלנער, געקלאַפּט מיט די הויכע באָטן, ווי זי וואָלט געגאַנגען צו דער טליע.

אין הויף האָט מען געזאָגט:

— וואָס טוט מען צו דער דאָזיקער מיידל, וועלכע פּראַוועט אירע ליבעס נאָר אין זאַווערוכעס און פרעסט?

און די שווייגנדיקע מומע גיטע, וואָס שטאַמט פון די ראַבאָנים, האָט עפּעס פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן אין דער וועלט אַריין:

— פון אָט דער מיידל וועט מיסטאָמע אַמאָל אַרויסקומען אַ וואַסער־פירער.

*

בערע און ביילע האָבן געשוויגן. ער איז געלאָפן אַ ביסל פאָרויס און געמאַכט האַכאָנעס, אָבער לעבן קאַזאַן איז עס ביי אים צוגעגאַנגען היפּש גרינגער.

— ביילע, איך געפעל דיר עפּעס?

ביילע פּעטער יודעס האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ צוגאַנג צו דער זאַך און זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— אַזוי קען מען ניט פרעגן...

— פאַרוואָס?!

ער האָט שוין אויך געשמייכלט. פאַר ביילע פּעטער יודעס האָט דעמאָלט אַ צאַפּל געטאָן דער ווינטער, ווי אַ זילבערנער פיש.

ווייל אַ זעלמעניאַרין האָט ליב די נאַטור, און זי האָט שאַלקהאַפטיק געפרעגט:

— און איך געפעל דיר?

בערע האָט געשמייכלט און געשמייכלט און געשמייכלט.

איצט פרעגט זיך, וואָס איז געווען ווייטער?

כײַעלע האָט אים פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט מיט אירע גראָבע, שטענדיק פאַרפראָרענע הענט פאַרן קאָפּ און גענומען קושן אין די ליפּן, אין נאָז, אין די האַרטע גריבער פון די באַקן. אָט דאָס איז געווען ווייטער.

דער איניען איז שוין אַזוי אַרום קלאָר געוואָרן. עס איז בלויז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס מען איז געשטאַנען אין אַ ווילדן פראָסט און געקושט זיך אָן אַן אויפהער און אָן אַן ברעג. נאָכמער: שפּעטער איז עפּעס אַן עלטערער מענטש דורכגעגאַנגען צופעליק די גאַס, האָט ער דאָ, אויף דעם אייגענעם אָרט, אָפּגעפראָרן אַ פוס.

דערנאָך האָט מען שפּאַצירט ווייטער, און עס איז געווען קאַלט. זיי זײַנען אַרויסגעקומען צו אַ ראָג, וואו עס האָט געברענט אַ לאַמ־טערן, און אינעם עלעקטרישן קײַלעך ליכט האָבן צוגעפראָרענע פור־מאַנעס זיך געוואַרעמט אין די הייסע אָטעמס פון זייערע פערד. שטיל ווי אויף אַ פעלד.

בערע האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און צוגערופן אַ שליטן.

— נאָך דאָ אַ ביסל צײַט, — האָט ער געזאָגט, — מירן זיך אַרײַנכאַפּן פאַרשרײַבן.

פאַר כײַעלע פעטער יודעס איז עס שוין געווען אַ ביסל צופיל. דער אָוונט איז שוין געווען פול. זי האָט זיך נאָך געקליבן גיין אַהיים און דאָרטן אינדערשטיל, אויפן הייסן געלעגער, וואו ס'האָט שטענדיק געשמעקט מיט דעם טאַטנס סטרוזשקעס, איבערטראַכטן אויפסניי די זאַך: עס האָט געשלאָגן אין קאָפּ די ליבע. דערווייל האָט עס דאָס שווערע זעלמעניאַנישע בלוט קוים געקענט פאַרדײַען.

דאָס שליטל איז שוין געשטאַנען לעבן זיי.

בערע האָט אַרײַנגעזעצט די קאַלע, אײַנגעדעקט זי מיט דער פאַרפראָרענער דעקע. דאָס שליטל האָט זיך אַ ריס געטאָן און אַוועקגעשוואומען איבער דער ברייט פון גאַס. כײַעלע האָט זיך דע־

מאָלט צוגעטוליעט צו בערען מיט אַ זעלמעניאַנישן אימפּעט און דערפילט זיינע קאַלטע ברייטע פּלייצעס, וואָס ס׳האָבן שטענדיק אָפּ-געגעבן מיט אַ גלייכער רויִקייט, ווי דעמב.

*

ביילע פּעטער יודעס איז נאָכדעם געגאַנגען אין דער ווינטער-דיקער נאַכט אַהיים. אַרום און אַרום איז דער פראָסט געווען גרין, ווי אַ שטיק שליפטע גלאָז. עס האָבן איר געקלונגען אין די אויערן די אייגענע עלנטע טריט. זי איז דערגאַנגען ביז צום רעבוע־הויף, אָפּגעשטעלט זיך ביים שטוב און אַריין ניט צום טאַטן, נאָר אַוועק שוין אַ ביסל ווייטער — צו דער מומע מאַלקעלען.

פּעטער איטשע האָט געשלונגען גרויסע זופּן פון גלאָז און געפירט ווייטער דעם באַלערנדיקן שמועס:

— מען דאַרף שרייבן פון אַן אַפּאַר, מאַכמעס אויסיעס האָבן ליב, אַז מען צוקט זיי. ווייער שיין, זעסטו, לאָזן זיך צוקן אַ ט און אַ לאַנגער ך. פון אַ ל קען מען אויך עפּעס מאַכן. דערמאָן זיך, מאַלקעלע, מיינע ברייוו כאָסנוויז. האָט מען דיר כאָטש געוויזן מייך קסאַוו? אַ שאָר, — האָט ער אָפּגעזיפצט, — שוין היפּשע יאָרן, ווי איך האָב ניט גענוצט די פען.

III

דער גרויסער טומל

אינדערפרי איז געשטאַנען דער גרויסער טומל. דער רעבעזע־הויף האָט אויסגעזען, ווי אַ מוראַשניק. מען איז געלאָפן אין היילע כאַראַקעס אַדורכן פּראָסט פון איין שטוב אין דער אַנדערער. עס זיינען פאָרגעקומען אומעטום שטייענדיקע יִשעווהאַראַסן.

— ס'טייטש, ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ נעוואָלע אין רעב זעלמעלעס הויף!

— אָן כופּע־וועקעדושן!

— ס'טייטש, ס'טייטש, ביי אונדז זאָל עס גאָר טרעפן!

די אַלטע זעלמעניאַנער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַרויסגערוקטע בערד, געקרעכצט און געמאַכט מיט די פּלייצעס. די שילועס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די דאַשקעס, געשמעקט די אָנגעלאָדענע שטימונג. און פעטער יודע איז גאָר געווען אויסער זיך, אַ סימען — ער איז געשטאַנען אין מיטן שטוב און געקייט דאָס בערדל. אין צווייטן צימער איז געלעגן כייעלע רויט פון שאַנד, און ער, דער פעטער, האָט געבלאָזן אין הובל, געאַרבעט מיט הייך און אַליין אַריינגעטיינעט צו דער ברעט, אַז מען זאָל הערן אויף יענער זייט וואַנט:

— ציג, וואָס לויפסטו? וואָס שטעכט דיר אַזוי דער האָבער?

דערצו איז פעטער יודע געווען אַ מאָדערנער מענטש. ער איז געווען אַ פילאָסאָף און אַן אַלמען. מיטאַמאָל האָט ער אָוועקגעלייגט דעם הובל אויפן וואַרשטאַט, געבליבן שטיין אַ היפשע ווײַלע מיט דעם רוגזעדיקן פּאָנעם צו דער וועלט. ער האָט געטראַכט: — פאַראַנען אַ קאַבאַלע פון רעב זעלמעלען, אַז אַ כאַסענע זאָל מען פּראַווען מיט קלעזמער.

דאָס פּידעלע איז געהאַנגען אויפן וואַנט, האָט ער עס אַראָפּגענומען, צוגעהאַנגען צום הילצערנעם ווענטל, וואו ס'איז פון דער צווייטער זייט געלעגן כייעלע דעם פּעטער יודעס, און אָנגעהויבן מאַכן האַכאַנעס. ער האָט פאַרקאַשערט דאָס גלאַנציקע בערדל, צוגעשלאָסן די אויגן און גענומען שפּילן.

דאָס האָט, קלוימערשט, געדאַרפט באַדייטן: קלעזמער שפּילן אויף כייעלעס כאַסענע.

פון אָנהייב איז טאַקע דער ניגן געגאַנגען, פּונקט ווי בײַ אַ קלעזמער צו באַדעקנס, נאָר ס'האָט זיך שוין פון אים אויך געהערט אַ טויטער רייעך, ווי פון אַ געזאַנג אויף אַ בעסוילעם. עס האָט געצופּט בײַם האַרצן. דערנאָך האָט ער אָבער גענומען שפּילן אַן „איל-מאָלע-ראַכמים", אַ ניגן וועגן דעם, וואָס די מומע העסיע איז אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט און ניט זוכע געווען צו זײַן בײַ דער טאָכטער צו דער כופּע. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זײַנע אויגן, די נאַסע וויעס האָבן געפינטלט אויף די שפּאַקולן-גלעזלעך, און ער האָט שוין ניט געזען פאַר זיך גאָרנישט, בלויז צוגעהערט זיך צו דער פינצטערער היסלאָוועס, וואָס קומט אויף אײַנעווייניק; ער האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנג וועגן דער ניט שיינער טויט פון דער מומע העסיע.

דערנאָך האָט ער אויך געשפּילט וועגן דער הון.

און ווער ווייס, ווי לאַנג פּעטער יודע וואָלט דאָרטן געשטאַנען בײַם הילצערנעם ווענטל, ווען פּלוצלונג דערהערט זיך ניט אַ שטילער כליפּען פון יענער זייט, אַ פאַרשטיקטער געוויין, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, און מען האָט געפילט, ווי כייעלע וואַרפט זיך אויפן קישן און ווערט פאַרגאַנגען פון טרערן.

דער פּעטער האָט געכאַפּט אַ קענדל וואַסער און איז אַרײַן אַהין. כייעלע האָט געיאָמערט. זי האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרכאַלעשטע, אַ זופּ געטאָן און צוריק אַנידערגעפאַלן אויפן קישן. האָט זי פּעטער יודע אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז ער איז צופרידן פון דער קאַלעס טרערן און אַרויס שטילערהייט צום וואַרשטאַט.

ער האָט זיך געשטעלט צוריק צו דער אַרבעט מיט דער האַק און מיט דעם הובל, געמייסטרעוועט שוויגנדיק אַ גאַנצן טאָג, און שוין, דאַכט זיך, לאַכלוטן אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם אומגעראָטענעם שידעך. ערשט אינאָווענט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אָנשטאָט דעם אַלמער, וואָס ער האָט אינדערפרי פאַרטראַכט, האָט זיך באַקומען אינאָווענט אַ בענקל, אַ פּראָסטער בענקל.

*

ביי בערען איז אויף מאָרגן געווען אַ רו־טאָג.

פונוואַנען, פרעגט זיך, ווייס מען, אַז ביי בערען איז געווען אַ רו־טאָג? פאַראַן אַזאַ סימען: אויב בערע טוט אויס די שטיוול, איז עס אַ באַוויז, אַז ער רוט. דעמאָלט ווערט ער אַ שטאַרק רויקער מענטש. ער דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב אַ באָרוועסער, אין די גרויסע הויזן גאַליפע, און נאַשט פון די טעפלעך, כאַפּט ביי דער מומע מאַלקעלען אַ לאַטקע פון דער סקאָווראָדע, טונקט זי איין עפעס אָפּ און וואַרפט עס גלייך אַריין דורכן מויל אין בויך אַריין. ציימונגען לייענט ער שטייענדיקערהייט. דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק אויפן טאַפּטשאַן, די פיס אונטער זיך, און נעמט סטרויען דאָס באַלעליקעלע.

בערע פאַרמאָגט אין זיך אַ פּאָר האַמעטנע לידער, וואָס ער האָט געבראַכט פון די פראָנטן; זיי ליגן אין אים ווי אין אַ קעלער, נאָר עס טרעפט אַז ער זינגט זיי אַרויס אויבעט. ער האָט צום זינגען אַ שווערע בויך־שטים, און ביים ער פאַרזינגט זיך, קריכן ביי אים אַרויס די אויגן אויפן שטערן פון מעסיקעס.

ער זינגט אַ ביסל מאָדנע.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז בערע פאַרטוט זיך אין די לידער און פאַרגעסט אָן דעם וואָכעדיקן לעבן. עס טרעפט, אַז ער האַקט פּלוצלונג איבער דעם טיפן, היספּיילעסדיקן געזאַנג און טוט אַ זאָג:

— מאַמע, אין צעראַבקאָפּ גיט מען היינט פּוטער!

און דערנאָך זינגט ער ווייטער מיט נאָך מער היסלאַוועס, פאַרכלינעט זיך, און דאָס אָרעמע באַלעליקע פייפט צו.

צָ, אַ לויב צו דעם זעלמעניאַנישן נוסעך אין דער וועלט־געשיכטע.

*

בערע זיצט שוין הויפּשע עטלעכע שאָ אויפן טאַפּטשאַן, די באָרוועסע פיס אונטער זיך, און שפּילט. דאָס באַדייט, אַז דער כאַבן איז זיך מעסאַמייען אין די שיוועס יעמיי האַמישטע. דאָס העמדל איז אָפּגעשפּילעט, די ליפּן אָנגעבלאָזן, און די דעמבענע שטים גייט פון בויך:

אַז איך בין געפאָרן, קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן,
האָב איך גענומען אַ לאָבן ברויט;
אַז איך בין געפאָרן קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן,
האָב איך די בורזשויען געמאַכט דעם טויט.

און אין הויף איז מען אַרומגעגאַנגען און געזאָגט:

— ווייבער דאַרפן זיי האָבן, די שילויעס? — קאַדאָכעס דאַרפן זיי האָבן.

— ווי קומען זיי, די כאַמערוקעס, צו ווייבער?

און דער פעטער יודע איז אַריין צו כייעלען אין קאַמער:

— וואָס ליגסטו? — האָט ער געזאָגט, — דער מאַן דיינער זיצט דאָך דאָרטן אין דער מעסיבע פון ראַבאָנים און שיט פון זיך מיט שטיקער טוירע!

דעמאָלט האָט זיך בערע אָנגעזונגען, ווי אַ פויק, און איז אַוועק. ער האָט אַפילו ניט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרוואַרפן אַ וואָרט, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט.

*

שפּעט אין אָוונט, נאָך הייסע יישעווהאַראָסן, האָט זיך די מומע מאַלקעלע געלאָזן צו בערען אין דער מיליציע אַריין. עס איז באַוואוסט, אַז די מומע מאַלקעלע האָט פון טאָמיד שיינע איינפאַלן אין זיך, און איצטער איז עס אויך איר אויפטו געווען — גיין פאַרבעטן בערען אויף לעקעך און בראָנפן.

— אויב מען איז ניט קיין ייִדן, איז מען דאָך אָבער שטיקלעך מענטשן, וואָס — ניט?

זי איז דורכגעגאַנגען קאַלטע, טונקעלע קאָרידאָרן, ביז זי האָט ניט אויסגעפונען דעם צימער זײַנעם. דאָרטן, צווישן פונאַנדערגערוקטע טישן, איז דער כּאָסן געשטאַנען אַ רויטער, אַ פּאַרסאָפּעטער און געוואַשן די דילן.

די מומע מאַלקעלע האָט זיך טיף פֿאַרשעמט.

— ווי פּאַסט עס פֿאַר דיר, — האָט זי זיך צעבייזערט, — מען קען דאָך וועמען בעטן?

בערע האָט מיטן עלנבויגן אָפּגעווישט די וואָנצן און געענטפֿערט, אַז ער וועט, נישקאָשע, טרעפֿן אַליין די כאַבמע. ער האָט אַוועקגעשטעלט די באַרשט און אויפגענומען די מאַמען מיט זעלמעניאַנישער האַרציקייט.

די מומע מאַלקעלע האָט זיך צוגעזעצט גאַנץ ברייטלעך, ניטאָ זיך וואָס צו אײַלן. האָט עפּעס אַזוי זיך גענומען אַ פעדער פֿון טיש, אַ פּריזיוו געטאָן אויפֿן נאָגל און געפֿרעגט:

— בערע, די פּען רײַסט ניט?

— ניין, נו, און וואָס הערט זיך בײַ אײַך?

— ווייסט דאָך, — האָט זי געענטפֿערט, — מען לערנט אַ ביסל ייִדיש, אַ ביסל רוסיש...

אַזוי האָט מען גערעדט אַרום און אַרום.

און מען דאַרף ניט מיינען, אַז די מומע מאַלקעלע האָט פֿאַרגעסן אין יענעם אָוונט נאָך וואָס זי איז געקומען. זי האָט ניט פֿאַרגעסן. אַ מענטש דאַרף קענען בלויז צוגיין צו אַ מענטשן; און ניט אומזיסט האָט מען געשיקט אין דער שליכעס די קלוגע מומע מאַלקעלע, כאָטש פֿעטער יודע האָט זיך נאָך בײַטאָג שטאַרק געריסן, און ווי ער האָט בײַטאָג פֿאַרזיכערט, וועט ער אים דאָרטן, דעם שיינעם איידעם זײַנעם, צערײַבן אויף אַש. די מומע מאַלקעלע האָט שוין דאַפֿקע גאָרניט פֿאַרגעסן, זי האָט אַפֿילע אויך באַוויזן אַרויסצוזאָגן די האַשאָרע, אַז דאָס פֿאַרשרײַבן זיך אין זאַגס האָט עפּעס אין זיך ניט קיין האַפֿט. דאָס איז עפּעס ניט צום האַרצן.

בערע האָט צוגעשמייכלט.

דעמאָלט אַ האָט זי אים פאַרבעטן אויף לעקעך און בראָנפן.
און די מומע מאַלקעלע האָט צוגעגעבן:

— פאַרשטייט זיך, אָן צערעמאָניעס, וואָרעם? — מע איז דאָך אויך עפּעס שטיקלעך היינטיקע, קאָמסאָמאָלן...

*

אין הויף האָט מען זיך גענומען גרייטן צו אַ שטילער כאַסענע.

רויכן זיינען געשטאַנען איבער די קוימענס. קיטקעס — אויסגעפלאָכטן אויף די טישן, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. די מומע גימע ווייס דעם סאָד פון אַ באַזונדער סאָרט האָניק־טייגל, וואָס מיט זיי האָבן זיך געכייעט אירע ווייטע, בלויע ראַבאָנים. רויכעס פון צימרינג און זאַפרען האָבן זיך געטראָגן איבערן הויף.

בלויז פעטער יודע האָט נאָך עפּעס געקוקט רוגזעדיק, אָבער אויך אָן כּיין. ער האָט געהאַט עפּעס אַ מין בעגעד פון זאַמד־קאָליר, מיט אַ ברוינעם סאַמעטענעם קראַגעלע, ווי אַ שטיקל רימען, — דאָס האָט ער איצטער געטרייסלט איבערן פּראָסט.

מען דאַרף נאָך אָבער צוגיין אַ קוק טאָן צו דעם פעטער זישע אין פענסטער אַריין: אויב עס באַווייזט זיך אין פענסטער אַ פירקאַנטיקע באָרד, איבער איר ליגט אַ האַנט, וואָס האַלט זי פעסט צו, און מיט אַ קנעמל ווערט זי, די דאָזיקע באָרד, געקעמט פון אונטן אַרויף, — איז עס אַ באַווייז, אַז עס וועלן זיין גרויסע סימכעס אין הויף.

יאָ, די באָרד איז דאָ!

צאַלקע האָט געבראַכט אַ פלעשל ווייַן אַלזאַ, אין רעבעהויף טוט זיך מייסים. פעטער איטשע גייט אַרום פון באַגינען, ווי די שטילקייט אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט, ווי אַ טויב, טוט בלויז האָרכן, וואָס מען רעדט, דערביי וויל ער אויסמיידן די מומע מאַלקעס בליקן.

פאַרוואָס?

פּעטער איטשע האָט אַ טעווע צו גענומען אַ קאַפּ אויף די דאָזיקע סימנים, און דערנאָך גייט ער זיך קושן מיט די ווייבער. מען האַלט, אַז דאָס שטאַמט פון זיין ניט־איבערגעשפּיצטקייט.

עס האָט זיך אַרויסגערוקט דער טאָג, פאַרגאַנגען אָן אַ שקיע. ביי פּעטער יודען אין שטוב האָט מען אָנגעצונדן דעם גרויסן איי־זערנעם לאָקורטן לאָמפּ, וואָס הענגט אַראָפּ, ווי אַ גאַנצע מאַשין. אין שטוב איז געווען גריילעך צינטיק. עס האָט געשמעקט מיט פרישער סאַמאָוואַר ברויט. בלויז אין פירהויז האָבן זיך נאָך גע־טראָגן געדוכן פון די אַמאָליקע פאַרזעצטע געגנדן. אין פירהויז האָט נאָך אָפּגעגעבן די שמוכט.

פּעטער יודעס בערדל האָט געגלאַנצט פונעם קאַלטן וואַסער. אין זיין אַלטפרענקישן שטייפן בעגעד איז ער געווען ענלעך צו אַ דאָרפישן גאַלעכל, וואָס האָט דאָ אַהער פאַרבלאָנדזשעט צו די זעלמעניאַנער. שפּעטער־צו האָט מען געבראַכט צו פירן די באָבע באַשען אין די מאַלבושים פון אַ באַרצייטיקער קינינן. עס האָט פון איר אַראָפּגעליכטן אַ פאַלערינקעלע פון שוואַרצע פאַטשערקעס מיט טויזנטער טונקעלע קאָלירן. אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ גאַנצן בלומען־גערטנדל. פּעטער איטשע האָט זיך אַריינגערוקט אין אַרומגעצוואָגענער, די באָרד אַ ביסל אַרומגעכאַפּט מיט אַ שערעלע. דערנאָך האָבן זיך אַריינגעלאָזן פּעטער זישע און מומע גיטע. פּעטער פאָליע איז, פאַרשטייט זיך, ניט געקומען, ווייל מען האָט אים ייִנגל־ווייז באַליידיקט. שפּעטער פון אַלעמען איז אַריין צאַלקע פּעטער יודעס שלימאַזל, אַ געבילדעטער, שטענדיק פאַרקוקט אין די ביכלעך. ער איז דער, וואָס פון די נייע געלערנטע, אַז איינער רעדט אַרויס אַ וואָרט, שפּרינגט ער גלייך אויף אַ פאַרכידעשטער:

— ווי? וואָס האָט איר געזאָגט?

און באַלד פאַרשרייבט ער דאָס אין אַ ביכעלע. דעריקער האָט ער צו טאָן מיט דער באָבען, וואָס עס איז אויך ניט דער שטייגער פון יונגעלייט. נאָך אַ מידע האָט ער: ער נעמט זיך פון צייט צו צייט דאָס לעבן, נאָר דאָס געהער שויך ניט צום איניען.

מען האָט זיך אויסגעזעצט ביים טיש מיט דער זעלמעניאַנישער רויקייט און גענומען וואַרטן אויפן כאָסן.

*

ווי נאָר בערע האָט זיך באַוויזן אויפֿן שוועל, איז די מעכו־טאָנים באַפֿאַלן אַ גרויסע שטילקייט, ניט ווי אויף אַ כאַסענע. מען האָט אַפֿילע געכאַפּט קוקן מיט אַ ציטער אין די וויען. די יאַנטעוו־דיקע געזעלשאַפֿט האָט אויסגעזען שטאַרק באַשעד, און דעריבער האָט בערע אַ זאָג געטאָן באַלד אויפֿן אָרט.

— ווי עס לאָזט זיך מערקן, לויט פֿאַרשיידענע סימאָנים, קלייבט מען זיך ודאַ פּראַווען די שיינע כאַסענע? — און געקוקט האָט ער אויף דער אויסגעפּוצטער כייעלע, וואָס איז געזעסן אויף אַ קישן תּאַמע אויבנאָן, העכער פֿון אַלעמען, — יאָ, צי ניט?

— וואָרען, — האָט פּעטער יודע געענטפֿערט בייז, — אַ קנאַפּע סימכע, וואָס?

פּעטער יודע האָט געענטפֿערט מיט אַ שטאָך, ווייל ער קען ניט האַווירן מיט מענטשן.

דעמאָלט האָט בערע אַרויסגענומען ציימונגען צום לייענען. אַזוי־אַרום האָבן זיך די זעלמעניאַנער גענומען אָנשטויסן, אַז די כאַסענע וועט שוין אַראָפּ ניט אינגאַנצן בעשאָלעם. בלויז דער צעדיצטער פּעטער איטשע, מיט דעם בענדעלע אונטערגעבונדן דעם קאָלנער, איז נאָך געזעסן גרייט צו נעמען אַ קאָפּ. פּלוצלונג האָט ער באַקומען אַ ווייבערשן קניפּ אין די קני: די מומע מאַלקעלע האָט עס אים אונטערן טיש געלאָזט וויסן פֿון איר פֿאַרצווייפֿלונג, האָט ער זיך אויך גענומען אַרומקוקן מיט כשאַד.

אַז בערע האָט איבערגעלייענט די ציימונגען, האָט ער אַרויס־געלאָזן צווישן די ליפּן דעם באַוואוסטן הירזשע און גענומען קוקן צום לאָמפּ, ווי ס'איז שוין באַקאַנט זיין שטייגער אין אַזוינע פֿאַלן. ווי מען מיינט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַרויסשווייגן די כאַסענע.

דאָס איז ניט קיין גרייסער אויפֿטו, מען דאַרף עס אָבער אויך קענען. בערע האָט די זאַך לעפּיערעך דורכגעפֿירט אויף אַזאַ מין אויפֿן:

ער איז געזעסן רויק, ווי עס זיצט אַמאָל איינער אויף אַ וואָקזאַל און וואַרט, אַז זיין צוג זאָל שוין ענדלעך אָנקומען; געקוקט אויפֿן לאָמפּ, און דערביי אַרויסגעשוויגן שווייג־שטיינער אַזוינע, וואָס

האָבן זיך געלייגט אויף די נעשאָמעס פון די מעכוטאָנים, ווי זאַלץ.
נאָך אַ צען מינוט שווייגנס איז אַלעמען פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

דער מענטש איז געזעסן און געמאַזיקט מענטשן, געקוקט און קאַלט געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אַ פראָסט.

דער ערשטער, וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז געווען פעטער יודע. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן שטול, און זיינע שוואַרצע שאַרפע אייגעלעך זיינען אַרויסגעקראָכן איבער די שפּאַקולן:

— עפּשער וועסטו אַמאָל אַרויסריידן אַ וואָרט, שיינער איידעם מיינער?

צוהילף איז אים געקומען דער בלייך-געוואָרענער פעטער איטשע.

— ברענג אַרויס אַ וואָרט, זאָג איך צו דיר, בולעך, וואָרעם ס'איז דיין סימכע, דיין כאַסענע!

— און וואָס האָט מען דיר דאָ אַזוי געטאָן? — האָט זיך גענומען בעטן די מומע מאַלקעלע.

דעמאָלט האָט בערע פּאַמעלעך געענטפערט:

— הערט מיר אויף צו דולן אַ קאָפּ, וואָרעם איך זיץ און טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

— טאָ לאָמיר אויך וויסן וועגן וואָס, אַ שטייגער, אַ מענטש טראַכט? — האָט פעטער יודע ניט אָפּגעלאָזן.

— דאָס זיץ איך און איך טראַכט, — האָט בערע געזאָגט, — ווי אַזוי מען קאָן דאָ עלעקטריפיצירן דעם הויף.

די זעלמעניאַנער האָבן זיך אַרומגעקוקט. די זעלמעניאַנער האָבן ניט געוואוסט פון קיינע בייזע כאַלוימעס. דאַכט זיך, אַז וועגן הויף איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן, און אויב מען זאָל שוין צוגעבן, אַז דער רעבזעהויף לאָזט זיך יע אַרומטראַכטן, איז איצט אויך ניט די צייט אויף דעם. דאָס האָט אים טאַקע פעטער יודע אויפגעקלערט, און אים דערביי שוין דערלאַנגט אויפן איידעלן אויפן, ווייל ער איז ניט געווען פון די מענטשן, וואָס קענען פאַרשווייגן אַ זאַך.

בערע האָט זיך אויפגעהויבן, געבעטן כייעלען, זי זאָל זיך אָנטאָן און כאָסן־קאַלע איז אַוועק.

*

די שאַנד איז געווען גרויס. עס זיינען געזעסן די מעכוטאָנים אַרום טיש מיט לאַנגע פּענעמער און געקוקט אויפן טישטעך. פּלוצלונג איז אין פעטער יודען אַריין אַ טירעף. ער האָט געכאַפּט די פלאַש וויין און אַ זעץ געטאָן אָן דרערד. ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן איינגענעם בערדל און עס געוואָלט אַרויסרייסן פונעם פאַרזויי־שעטן.

אין שטוב איז געוואָרן אַ שטיקל מעהומע. לייט האָבן זיך גענומען רוקן צום טיר, בלויז פעטער זישע איז געשטאַנען רויִק, פול אָנגעגאָסן מיט שמיכל, וואָס האָט אָוש געשפּריצט פון אונטער די וויִען, און ער האָט געצויגן אַ האָר פון באָרד:

— לייטישע קינדער!...

האָט זיך פעטער יודע אַ צי געטאָן צו אים, ווי אַ שרויף, און גענומען וואַרפן מיט אַ פינגער:

— וואַרט, זישקע, דו האָסט נאָך ניט געפּאַקט און געמאָלט, ביי דיר זיינען נאָך אויך פאַראַן טעכטער!...

אויף דעם האָט פעטער זישע געענטפערט קאַלט און גרינטלעך, האַגאַם ס׳איז ביי אים בלייך געוואָרן די נאָז:

— טאָ זאָל מען טאָקע וויסן, — האָט ער געזאָגט, — אַז זישע דעם ווייגערמאַכערס טעכטער וועלן דאַפקע יע כאַסענע האָבן קעדאַט מוישע וועיִסראָעל.

לעבן אים איז שוין געשטאַנען די מומע גיטע און געהאַלטן פאַר אַן אַרבל: פעטער זישע איז געווען אַ ייִד אַ כאָלוש. ווייבאַלד ער האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט ער שוין אָבער געדעדט ווייטער און געצייעט, אַז בעסער זאָל שוין דער ברודער זיינער זאָגן פאַר דער איינענער טאָכטער, כייקען, זי זאָל, נעבעך, ניט פאַרגעסן ריידן אין דער געזעלשאַפט פון טייערער „מעצאָצע".

אָבער פאַרוואָס איז ביי פעטער זישען בלייך געוואָרן די נאָז?

דער פֿעטער זישע און די מומע גיטע

פֿעטער זישע איז אַרײַן צו זיך אין שטוב אַ שווײַגנדיקער. ס'איז שוין געווען שטאַרק שפּעט. אַדורך די קורצע, בלויע פֿענצטערלעך זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן זילבערנע דרעטלעך פֿון די שטערן. ער האָט פֿונאַנדערגעעפֿנט די טיר אין צווייטן צימער אַרײַן.

דאָרטן האָט געשמינקלט אַ קורניקל. טאַנקע פֿעטער זישעס איז געלעגן אין בעט, געקייט אַ שטיק ברויט און געלערנט עפּעס פֿון אַ דיקן בוך.

לאַנג איז געשטאַנען פֿעטער זישע אין דער האַלב־פֿינצטערניש, געגלעט די באָרד און ניט געוואוסט ווי אָנצוהויבן.

— איז וואָס זאָגסטו, גיטע?

און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער מומען, וואָס איז טאָמיד געשטאַנען לעבן אים.

— אַוואַדע איז זי ניט קיין מענטש, — האָט די מומע געענטפֿערט, — סע שטייט דאָך אַ הייסער הליאַק אין אויוון.

פֿעטער זישע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווי לאַנג איז דער שיר צו קאָמסאָמאָלעווען? — אָט דאָס פֿרעג איך.

טאַנקע האָט זיך דעמאָלט אויסגעקירעוועט געלאַסן צום פֿעטער.

— דו מיינסט עס מיסטאָמע מיך, ניין?

— און אַז דיך, איז וואָס?

— איז דיר עפּשער באַקאַנט, טאַטע, — האָט זי זיך אויפֿגעהויבן מיט די נאַקעטע אָרעמס פֿון זעלמעניאַנישן ברוין, — אַז דעם 25טן אָקטאָבער 1917 יאָר איז אויף אַ זעקסטער טייל פֿון דער וועלט פֿאָרגעקומען די ערשטע גרויסע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע?

— נו?

— נו, איז אָט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, — זי האָט אַ שמייכל געטאָן אינעווייניק און זיך ווידער גענומען צום בוך.

פֿעטער זישע האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגנאיבער דער מומען:

— גיטע, דו הערסט? בערעלע אונדזער איטשקעס איז דאָך געוואָרן דער מאַכער...

— און דו וואָלסט בעסער געוואָלט, ניקאָלײַקעלע זאָל זײַן דער מאַכער? — האָט טאָנקע דאַסטיק אַ פרעג געטאָן.

— איז וואָס? פאַר ניקאָלײַקעלען, נאַרעלע, מײנסטו, האָט זיך יידן געלעבט שלעכט?

טאָנקע האָט פּלוצלינג אַ שפּיי געטאָן, די שטיק ברייט אַ וואָרף געטאָן אָן דרערד, פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, אומגעקערט זיך צום וואַנט און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע אַריבערן קאָפּ.

עס איז געוואָרן פינסטער און שטיל, טויב־שטיל צווישן די לאַנגזאַמע, פאַרשיידענע קלעפּ פון דעם פעטער זישעס אַלע זייגערס, וואָס האָבן אַראָפּגעקלאַפּט אין צווייטן צימער פון די ווענט, ווי אַ גראָבער רעגן. עס איז געוואָרן פינסטער ביז טיף אַהינטער די אויגן.

— קיבעד־אַוו, האַ? — האָט פעטער זישע אַרויסגערעדט פון בויך.

נאָכדעם איז מאַטע־מאַמע אַרומגעקראָכן און געטאַפּט איבערן שטוב, איבערגעשריען זיך מיט מאַטע, וואַסערדיקע שטימען, און דאַכט זיך, אַז פעטער זישע האָט דעמאָלט שאַרף פאַרװײלט די הײנטיקע אָרדענונג.

*

וואָס איז עס פאַר אַ ייד, דער דאָזיקער זישע דער זייגערמאַכער?

קוידעמקאָל איז ער אַ ייד אַ כאָלוש. באַלד נאָך דער כאַסענע האָט פעטער זישע פּראָקלאַמירט זײַן כולשעס פאַר דער וועלט און אַלע האָבן עס אָנגענומען. עס קומט אים אויס צו כײַען מיט אַ ייַכל, מיט אַ ציטרין. פון זײַן זייגערמאַכערײַ, זאָגנדיק דעם עמעס, האָט מען קיינמאָל גאָרנישט. די מומע גיטע דאַרף נאָך דערצו פאַרקויפן פאָדעם איבער די קאָאָפּעראַציע. אייגנטלעך, איז זי, די מומע גיטע, די גרויסע כאַלאַנעס, לײַדט אויף אַ היפּש ביסל קראַנקהייטן, וואָס צווי פון זיי, ווײס מען, האָט זי באַקומען בירושע פון אירע ראַבאָנים און פיר האָט זי אַליין אויסגעכאַפּט מיט די אייגענע קוי־

כעס. דאָקטוירים האָבן אַפילע אַנומלטן פאַרזיכערט, אַז זי וועט אײַנגיכן מאַכן אַ שטאַרב, איז זי דערייבער אָפּגעהיט, און אַז זי קומט אַרויס פון קראָם, פאַרשרייבט זי גלייך די כוועס, טאָמער טרעפט זיך דער אומגליק אונטערוועגנס, זאָל מען וויסן נאַכער ביי וועמען צו מאָנען פאַר פאָדעם.

און וואָס איז עס פאַר אַ יידענע די מומע גיטע?

זי איז אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ ביינערדיקע, אַ פאַרשפּילעטע ביזן האַלדז. צייטנווייז טוט זי אַ רייד מיט אַ מאַנסבילשן קאָל. אַ שווייגערין איז זי אויך, ווי די זעלמעניאַנער, נאָר איר שווייגן איז שוין עפּעס אַנדערש — אַ ייִדענער, מיט אַ ביסל טרויער, מיט אַ ביסל טביילעס פון טאַלייסים. בערע, לעמאָשל, האַרגעט דאָך מענטשן מיט זיין שווייגן, נאָר אַז די מומע גיטע זעצט זיך אַמאָל אַזוי אַוועק דורכשווייגן זיך אויף עטלעכע שאָ, איז עס אַ געזאַנג, אַ פידלשפּיל.

*

נאָך האַלבער נאַכט האָט פעטער זישע אויפגעהויבן דעם פאַרשלאָפענעם, פירקאַנטיקן קאָפּ פון קישן און גענומען וועקן די ווייב:

— סאָרקע איז שוין דאָ? מען פרעגט דאָך ביי דיר, סאָרקע איז שוין דאָ?

געמיינט האָט ער די עלטערע טאָכטער, סאָניע דעם פעטער זישעס, וואָס אַרבעט אין פּאָלקאָמפּין.

IV

פעטער פאָליע

דער פעטער פאָליע גייט מיט אַן אייגענעם, אָפּגעשיידטן, האָרעפּאַשנעם וועג אין לעבן.

ער שווייגט דריי מאָל: איינמאָל, ווייל ער האָט ניט וואָס צו זאָגן, אַ צווייטן מאָל, ווייל ער האַלט פון קיינעם ניט אין הויף, אַ דריטן מאָל, ווייל מען האָט אים קליינערהייט באַליידיקט.

מיט 35 יאָר צוריק איז ער אַלט געווען סאַכאַקל 10 יאָר. דעמאָלט האָט מען איבער אים אָפּגעטאָן אַ גאַזלעוואָסטווע — מען האָט אים, נעבעך — געשמיסן, שיר ניט פאַרשמיסן אויף טויט.

רעב זעלמעלע האָט נאָך דעמאָלט געהאַנדלט מיט קעלבלעך; ערשט דאָ ניט לאַנג געהאַט געקומען פון „טיף ראַשיי". די קינדער (זישקע, יודקע, איטשקע דער באָק) זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן קלייבן ביינער, און אים, דעם פעטער פאָליע, האָט מען ניט מיטגענומען.

— מיט אָט דעם לאַמעדודע, — האָבן די קינדער געזאָגט, — גייען מיר ניט. ער איז ניט מאַזלדיק!

האָט דער פעטער פאָליע דעמאָלט געטראַכט שטילערהייט בייזע פּלענער, ווי צו איבעראַשן די שטוב, אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק איבער די הויפן, גענישטערט אין די מיסטקאַסטנס — קיין עמעס ביינער האָט זיך ניט געמאַכט; און ער האָט זיך אָפּגעשיידט אַליין מיט זיינע פינסטערע געדאַנקען.

בעכיין, האָט זיך פעטער פאָליע נאָך יינגלוויז אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָפּגעשיידטער נאַטור.

אַמאָל, פֿאַרנאַכט, איז ער זיך געגאַנגען באָדן. בײַם סאַמע טײַך אין אַ גרוב איז געלעגן אַן אָפּגעשונדענער פֿערד. פּעטער פּאָליע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרײַנגעקוקט אין דער שטילער פֿינס־טערניש פֿון אויפֿגעשניטענעם בויך, באַטראַכט די פֿאַרריסענע פֿיס, און מיטאַמאָל האָט אים אַ זעץ געטאָן אַ שרעקלעכער געדאַנק:

— פֿון אַט דעם פֿערד מיט די ביינער קען מען ניסאַשער ווערן!

ער האָט זיך קוים ווײַנענדיק געלאָזן אַהיים נאָך אַ זעקל.

דרײַ טעג האָט ער געהאָרעוועט, געשלעפּט אויפֿן פּלײצע שטיקער פֿערד און געשטאָפּט בײַם טאַטן הינטערן אויוון.

רעב זעלמעלע איז גראָד געווען אין דאָרף, צוריקגעקומען איז ער ערשט באַגינען, און שוין בײַם איבערשרעטן די שוועל האָט ער זיך גענומען ווישן די נאָז.

— מאָרע־באַשע, ס׳ע טראָגט בײַ דיר אין שטוב!

בײַם אָנבײַסן האָט ער שוין אַ זאָג געטאָן קלערער און בײזער:

— מאָרע־באַשע דאָ טראָגט עפּעס מיט געפֿײגערטן פֿערד!

די באָבע האָט געעפֿנט די פֿענסטער, אַרויסגעטאָן ס׳צעבערל, אַרײַנגעקוקט אין קאָטוך, אונטער די בעטן — ניטאָ גאָרנישט.

און דעמאָלט איז גראָד עפּעס אַ ייד דורכגעגאַנגען די גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַרײַנגעשריען אין שטוב אַרײַן:

— רעב שאָכן, מאַכט צו די פֿענסטער, מאַכמעס איר פֿאַר־אַוועט אַ וועלט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ גוזמע; אָבער מען דערציילט, אַז רעב זעלמעלע איז דענסטמאָל געוואָרן אײשלעהאָווע, כאָטש ער איז דאַפֿקע געווען אַ מענטש אַ געלאַסענער. ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דער קלאַפּע, ווי ער וואָלט קלוימערשט זיך גופֿע געקליבן אַרויסוואַרפֿן פֿון שטוב, און גענומען שרײַען:

— די רעגע זאָל מיר דאָ ווערן רײנער די לופֿט!

די באָבע האָט זיך געכאַפּט צום ווישעטש, גענומען גיסן און ווישן, און די קינדער האָבן זיך אַ נעם געטאָן שנײַצן די נעז־לעך, קאַמען די קעפּלעך; די לופֿט האָט שוין טאַקע געהאַלטן

ביים ווערן רייִנער, אָבער דאָ האָט דער פּעטער איטשע (איטשקע דער באָק) גענומען שרייען פון ערגעץ וווּ:

— טאַטע, אָט איז ער!

— ווער?

— דער גאַנצער פערד!

דער פעטער איטשע האָט אַרויסגעשלעפּט אויפן אַקסל אַ שוואַרץ געוואָרענעם הינטערשטן געלענק פון אַ פערד. עס האָט זיך געקערט כוישעך. רעב זעלמעלע האָט דעמאָלט גענומען שליידערן פון איבערן וואַנט כּאַלאָקים פּעגירע, ווי אין אַ יאַטקע, און געוואָיעט ניט מיט אַ מענטשלעכן קאָל:

— אוי, איכל קאַטעווען די הויט!

— אוי, איכל ניט איבערלאָזן אַ ביין אויף אַ ביין.

באַלד האָט מען בישטיקע פאַרגראָבן דעם פערד אַהינטערן שטאָל.

דער פאַרליימיקטער רעב זעלמעלע מיט דעם צושויבערטן בערדל איז אַריין אין שטוב, צו שווייגנדיק צום בעזעם, אויסגעקליבן אַ פאָר האַרטע ריטער, און ווי ער וואָלט געגאַנגען טאָן עפּעס אַ הייליקע אַווידע, האָט ער ניט געאײַלט אַרומגעשטעלט די אַלע פאַרבלאָטיקטע באָנימלעך אַרום זיך און געטרעגט:

— זאָגט מיר, ווער פון איך, באָנים מאַשכיסים, דאַרף זיך דאָ איצטער לייגן אויפן בענקל?

פעטער פאָליע איז אַרויס מיט אַ פינסטערן פּאָנעם און אָפּגעזאָגט:

— טאַטע, איך דאַרף זיך דאָ איצטער לייגן אויפן בענקל.

טייקעף האָט די באָבע-באַשע געכאַפּט די פּאַטשיילע און אַרויסגעהעשעט אין דרויסן.

אין שטוב איז געוואָרן פייערלעך שטיל. פעטער זישע און פעטער יודע האָבן אָנגענומען דעם „לאַמעדווע" פאַר די הענט. פעטער איטשע — פאַר די פיס, און די שמייסערײַ האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ געלאַסן, נאָכדעם אָבער אַלץ הייסער און הייסער.

פעטער פאָליע איז געלעגן, ווי אַ קלעצל, רויק, שטיל, אַ זיפץ ניט געטאָן.

פלוצלונג האָט ער זיך אָבער אַ ריס געטאָן צו רעב זעלמעלעס קני, אַריינגעביסן זיך אין איר, ווי אין אַ טייג, און שוין ניט אָפּגעלאָזן, ביז דער מויל איז ביי אים ניט פאַרלאָפן מיט בלוט.

דער פעטער פאָליע איז דעמאָלט אַנטלאָפן.

היפשע וואָכן האָט ער זיך נאָכדעם אַרומגעדרייט אין די שכיינעסדיקע סאָפּזומערדיקע גערטענער, געשלאָפן הינטער פלענקענער, און פעטער איטשע פלעגט אים דאָרטן ברענגען שטיקער ברויט פון דער באָבע באַשען.

רעב זעלמעלע האָט געלייגט הייסע טיכער צום פוס, געשוויגן און שטאַרק אַריינגעטראַכט. רעב זעלמעלע האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם, אַז דער פערד איז עפּשער אַ העכערער סאָרט ווהונק צו אַ טאַטן, וואָס מען דאַרף טאָן צו זיין קינד.

אַמאָל, פאַרנאַכטלעך שוין, האָט ער אַוועקגעשיקט דעם קליינסטן זון זיינעם, דעם פעטער זישען, ער זאָל מודיע זיין פאַר דעם העפקער־יונג, אַז דעם טאַטנס צאָרן האָט זיך געשטילט און ער קען זיך שוין צוריקקערן אַהיים.

פאָליע איז צוריקגעקומען.

קידעמקאָל האָט ער אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, מען זאָל אים אָפּגעבן גאָר דאָס עסנוואַרג, וואָס עס קומט אים פאַר די עטלעכע וואָכן. מען איז אים אַנטקעגנגעקומען. אַלע האָבן גענומען טראָגן צום טיש. מען האָט דערלאַנגט ברויט, אָנגעשטעלט פולע שיסלען, און פעטער פאָליע האָט באַשיינפערלעך דערוויזן, וואָס ער קאָן. ביים ער האָט שוין געהאַלטן ביים לעצטן שיסל, האָט זיך רעב זעלמעלע צו אים געקערט מיט טיפער פאַטערישער ליבע:

— גיי, מיין קינד, שלאָפן, מאַכמעס באַגינען פיר איך דיך אָפּ צו מענדען אין דער גאַרבעריי.

אַזוי אַרום איז פעטער פאָליע געוואָרן אַ גאַרבער. דער ערשטער גאַרבער אין רעב זעלמעלעס מישפּאָכע.

*

*

ער האָט זיך נאָך מער אָפּגעשיידט פֿון אַלעמען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער שוין געהאַט ברוינלעכע נעגל, ווי שטיקלעך קופּער. גערעדט האָט ער שוין מיט קיינעם ניט.

עפּעס אין אַ הייליקן פֿרייטאָג צו נאַכט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ גאָרקיך און אויסגעטרונקען אַ פֿלאַש בראָנפֿן. מען האָט אים געבראַכט אַהיים קוים אַ געשטאָרבענעם, פֿאַרקויטיקט און שיכּור, ווי לאָט. בּיסלעכווייז האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט מאַכן דעם טרונק, און אין דער גאַרבעריי איז ער געוואָרן — מייסטער פֿון שקאַליק. פּעטער פּאָליע האָט געהאַט די מיילע, וואָס ער פֿלעגט טרינקען שווייגנדיק, שטילערהייט, עתּעץ אין אַ ווינקל־שענק.

יענע צייטן האָבן זיך גראָד פֿאַרשפּרייט אַ פֿאַלשער קלאַנג, אַז אויך פּויערים קלייבן זיך אָנטאָן שטיוול. די גאַרבער וועלן מאַכן שטיקער גאָלד. פּעטער פּאָליע האָט זיך דערפֿרייט, וואָס ער וועט כאָטש מיט עפּעס קאָנען אָפּטאָן דער פֿאַמיליע זיינער. נאָר אַפֿילע דעמאָלט, שטייענדיק אין טונקעלן צאַפּ ביז ידי קני אין רויער קאָרע, פֿלעגט אים אומגעריכט באַפֿאַלן אַ זלידנער געדאַנק:

— ער האָט דאָך מיך געקאָנט מאַכן פֿאַר אַ שניידער, און אויב דאָס איז אַן אַפּקומעניש פֿאַרן פֿערד, האָב איך דאָך געמעגט זיין אַ שוסטער אויכעט?!

*

רעב זעלמעלע איז געשטאָרבן.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער טויט זיינער האָט שטאַרק צערודערט די זעלמעניאַנער, לאָזן אָבער אַ טרער האָט זיך געפּאַסט לעכאָלעדייעס. איז דאַפֿקע פּעטער פּאָליע דעמאָלט אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, די הענט אויף הינטער, געגענעצט און אַליין געטײַנעט צום מענטשן:

— מען וועט אים שוין אַמאָל אַרויספֿירן, צי ניט?

נאָכמער:

אין דער וואָך פֿון שיווע האָט ער פֿון ערגעץ־ווו געבראַכט אַהיים אַ קליין, שוואַרץ טרויעריק ווייבל. בלויז פֿאַר דער באָבען

האָט ער דערקלערט, אַז פּאַליע מעג זיך שוין דערלויבן האָבן אַ ווייב און אַז וואַרטן איז ניטאָ וואָס.

דאָס טרויעריקע ווייבל איז, אַגעוו, אויפן שטול קיינעם ניט געפעלן געוואָרן. מען האָט אויסגעפונען, אַז זי איז אַן אומצוכט. דאָס ווייבל האָט זיך שטאַרק פאַרשוואַרן, אַז ניט; ס'האָט ניט געהאָלפן — די זעלמעניאַנער זיינען מענטשן מיט פעסטע כאַראַקטערן.

אינגיכן האָט זיך אָבער געעפנט איר מוטערטראַכט, זי האָט ברייט אַוועקגעקינדלט, פאַרנומען זיך אויף גרויס, און מען האָט זי צוליב דעם אַליין אַריינגענומען אין דער מישפּאָכע.

אירע קינדער האָבן געהאַט די פּאָרים פון קירבעסן — קורצע, אויפגעלאָפענע, מיט אָנגעגאָסענע קעפּ, כוץ איינער — מאָטעלע דער שוואַרצער, וואָס האָט געטראָגן דעם אָנבליק פון פעטער פּאַליען. דעריבער פלעגט ער אים טאַקע פאַרנאַכט, ווען אַלע טאַטעס צעזעצן זיך אויף די פריזבעס מיט די קינדער אויף די הענט, אויך נעמען אויפן שויס און שנעלן אין נאָז פון ליבשאַפט וועגן. אירע קינדער (דער ווייבלס) האָבן ביים וואַקסן אַרויסגעוויזן נאָך אַ מאָדנע אומפּאַרשטענדלעכע איינגנשאַפט, נעמלעך — דאָס ערשטע וואָרט, וואָס זיי פלעגן אַרויסברענגען פון מויל און נאַניק דיסלעך, איז געווען ניט טאַטע, ניט מאַמע, נאָר עפּעס אַ וואָרט אַ גאַנץ ווייטיקס:

— „נאָך".

האָט מען זיי געגעבן אַ מויצקע ברויט מיט אַן אוגערקע, צי אַ רעטעכל, צי אַ טעלערל שטשאַווע, פלעגן זיי אויפעסן און שרייען:

— נאָך!

געווען ביי איר אַ קינד, כאַניע, וואָס האָט אַפילע איינמאָל געשריען נאָך, נאָכדעם ווי עס האָט אויפגעגעסן אַ שטיק זייף. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים ניט געגעבן.

*

אין 1914 איז פעטער פּאַליע אַלט געווען דרייסיק יאָר.

ער איז אַוועק אויף דער מילכאָמע ווייענדיק. אויף מאָרגן האָט מען שוין ניט געוווסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

דאָס קליינע, טרויעריקע ווייבל איז דעמאָלט אַרום אויפֿן רעבּזעהויף מיט אַלע אירע קינדער און, גייענדיק פֿון טיר צו טיר, האָט זי אים זייער שוין באַקלאָגט, אַפֿילו מיט אַ ניגון. דערנאָך איז זי אַוועק צום ראָוו האַלטן זיך אַן אייצע, צי זי מעג, הייסט עס, פֿאַר אירע יעסוימים אַריינגעמען אין שטוב אַ נייעם שפּייזער.

דער גרעסטער צאַר, מיינט מען, איז טאַקע געווען אויף דער ווייבל.

אין פֿינף יאָר אַרום איז פּעטער פּאָליע אומגעריכט צוריקגעקומען פֿון עסטרייך. באַלד אויפֿן שוועל האָט ער פֿאַרטרויט פֿאַר זיין ווייבל, אַז ער האָט געגעבן זשאַבּעס, און אַז מער האָט ער ניט וואָס צו דערציילן. דאָס ווייבל האָט זיך אויך ניט שטאַרק נאָכגעפֿרעגט.

דריי טעג איז ער געזעסן אין שטוב פֿאַרשפּאַרט מיט דער טרויעריקער ווייב, געבּייעט דאָס האַרץ מיט האַרטע, טונקעלע בּלינעס, וואָס זי פֿלעגט אים אויסקערן גלייך אויפֿן טיש, און ער האָט אַזוי בּיסלעכווייז אויפֿגעשטעלט די רוינירטע קויכעס.

דער פּעטער פּאָליע האָט זיך געשטעלט צוריק אַרבּעטן אין דער אַמאָליקער גאַרבּעריי. איצטער האָט זי שוין ניט געהערט צו מענדע דעם גאַרבּער, נאָר צו עמעצן אַן אַנדערן, וואָס מען האָט אים אַי יע געזען, אַי ניט געזען.

פֿאַר דער צייט, וואָס ער האָט געראַמט די שטאַלן בּיי ערגעץ אַ געשטופּלטער דייטשקע אין טיראָל, איז דאָ פֿאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע (אָ, ווען פּעטער פּאָליע קען דערגיין דעם עמעסן טייטש פֿון וואָרט!) און דער אַרבּעטער-קלאַס (ווען מען גיט עס אים צו פֿאַרשטיין, אַלעמיי מען רעדט אַרויס אָט די צוויי ווערטער צוזאַמען!) האָט פֿאַרכאַפּט די מאַכט. די בּורזשואַזיע (דאָס אייגענע, וואָס גווירים) שטעלט אַרויס אַ העפּטיקן ווידערשטאַנד (דאַפֿקע יידישע ווערטער, אָבער קלעפּן זיך שטאַרק צו דער צונג). מאָדנע קומט אָבער אויס, וואָס די ר ע וו אָ ל ו צ י ע שטאַמט פֿון דאָניען און פֿון יענעם דאַרן גויישקן שפּיגל-פֿאַלשער, די בּיידע, וואָס האָבן געהאַט אַ טעווע רוקן אַלעמען אין די קעשענעס שירהאַמיילעסלעך, פֿאַר וועלכע מען פֿאַרזעצט אין קוטשעמענט.

ער, פּאָליע, האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט, ער האָט זיי אין דרערד. איצטער איז שוין אָבער טשיקאַווע צו וויסן, וואָס דער-פון וועט אַרויסקומען:

— דער אַרבעטער-קלאַס איז דיר ניט מענדע!

און פעטער פּאָליע האָט זיך דערוויל גענומען צוריק צו דער אַכילע.

*

אַנומלטן איז צו זיי אויפן זאַוואָד געקומען עפּעס אַ וויכטיקער כאַווער אָפּנעמען אַ קעסל, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין הויף פון זאַוואָד, פאַר אַן אַנדער פאַבריק. די גאַרבערייַ האָט זיך דאַפקע איינגעשטעלט פאַר דעם דאָזיקן קעסל, ניט געוואָלט אָפּגעבן בע-שומויפן, און דער קרומער טראָכים פון נאָווינקי, אַן אַלטער אַר-בעטער, האָט דעמאָלט אַ געשריי געטאָן:

— וואָריאַש! מיר זיינען דער באַלעבאָס פון לאַנד!

ער האָט אָנגעוויזן אויף זיך און אויף דעם פאַרגליווערטן פע-טער פּאָליען לעבן אים.

דער פעטער איז געוואָרן מעוווהעל, בײסמייסע האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון גאַנצענעם איניען:

— ניע, טאָוואַרישטש, יאַ נייע כאָזיאַין, אָ, ניע! — האָט ער געטײַנעט.

נאָכדעם איז ער אָבער געגאַנגען אַהיים פאַמעלעך, פּוסטריט, מיט אַ שמייכל אויפן גראָבן וואָנג, און ביי אים אין קאָפּ האָט זיך עפּעס געקאַלופּעט, ווי אַ ווערעמל אין אַ גריבל.

דעמאָלט האָט ער זיך אין שטוב ניט געכאַפּט באַלד צום עסן, ווי געוויינטלעך. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די דריי טונ-קעלע צימערלעך, געריבן זיך די בערשטלדיקע מאָרדע, און נאָ-כער האָט ער זיך פלוצלונג אַ ווענד געטאָן צו דער ווייב:

— גיי אַראָפּ אין הויף און גיב איבער, אַז פּאָליע איז שוין געוואָרן אַ באָלשעוויק.

די טרויעריקע יידענע האָט געשוויגן, ווי אַלעמאָל, און איז אַראָפּ געהאָרכזאַם אויספילן די שליכעס פון מאַן.

פּעטער פּאַליע איז געבליבן וואַרטן ביים טיר. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער דערפֿילט אַ גײַסטיקע אומרויִקייט, עפּעס אַ מין אײדעלע שיקרעס, וואָס שלאָגט ניט פֿון מאָגן, נאָר פֿון האַרצן.

דאָס ווײַבל (מען רופֿט זי כיענע אָדער העניע — פֿאַרהערט איר נאָמען) האָט עס געמאַכט אונטן בעקיצער, אַרײַן אַהער, אַהין, אַבי אָפּגעזאָגט. און אַז זי איז שפּעטער אַרויפֿגעקומען, האָט ער זי באַלד אויף די טרעפּ באַגעגנט:

— נו וואָס?

— דערציילט, — האָט זי געזאָגט.

— איז וואָס־זשע האָבן זיי געענטפֿערט?

— זיי האָבן געלאַכט, — האָט זי געזאָגט טרויעריק.

פּעטער פּאַליע האָט אַ זיפֿץ געטאָן, שטיל און פֿאַרזאָרגט אַרײַן צוריק אין שטוב און איז שוואַרץ געוואָרן ווי קויל.

זופֿנדיק נאָכדעם פֿון דער גרויסער שיסל, האָט ער געטראַכט, אַז מיט זעלמעניאַנער טאָר מען ניט האָבן קיין מאַגעומאַסע, און דער איקער דאַרף מען זיך אַרײַננעמען אין זינען, אַז די שפּעטערדיקע יונגע ווערעם זײַנען נאָך ערגער פֿון דעם אַלטן דאָר.

ער האָט פֿײַנט געהאַט די זעלמעניאַנער אין וואָרצל.

V

עלעקטרע

בערע האָט זיך באַוויזן אין הויף. פון הימל האָט זיך אויסגעגאָסן דעמאָלט אַ ביסל וואַרעמער, ניטווינטערדיקער שיין, אַ שפּריץ געטאָן איבער די דובלט־פענסטער מיט אומגעריכטער וועסנע. אויף דעם שוואַרצן שטעגעלע, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן הויף, איז געגאַנגען בערע מיט פאַמעלעכע טריט, נאָך אים — עפּעס אַן אַרבעטער. מען האָט באַקוקט די דעכער, באַטאַפּט די ווענט, און אַלץ אַזוי געצויגן מיט די פינגער איבערן הימל.

אויב אַזוי, איז מען אין רעבזועהויף ווידער געוואָרן אומרויק.

— אַ נייע גזירע!

— אַ טשיקאַווע זאַך צו וויסן, וואָס האָט ער שוין ווידער פאַרטראַכט, דער מאַנעבאַרע?

די מומע מאַלקעלע האָט איינגעזען, אַז עס פּאַסט דאַפּקע איצטער אַרויסלייגן אויפן טיש די העפטן און די ביכער.

נאָכדעם איז טאַקע בערע אַריין אויך אין די שטיבער, באַטראַכט די באַלקנס, די ווענט, און אַרויס.

בעכיין, האָט ער, הייסט עס, ניט געפונען פאַר נויטיק אַפילע אַרויסריידן אַ וואָרט.

אינאָוונט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז בערע קלייבט זיך עלעקטריפיצירן דעם הויף, ער וועט צונעמען די לאָמפּן און אָנשטאָט זיי גיט ער עלעקטרע.

טכילעס האָט מען ניט געוווסט, ווי אָנצונעמען די זאַך און ווי גרויס איז די שלעכטס: מאַנכע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַפילע אַ טויווע פאַרן הויף. מען האָט עפּעס אַרויפגעכאַפּט אויף זיך

און געלאָפֿן צום פֿעטער זישען הערן, וואָס זאָגט ער. דאָרטן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די גזירע איז גרויס צוליב צוויי טעמים:

1) ווייס מען ניט, ווי זיך צו באַגיין מיט דעם, 2) איז די עלעקטרע ביכלאַל ניט פֿאַר דעם געמיינעם מענטשן.

— עלעקטרע האָב איך האַלט ביי לייטן! — האָט אַ זאָג געטאָן פֿעטער יודע.

— איר הערט מיין וואָרט, ער וועט אונדז נאָך אַריינטרייבן אין גרוב אַריין! — פֿעטער זישע איז אַרומגעגאַנגען און גערעדט צו דער באָרד.

בלויז פֿעטער איטשע האָט געפֿינטלט מיט די אויגן און זיך געכידעשט:

—כ'פֿאַרשטיי ניט, סאָפֿקאָלסאָף, וואָסי דאָרטן אַזוי? אין בעסמעדרעש איז דאָך אויך פֿאַראַן עלעקטרע?

דעמאָלט איז פֿעטער זישע געבליבן שטיין ווי אַ צוגעקאָוועטער:

— וואָס זאָגט איר צו דעם נייעם כאָכעם, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די ווייבער, — נו, און אַז אין בעסמעדרעש איז פֿאַראַן אַ בימע, איז דאָ אויך פֿאַראַן אַ בימע?

שלעכט האָט זיך אָפּגערופֿן די זאַך אויף דער באָבען. לעכאַטכילע האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז בערע קלייבט זיך גראָבן אַ ברונעם אין הויף, האָט זי געשוויגן, און זיך דערמאָנט מיט קלעמעניש אָן רעב זעלמעלען, וואָס האָט שטענדיק געכאָלעמט וועגן אַן אייגענעם ברונעם. עס איז איר אָבער, קענטיק, ניט באַשערט געווען: ער האָט אָפּגעטרונקען אַ גאַנץ לעבן פֿרעמד וואַסער, געשטאָרבן, און זיין כאָלעם איז ניט מעקויעם געוואָרן.

נאָכדעם, אַז זי האָט זיך פֿאָרט געכאַפּט מעקויעך וואָס עס הערט זיך, איז זי בלייך געוואָרן, און קוים וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, אָבער גאָר מייסע מענטש:

— זייט וויסן, — האָט זי געזאָגט, — אַז קאָלומאַן איך לעב, וועל איך ניט לאָזן האַקן קיין ווענט!

*

בײַנאַכט זײַנען די אַלטע זעלמעניאַנער געשטאַנען אין פינסטערן הויף און אַרויסגעקוקט אויף בערען. דער הימל איז אין יענער נאַכט צונויפגעשטעלט געוואָרן בלויז פון דריבנע שטערנדלעך. מען איז געשטאַנען אײַנגעוויקלט אין די פּאַטשיילעס, אָנגערוקט אין די קאָלנערס און געהעשעט. שפּעט־שפּעט, אַרום האַלבער נאַכט, האָט זיך באַוויזן בערע פון גאַס, האָט מען אים אַרומגענומען פון אַלע זײַטן, צוגעשטאַנען און אָנגעהויבן טײַנען:

— הער, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אונדז, וואַלד־גאַזלען?

— לאָז אונדז שוין אָפּלעבן די יאָרן בײַ די אַלטע לאָמפּן!

— אַז מיר זײַנען דיר מוחל די עלעקטרע!

— גענוג צו מאַטערן, ברודערקע, דעם אַלטן קאָסטאַר!

בערע איז געשטאַנען צווישן זיי מיט אַ האַרטן דעמבענעם האַלדז און געשוויגן. אויפן הימל איז געלעגן די לעוואָנע, מיט אַ קילן שײַן האָט זי באַלויכטן בערעס באַק און די קאָסטאַרישע פּלייצעס פון די זעלמעניאַנער.

*

אינדערפרי האָט אַן אַרבעטער אָנגעקלאַפּט צו פעטער איטשען, געבעטן אַ לייטער. עס האָט זיך שוין, אַפּאַנעם, אָנגעהויבן. אינמיטן הויף זײַנען געלעגן אָנגעוואַלגערט מאַכשירים און בינטלעך דראָט. די אַרבעטער זײַנען זיך באַגאַנגען מיט דעם זעלמעניאַנישן הויף אָן קיין שום ראַכמאָנעס.

די זעלמעניאַנער גופא זײַנען אַרומגעגאַנגען שטיל און מאַט, ווי ס'וואָלט געלעגן אין הויף אַ כוילע מעסוכן.

מען האָט געקוקט מיט ווייכע אויגן.

פעטער זישע האָט זיך אָנגעזעצט בײַם זייגערמאַכערישן טישל און ניט באַוויליקט אַרויסצוגיין. געמיינט האָט ער, אַז דערמיט טוט ער עמעצן אין בייז. דערפאַר האָט זיך אָבער פעטער איטשע אַרומגעדרייט אומעטום, ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף ניט, אַז די אַרבעטער האָבן געמוזט שרייען צו אים פון די לייטערס אַראָפּ.

אַרום רעבזעהויף האָבן זיך געקליבן אַלטע יידן, באַטראַכט די זאַך, אַרומגערעדט ברייט דעם אויפטו פון עלעקטרע. יידן האָבן

געזען, אַז מען פֿאַרדראָטעוועט אומזיסט און אומנישט אַ הויף, האָבן די אײַנגעפֿונען אין דעם אַ פֿינגער פֿון נעגישעם. רעדלעך זײַנען גע־שטאַנען אַ גאַנצן טאָג.

אינאָוונט האָט אַ ייִד מיט אַ קאָטיקענעם כייפּעץ אויפֿן קאָפּ, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ היטל, דערקלערט פֿאַר אַ רעדל מענטשן אי די מײַלעס, אי דעם סײַכל פֿון עלעקטרע, אָבער אַזוי טיף, אַז קיין לעבעדיקער מענטש האָט ניט פֿאַרשטאַנען.

ער האָט ניט געהאַט, קענטיק, דעם קויעך פֿון האַספּאָרע.

מיט אַמאָל איז פֿון ערגעץ אויסגעוואַקסן דער פֿעטער יודע, און מאַכמעס ער איז געווען אַ פֿילאָסאָף פֿון גאָט, האָט ער גענומען פֿון הינטן אַרום אויסטײַטשן פֿאַר דעם רעדל מענטשן דעם סאָד פֿון עלעקטרע.

— נאַרישע ייִדן, וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ ניט? — איר האָט געזען דעם מויער מיטן קוימען בײַם ברעג טײַך, געזען? אָטאָ דער מויער פּאָמפּעט אין זיך אַרײַן וואַסער, קאָכט עס איבער אויף עלעק־טרע און שיקט עס פֿונאַנדער נאָכדעם איבער די דראָטן.

די ייִדן האָבן ניט פֿאַרשטאַנען.

— נאַרישע ייִדן, וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ ניט? — פֿעטער יודע האָט זיך שוין געהיצט, — אַז סע קאָכט אַ טאָפּ אויפֿן פֿייער, גייט אַ פּאַרע, צי ניט?

— סע גייט.

— און וואָס איז אַזוינס פּאַרע, ווייסט איר? דאָס איז באַלד רויך, און רויך איז שוין באַלד פֿייער.

— וועט איר טאַקע באַלד האָבן דערפֿון עלעקטרע! — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער ייִד מיט דעם קאָטיקענעם כייפּעץ אויפֿן קאָפּ.

דערמאָלט האָט דער פֿעטער יודע אַ קוק געטאָן אויפֿן רעדל פֿון אַהינטער די שפּאַקולן, פֿאַרלייגט די הענט אויף הינטן און איז אַוועק־געגאַנגען. ער איז אַוועק, ווײַל ער האָט בעטעווע פֿיינט געהאַט צו שפּאַרן זיך מיט ווילדע ברוים.

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אומגעריכט, האָט זיך אָנגעכאַפּט די עלעקטרע. עס האָט אַ פלייץ געטאָן אַ דינער, פרעמדער שיין איבער די שטיבער, אַרויסגעריסן זיך מיט אַמאָל אַדורך די פענסטער אין הויף אַרויס, אַז מען איז געבליבן זיצן שטאַר און מעוויהעל.

טויזנטער קורצע שאָטנס, וואָס האָבן דווקא לאַנג זיך געפּאָרעט אַרום די ווענט, זיינען פּלוצלונג איבערגעקערט געוואָרן, ווי מיט אַ בעזעם, און פאַרשוווּנדן. די שטיבער זיינען געראַמער געוואָרן און פרייער.

אָ, עס איז ווייט ניט קיין קלייניקייט נעמען איצטער אויף די עלטערע יאָרן און צוגעוויינען זיך צו נייע עלעקטרע-שאָטנס, לאַנגע אַזוינע און שיטערע, וואָס קריכן אויף די ווענט.

דעם פעטער איטשעס שאָטן, לעמאָשל, איז אַ גאַנץ ווינטער געלעגן מיט די פיס צום מאַשין און מיטן קאָפּ אויפן פריפּעטשיק. איצטער איז דער אויוון געוואָרן ניי און ווייס, ווי אָפּגעקאַלכט, און דער שאָטן איז בכלל נעלעם געוואָרן. עס איז געווען עפּעס אַ מאָדנער האַרצווייטאָג. פעטער איטשע האָט פאַרזיכטיק אַרומגעזוכט דעם שאָטן זיינעם, געזוכט פאַוואָלינקעם, און קיים, וואָס ער האָט אים דערטאַפּט, אַ פאַרוואָרלאָזטן און אַ פאַרטייעטן, ערגעץ אונטערן טאַפּטשאַן.

די מומע מאַלקעלע פון איר זייט איז לאַנג געשטאַנען אינמיטן שטוב, פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן און פאַרטראַכט אויף די קאַלטע פּעדעמלעך פון לעמפּל. שפּעטער-צו האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ:

— צו דער עלעקטרע וואָלט ניט געשאַט זיין אויף אַ פּאָר יאָר יינגער!

פעטער איטשע האָט ניט געענטפערט. ער איז נאָך אַלץ געווען פאַרטאָן מיט די שאָטנס. פעטער איטשע האָט גערוקט די מאַשין, איבערגעשטעלט די בענקלעך, פּלוצלונג האָט ער גענומען דעם לאָמפּ, אַוועקגעשטעלט אים אויפן קאַמאָד און צוגעדעקט מיט אַ פּאַפּיר. וואָס איז דאָ צו ריידן, ער איז געווען צעכושט! מיט אַמאָל האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם רעקל און איז אַרויסגעלאָפן אין הויף. דאָרט האָט זיך געטאָן ליכט. די זעלמעניאַנער — אַלע האָבן זיך גע-

פונען אין די שטיבער, איז ער דעמאָלט ווי אַ ניינציקער זון אַריינגעלאָפן צו דער באָבען, און טאַקע צו דער צייט, ווייל די באָבע באַשען האָט די עלעקטרע געטראָפן, ווי אַ דונער. זי איז געזעסן ווינטערדיק, אָנגעפּעלצט און פאַרקניפּלט, געקוקט מיט לויזע אויגעלעך אויפן לעמפּל, און אַז זי האָט דערזען אַ לעבעדיקן מענטשן, האָט זי געזאָגט:

— דאָ האָב איך שוין ניט וואָס צו טאָן, איכל שוין בעסער גיין צום טאַטן דיינעם...

פּעטער איטשע איז ביימייסע אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט זי גענומען אָפּריידן:

— וווּהין וועסטו גיין אין דער פינצטער?...

מען מוז מודע זיין: פון דעמאָלט אָן איז שוין די באָבע באַשע ווייט ניט קיין היגע, און, ווער ווייס, עפּשער זיינען גערעכט די אַלע, וואָס מיינען, אַז זי האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט מיטן שטאַרבן.

*

אַן אַנדער מענטש איז געווען דער פּעטער יודע. ער איז געווען אַ פילאָסאָף און אַן אַלמען. פּעטער יודע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט ניט, קלוימערשט, ווי ס'איז ליכטיק געוואָרן אין די שטיבער. געווען אַ ביטערער ייד. די עלעקטרע האָט געברענט, און ער האָט זיך געפּאָרעט ביים וואַרשטאַט. פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער דאַפקע אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און צוגעזעצט זיך אַריינקוקן אין אַ סיפער. דערביי האָט ער שטאַרק געהויבן די שפּאַקולן איבערן נאָז, וואָס עס האָט געזאָלט באַטייטן, אַז ס'איז אים עפּעס גראָד היינט טונקל צווישן די שורעס.

נישקאָשע, דעם פּעטער יודע וועט מען ניט אָנהענגען קיין עלעקטרע ביגוואַלד!

ביילע פּעטער יודעס האָט געקוקט פונם קאַמער אויף דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, געכידעשט זיך, וואָס דער טאַטע האָט פּלוצלונג געקראָגן אַ באַדערפעניש אַריינצוקוקן אין אַ סייפער. עס האָט אין איר געקאָכט אַ קאַעס. פּעטער יודע אָבער איז געזעסן קאַלטבלו-

טיק רויק, געמאַכט מאָדנע האַווייעס, פּונקט דער מענטש האָט פֿאַרגעסן די וועלט און איז שוין דורכויס פֿאַרטאָן אין גייסטיקע זאַכן.

דעמאָלט האָט זי ניט אויסגעהאַלטן, זי איז אַרויסגעלאָפֿן אַ מעטורעפּע פֿון קאַמער און אַ בלאָז געטאָן אין לאָמפּ אַריין:

— משוגענער ייד, דו זעסט ניט, אַז מע ברענט עלעקטרע?

פּעטער יודע האָט גאַנץ קאַלטלעך פֿאַרמאַכט דעם סיפֿער, אַוועקגעלייגט אים אויפֿן קאַמאָד און איז זיך אַוועק שפּאַצירן איבערן שטוב, צוזינגענדיק אַ ניגנדל, אַ כסידיש ניגנדל.

*

אַזוי איז דורכגעגאַנגען די עלעקטרישע רעוואָלוציע.

דער הויף האָט פֿאַרלאָרן, אונטער די פֿאַרשיידענע ווייסע שיינען פֿון די קאָלערליי פֿענסטער, דעם געוויינטלעכן ביינאַכטיקן פּאָנעם. אין די טונקעלע ווייטע הויף־ווינקלען האָבן געלויכטן בלויע טיכער שניי. די עלעקטרע האָט מיט שיטערע פֿינגער אַרומגעכאַפּט די ווענט, גענישטערט אין די שטילסטע באַהעלטענישן, דערקראָכן אַפֿילע אַהין, ווו שטומע לעכער האָבן לאַנגע יאָרן געטעמט אין דער פֿינסטער און ניט געוווסט פֿון שיין אַפֿילע ביי טאָג.

*

פּעטער איטשע איז אַרויס פֿון שטוב, אַרומגעקוקט זיך צי קיינער באַמערקט ניט, נאָכדעם איז ער פֿאַרבייגעגאַנגען ערגעץ אַ שטיקל אָרט, צווישן דעם פּעטער יודעס שטוב און דעם שטאַל. אַמאָל איז דאָרטן געווען שטאַרק פֿינסטער. איצט האָט ער, פֿאַרבייגייענדיק, דערזען, אַז ס'איז פֿאַרשווונדן נאָך אַ באַקוועמלעכקייט פֿון זיין לעבן: דאָרטן האָט געלויכטן, ווי אינמיטן טאָג. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט אַ דערצאָרנטער איבערן הויף, בייז אויף דער וועלט און אויף די נייע פּראָנדקעס.

מוטנע וועסנע־ריטשקעלעך זיינען געקראָכן פֿון אונטערן אייז, געפּליוצט באַרג אַראָפּ אין גאַס אַריין מיט אַ קילער קלינגעריי. שטייענדיק אין שאָטן, האָט ער, פּעטער איטשע, באַמערקט, ווי פּע-

טער זישע איז אויך אַרויס פון שטוב, און לעבן שטאַל האָט, דאַכט זיך, נאָך עמעצער — אַ דריטער — געהוסט.

עס איז געווען אַ שטילע נאַכט, אויף אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן די עלעקטרישע שאָרכן אויפן דרוק. די שטאַרקע ליכט־פּאַסן זיינען געלעגן אין דער פעטער פינסטערניש, ווי כאַלאַפּים אין אַ שוואַרצער שייד.

דריי זעלמעניאַנער האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן הויף, אויסגעמיטן צו טרעטן איבער די עלעקטרישע שנור, וואָס זיינען געלעגן איבער דער ערד, ווי פרישע באַנדאַזשן אַרום רעב זעלמעלעס יערושע. די דריי זעלמעניאַנער האָבן געשנייצט די נעז פון רוגזע און געכאַפּט פון צייט צו צייט אונטערהירזשען מיט יענעם איידעלן הירזשע, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז פאַר אָט דער מישפּאָכע.

זיי האָבן זיך באַגעגנט לעבן רעב זישעס גאַניק, געשטאַנען לאַנג, איינע קעגן די אַנדערע, געגלעט די בערד און געשוויגן.

— אַ וועלט, האַ? — האָט סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאַלטן פעטער איטשע. —

פעטער יודע האָט אויף אים רוגזעדיק אַ קוק געטאָן אין דער פינסטער, פון אונטער די שפּאַקולן, און געענטפערט:

— איז שוין ניט גלייכער, אַז מען ליגט אין דרערד?

דאָס האָט ער געמיינט די מומע העסיען, וואָס איז שוין בעעמעס געלעגן אין דרערד.

בלויז פעטער זישע איז געשטאַנען רויִק, געצויגן אַ האָר פון באָרד, און אַפילע איצטער האָט ער אומעטיק געשמייכלט:

— לייטישע קינדער!

פונקט דעמאָלט האָט זיך פעטער פאָליע אַראָפּגעכאַפּט פון בעט אין הוילע טאַכטוניס, אויסגעטרונקען דריי קענדלעך וואַסער און אַוועק צוריק שלאָפן.

VI

ווייטער וועגן עלעקטרע

די עלעקטרע האָט געזיגט. ווען רעב זעלמעלע קריגט אַ מעגלעכקייט קומען צוריק אַהיים, וואָלט ער דורכגעגאַנגען מאַרביי און אַוועק ווייטער, וואָרעם ער וואָלט זיכער געמיינט, אַז דאָ וווינט „נאַטשאַלסטווע”. די שמאָלע, לאַנגע שטיבער גיסן זיך אָן יעדן אָוונט מיט דעם קאַלטן פייערל און בלייבן ליגן אין דער פינסטער, מיט די קרענקלעך גאָלדענע פענסטערלעך, ווי כאַלאָים, וואָס שעפּן לופט דורך אַ טרייבל.

עס זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אין פּאַרשטאָט שיקט מען אָפּ די ערגערע עלעקטרע, אָט דאָס, וואָס בלייבט איבער אויפן דעק פון קעסל. די ידיעה האָט מורא'דיק אויפגעבראַכט די זעלמעניאַנער, און אויב עס איז אמת, זיינען די געווען גערעכט אויכעט, וואָרעם ס'איז דאָך אַזוי — גיסטו עלעקטרע, טאָ גיב גוטע! עס איז שוין אַפילו געבליבן אַ העסקעם, אַז די מומע מאַלקעלע זאָל זיך אַראָפּכאַפּן צו בערען און אָנווייזן אים אויף דער קריוודע, וואָס מען באַגייט לגבי די זעלמעניאַנער. זי האָט זיך אָבער דאָס מאָל איינגעשפּאַרט און בעשומוים ניט געוואָלט אויספּילן די שליכעס, קומאַט ווי צוליב אומפאַרשטענדלעכע טעמים.

זי האָט געטיינעט:

— אַלעמיי דאַרף איך עס אַלעמאָל זיין דאָס קאַפּאָרע־הינדל?

*

עס האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט, ווי אַ מין עלעקטרישע קאַדאָכעס. די יונגע זעלמעניאַנער, פאַרכאַפּט פון בערעס אויפטו, האָבן געצויגן צו זיך אין די צימערן „איליטשעס לעמפּלעך”. מען איז

אַרומגעקראָכן איבער די פייכטע ווענט, איבער די דעכער, געוויקלט דראָטן, געהאַמערט, פונקט, לעהאַוודל, אַמאָל ערעוו סוקעס. עס האָט זיך עלעקטריפיצירט דער הויף ביז צו די פונדאַמענטן. יעדער וועלמעניאַנער איז געלאָפן מיט אַ האַמער אין האַנט, מיט שרויפן אין די קעשענעס, מיט שטיקלעך דראָט, און פאַלקע דעם פעטער איטשעס האָט אימלעכן געלערנט די זאַך, וואָס ער האָט צו טאָן. די עלעקטרע האָט שוין אַפילע געשפריצט פון די אויגן.

אין די שוואַרצזוועמנעדיקע, פאַרשטאָמישע נעכט, ביים די קעראָסין-שטיבער האָבן זיך געוויקלט אין די ערשטע פרילינגדיקע געוויטערן, האָט פלוצלונג דער רעבוועהויף אַרויסגעליכטן, ווי אַ וואָקזאַל.

שכיינים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די פענסטער מיט גרויסע אויגן און געוווּנדערט זיך:

— זעט, קרוינדעלעך, צו וואָס פאַר אַ גדולע מענטשן קענען עס דערלאַנגען!

*

דער אַלטער מויער איז געשטאַנען פול אָנגעגאָסן מיט עלעקטרע. ניט קיין וווּנדער. אין אים האָט געמייסטרעוועט אַ גרויסע קראַפט, פאַלקע דעם פעטער איטשעס אַליין, וואָס וועגן אים זאָגט מען, אַז מיט אַ שטיקל ברויט און מיט עלעקטרע איז ער בעקוויעך אָפצולעבן אַ גאַנץ לעבן.

פאַלקע האָט געוווינט אין מויער, אין אַ באַזונדער דירעלע, בעשוטפעס מיט צאַלקע פעטער יודעס, און אין אָט דעם זכוס איז דער מויער עלעקטריפיצירט געוואָרן פון אויבן ביז אונטן מיט דער שענסטער עלעקטרע.

וועגן די דאָזיקע צוויי יונגעלייט לוינט זיך אָפצושטעלן אַ ביסל גענויער.

פאַלקע דעם פעטער איטשעס
און צאַלקע דעם פעטער יודעס.

ווער איז פאַלקע דעם פעטער איטשעס? ער איז אַן אַרבפאַקאָוועץ. די לאַנגע כאַזערהאָר קריכן ביי אים אַרויס פון אונטערן

היטל. אַ ווילער יאַט. ער האָט געגעבן פון זיך צו וויסן אין קים־פּעט נאָך. אויף דער וועלט איז ער אַרויס מיט אַ געשריי. צו אַ האַלב יאָר האָט ער זיך אָנגעשריען אַ פּופּיק. צו פינף יאָר האָט אים אַ סאַמאָוואַר אָפּגעבריט. צו דרייצן יאָר האָט מען אים צעשפּאָלטן אַ ליפּ. טאָג און נאַכט לויפט ער אַרום אין בערעס אַן אַלטער אָפּגעטראָגענער קורטקע, מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם, און שלינגט די וועלט. ער איז פאַרהאַוועט פאַר אַלע זעלמעניאַנער אין איי־איינעם. אין שטוב האָט ער אַ קעסטל מיט אַייזנס, האַמערס, שרויפן, דלאָטעס. ער פאַרריכט אַליין שיך. ער ברוקירט אַליין דעם הויף. ער שטעלט אַליין אַריין שויבן. ער דעקט אַליין דעם דאַך. איצט האָט ער גענומען טראָגן אין שטוב האַלבע, צעבראָכענע ביר־פלעשלעך, וואָס ער גיסט זיי אָן מיט עפּעס אַ בלויען וואַסערל און ווייקט אין דעם שטיקלעך קופּער, קוילן, אַייזנס.

און ווער איז צאַלקע דעם פעטער יודעס?

צאַלקע דעם פעטער יודעס איז אַ געבילדעטער, פאַרקוקט אין די ביכלעך, ער טראָגט אַ משופּרינע פאַרקאָמטע אויף אַ זייט, ווי אַ גראָבע פּייע, מיט ברילן אויפן נאָז.

ביים צאַלקע גייט אַמאָל אַרויס פון טאָנקען, פרעגט אומרויק דער פעטער זישע:

— וואָס האָט דאָ געטאָן ביי דיר אָט דער?

קיין נאָמען, אַלזאָ, ווייס ער ניט.

דער פעטער זישע וויל זיך בעשומויפן ניט מעשאַדעך זיין מיט די זעלמעניאַנער.

(אַ זעלמעניאַנער האָט פיינט אַ זעלמעניאַנער).

— געגוג פאַר מיר, — זאָגט ער, — וואָס מיין גיטע איז אַריינ־געפאַלן צו אָט די גראָבע פליגלען!

צאַלקע האָט נאָך דערצו די מיעסע מידע, וואָס ער נעמט זיך פון צייט צו צייט דאָס לעבן. אַלע שפּאַלטן זיך דעם קאָפּ, פון וואַנען קומט עס צו אים, וואָרעם זעלמעניאַנער לעבן צו הונ־דערט יאָר און מער. רעב זעלמעלע האָט זיך אַ לענגערע צייט אַרומ־

געדריט אָן אַרבעט און איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ ניט געשטאָרבן.

ווייס מען טאַקע ניט, פון וואַנען דאָס קומט צו אים.

*

דאָס דירעלע, וווּ זיי וווינען, האָט צוויי נאַקעטע פּוסטע צימערן. אין פאָדערשטן צימער הענגען אַ פּאָר קאָרטענע הויזן אויפן וואַנט — דאָ וווינט פּאַלקע. אין צווייטן צימער איז שוין דאָ אַ טישל, אַן טאַבורעטקע מיט ביכער, אַפילו אַ טשיינִיק און אַפילו אַ נאַכט-טעפּל — דאָ וווינט צאַלקע.

אַרום דעמדאָזיקן נאַכט-טעפּל איז, אַגעוו, אַמאָל אינמיטן נאַכט פאָרגעקומען אַ שאַרפע מאַכלויקעס, און דערנאָך לוינט זיך שוין אויך אויפן נאַכט-טעפּל אָפּצושטעלן געניער.

ס'איז געווען אַ לעוואָנע-נאַכט. צאַלקע האָט אין טיפן שלאָף דערהערט, ווי עמיצער באַנוצט זיך מיט זיין אייגנטום. ער איז אַ דערשראָקענער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און דערזען, ווי אין קילן שיין פון צימער שטייט פּאַלקע אין די אונטערוועש, איז ער צו אים צוגעלאָפן און מיט אַ פאַרשטיקטן קול אויסגעשריען:

— פּיטעקאַנטראָפּוס!

דאָס האָט געדאַרפט באַטייטן, אַז פּאַלקע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאַרציטיקע מאַלפּע, וועלכע האָט נאָך ניט אין זיך קיינע שפּורן פון קולטור. פּאַלקע האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און מיט גאָר די שפּייעכץ אין מויל האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף צוריק:

— קליינבירגער!

און דאָס האָט שוין באַטייט, אַז צאַלקע לעבט נאָך גאַנץ שטאַרק מיט די האַסאָגעס פון קליינבירגערטום.

דער סיכסעך איז אויף מאָרגן ליקווידירט געוואָרן. צאַלקע איז אין נאַטור גאָרניט געווען אַזאַ שלעכטער. די קריגערייַ אינמיטן נאַכט איז פאָרגעקומען ריין אויס היגיענישע טעמים.

בכלל האָבן זיי צווישן זיך קיין באַזונדערע אינטערעסן ניט געהאַט.

צאַלקע פֿלעגט אַמאָל מיטברענגען בײַנאַכט „אַ קאָוו-האַיאַשער", אַרײַנגעוואָנען זיך אין צימער שטילערהייט און הונגעריק, מיט אַ מאָדנעם פֿײַערל אין די אויגן, אָפּזיצן אַזוי איבער דעם צעקנאָדערטן סיפּעריל ביז באַגינען. ער האָט געטאַפּט די גרינלעלעכע דיקע בלעטער, געקליבן נאַכעס פֿון אותיות, ווערטער, פּאַסיקלעך, וואָס איז גאָרניט צוטריטלעך פֿאַר אַן אײַנפֿאַכן מענטשן.

העמאָלט איז זיך פֿאַלקע געלעגן אין צווייטן צימער געשליידערט איבערן בעט, די קאָלדרע אַראָפּגערוקט, און מיט דעם שטענדיק פֿאַרלייגטן נאָז צוגעפּייפֿט ניגונים צו זײַנע כאַלוימעס ווי אַזוי ער דעקט דעכער אין לענינגראַד, ווי אַזוי ער ציט עלעקטרע איבערן דניעפּער.

פֿאַלקע פֿלעגט אַמאָל שרײַען פֿון שלאָף אויבעט.

*

די פּאָר פּילאָסאָפֿן האָט מען געבעטן מעכילע אָפּראַמען די דירע, וואָס זיי פֿאַרנעמען אומזיסט-אומנישט, ווײַל איצטער דאַרף כײַעלע האָבן אַן אָרט, ווו צו פֿאַרלייגן אַ נייעם דאָר זעלמעניאַנער. כײַעלע האָט שוין אַפֿילו אײַנגעקויפֿט צו דעמדאָזיקן צוועק אַ בעט, אַ סאַמאָוואַר און אַ באַרשט אויף וואַשן די פּאָדלאָגעס. פֿאַר זיי, פֿאַר די יונגעלײַט, האָט מען אָפּגעגעבן כײַעלעס צימער, אונטן, בײַ דעם פֿעטער יודען אין שטוב.

פֿאַלקע האָט צונויפֿגענומען די האַלבע ביר-פֿלעשלעך, די שריפֿטן, די הויזן און זיך איבערגעקריוזשקעט. דערנאָך האָט ער שוין אויך אַראָפּגעטראָגן צאַלקעס עטאַזשערקע ביכער.

בײַם פֿעטער יודען אין שטוב האָבן זיי זיך געפֿילט אין אָנהייב אַ ביסל געקלעמט.

פֿעטער יודע, אַז ער בלײַבט אַמאָל שטיין אינמיטן שטוב מיט דעם הובל אין האַנט און וואַרפֿט אַרויס צו עמעצן די הייסע אויגעלעך אַריבער די שפּאַקולן, ווערט יענעם קלבלעך אויף דער נעשאָמע.

פֿעטער יודעס בליק באַטײַט אַזוי צו זאָגן:

— דו שלימאַזל, ווי לאַנג וועסטו פּוסטעפּאַסעווען?

אָדער:
— גוילעס! דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז דו ביסט אַ גוילעס?
האָבן זיי געפירט שמועס, און קעדיי אויסמיידן זיינע בייזע בליקן — געקוקט פאַזע. אַנומלטן, פאַרנאַכט, ביים אויפדרייען די עלעקטרע, האָט זיך ביי פאַלקען באַוויזן אַ פרייע מינע, איז עס פעטער יודען גריילעך ניט געפעלן געוואָרן, ער איז צוגעגאַנגען צום טיר פון קאַמער און אַריינגעזאָגט:
— און איר מיינט טאַקע, פעדין, אַז די עלעקטרע פאַסט צום הויף?

*

וועגן פעטער פאַליען איז די זאַך אַזוי:
ער האָט טכילעס געמיינט, אַז די עלעקטרע אין רעבזועהויף האָבן אַריינגעפירט די באָלשעוויקעס, איז ער געווען צופרידן, וואָס מען האָט זיך ענדלעך גענומען צו די זעלמעניאַנישע יאָרן. עס איז קלאָר, אַז עלעקטרע איז אַ קאַזיאָנע זאַך, וואָרעם מען ציט עס אַראָפ פון די פאַרצעלייענע טעפלעך אויף די סלופעס, פון אָט די טעפלעך, וואָס גיבן אָפ עפּעס פון אַלעמאָל מיט מעלוכע-אָרדענונג.
פעטער פאַליע האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ווען ער געפינט זיך אויף דער אַרבעט, זאָל מען די עלעקטרע אין שטוב ניט ברענען; זיין ווייב טאָר זיך ביכלאַל ניט געפינען אין די דאַלעדאַמעס פון עלעקטרע — ס'איז ניט פאַר קיין ווייבערשן סייכל. בלויז מאָטעלע דער שוואַרצער מעג אַמאָל, ביי דער אָנוועזנהייט פון טאַטן, אַ דריי טאָן דעם שטעפסל, ווייל פעטער פאַליע האַלט מאָטעלען פאַר אַ געראָטענעם יינגל און האָט אים ליב.
ביי דער אַרבעט האָט דער כיטרער פאַליע אַ זאָג געטאָן צו טראָכים דעם קרומען:
— קום אַריין אַמאָל צו מיר, טראָכים, מיר וועלן אָנצינדן די עלעקטרע און אַ ביסל פאַרברענגען!
— הערסטו, וואָס זאָגסטו צו אים! — האָט זיך טראָכים פאַרוווּנדערט — ווער האָט עס ביי דיר איינגעפירט עלעקטרע?

— וואָס הייסט, ווער? מען ווייס ווער — קאָונאָ!

אין יענעם טאָג האָט מען דעם פּעטער פּאָליען אויפן זאַוואָד פאַרהוטשעט. ער איז אַוועק אַהיים פינסטער, ווי די ערד, באַלד האָט ער גענומען דאָס ווייב אויפן פאַרהער. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די עלעקטרע האָט אײַנגעפירט בערע, און שוין היפשע וואָכן, ווי כּמעלע פּעטער יודעס גייט אַרום מיט אַ מינע, אַלעמיי די זעלמעניאַנער האָבן זי בעדילאַראַל געשטעלט, אַלעמיי איצט, ערשט נאָך דער כּאַסענע, האָט זי שוין ניט פון וואַנען צו לעבן.

פּעטער פּאָליע האָט דעמאָלט אָפּגעגעסן וועטשערע פאַר אַ לאָמפּ.

עטלעכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק און געטראַכט אַמאָליקע בייזע פּלענער. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער אין הויף אַראָפּ און געטראַכט:

— ניט דערהערן וועלן די זעלמעניאַנער — פּאָליע זאָל דאַרפן צו זיי אָנקומען!

און די וואָנצן האָבן זיך בײַ אים גערירט, ווי בײַ אַן אויס־געהונגערטן קאָטער.

זונטאָג, אינם ערשטן פרילינגדיקן רו־טאָג, בײַם די זעלמע־ניגעאַר זיינען אַרויס לעטנע איבערן הויף, האָט ער צוגעשטעלט אַ לייטער צו זיין פענסטער אין מויער און גענומען שניידן די עלעק־טרישע דראָטן. ער האָט געבראָכן די פאַרצעלייענע איזאָלאַטאָרס. די זעלמעניאַנער האָבן אויפגעהויבן אַ גרויס געיאָמער, האָבן אָבער מוירע געהאַט פאַרטשעפּען זיך מיט דעם רעציעך. פּאַלקע פּעטער איטשעס איז דעמאָלט אַרויסגעלאָפן מיט אַ רעוואָלווער גלייך צו אים:

— ווערדיטעל, אַראָפּ! איך שיס!

און ער האָט ניט געשאָסן, כאָטש פּעטער פּאָליע איז ניט אַראָפּ.

— זע, דו וועסט בײַ מיר פאַרשוואַרצט ווערן אין די טור־מעס! — האָט פּעטער איטשע אַרויפגעשריען צום לייטער.

ער, פּעטער פּאָליע, האָט זיך ניט אומגעקוקט, געזעסן אויבן מיט דער פלייצע צום הויף און קאַלטבלוטיק אַרויסגעזעצט די

האַקנס פון דער עלעקטרע. ער האָט זיך געקליבן אויסראָטן די זעלמעניאַנישע טריוועס ביזן גרונט. דאָ איז פעטער זישע פון שטוב אַרויס, אָנגעקלאַפּט אין שויב און צוגערופן אַ זעלמעניאַנער. ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— וואָס שווייגט מען, זאָל מען אַרויסלויפן נאָך בערען!

האָט מען לעיעסער־בּיטאָכן ביי אים איבערגעפרעגט נאָך אַמאָל:

— און דאָס, וואָס מע וועט זיך אָנהייבן אַ באַטאַליע, איז גאָרנישט?

פעטער זישע האָט זיך, עמעס, אַ ביסל פאַרטראַכט, אָבער ער האָט געענטפערט, אַז ס'איז גאָרנישט, און מען איז אַוועקגע־פלויגן נאָך בערען.

די ווייבער האָבן זיך שטילערהייט אַוועקגעלאָזן איבערן הויף צוגעמען פון אונטערן האַנט די אַלטע דרענגער און שטיינער — פאָרט, ווי מען זאָגט, אייגענע בלוט. מען איז אויך אַראָפּגעלאָפן אויף משיקאַוועס אַ קוק טאָן אין גאָס, צי שכיינים, למאָשל, שטויסן זיך אַמאָל ניט אָן, וואָס סע דאַרף דאָ באַלד אַווינס פאַסירן.

איין פעטער פאָליע איז פאַרבליבן קאַלט צו דער זאַך, ער האָט געקוקט אַרום זיך מיט אַ וואַסערדיקן בליק, פונקט צו אים איז דער איניען קלאַל נישט שייעך. אַ ווייטיקער מענטש. און אַז ער האָט אַרויסגעריסן אַלץ פון די ווענט, איז ער פּאַמעלעך אַראָפּ, באַטראַכט נאָכדעם פון אונטן, צי ער האָט דורכגעפירט די אַר־בעט בישליימעס, און זיך געשטעלט גלייך מיט אַלעמען וואַרטן אויף בערען.

— זאָל מען גיין זען, — האָט ער אָנגעזאָגט דורך דער ווייב, — צי ער געפינט זיך ניט אין דער קיך נומער 9.

*

בערע האָט זיך באַוויזן אין הויף מיט דעם האַרטן קאָפּ פּאָ־רים, געשטעלט האָט ער פּאַמעלעכע און ברייטע טריט, ווי ער

וואָלט די געשלעפּט פֿון אַ זומפּ. אַזאַ גאַנג האָט מען נאָך בײַ אים קײנמאָל ניט געזען.

פּעטער פֿאָליע האָט, קענטיק, פֿאַרשטאַנען, וואָס אַזאַ הײַ־לעך באַטײַט, האָט ער אָפּגעשפּילט דעם רעקל, די פֿאַרשלאָ־פֿענערהײט, און אַראָפּגעוואָרפֿן אים לעבן זיך. ער איז רויִק גע־שטאַנען לעבן מויער און געוואַרט. בערע איז געגאַנגען אַ שטומער גלײַך אויף אים, צוגעגאַנגען ניט געאײַלט, און עפּעס, ווי פֿון זיך אַלײן, האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט די קעפּ אַזוי, אַז די רויטע קערק האָבן זיך אַרויסגעדריקט, געפּרוווט די קויכעס. מיט אַמאָל האָבן אַ קנאַק געטאָן די שטערנס.

— הערט אויף! — האָבן זיך פֿונאַנדערגעווײנט די ווײַבער, — הערט אויף!

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. זײ זײַנען געשטאַנען צו־נויפֿגעשטשעמעט מיט די שאַרבנס, געכאַפּט זיך פֿון אונטן פֿאַר די הענט מיט אַזוינע כאַפּן, וואָס האָבן אַרויסגעדרייט די בײנער.

פּעטער פֿאָליע האָט פּלוצלונג אַ זיפּץ געטאָן און בײדע האָבן זיך אַוועקגעקײַקלט איבער דער ערד. קײן קלעפּ האָט מען נאָך אַליץ ניט געזען, האַגאַם בײַ בערען האָט שוין גענומען רינען בלוט פֿון אַן אויער. בערע איז געלעגן, ווי אַ בערווענע, פֿון אויבן, און געשטופּט אויף אונטער זיך מיט די פֿויסטן, און דעריבער האָט קײנער ניט געקענט וויסן, וואָס ער האָט דאָרטן צעמאַכט פֿונעם פּעטער זײַנעם.

עס האָט גאַנץ היפּש געדויערט. ביסלעכווײַז האָט זיך אַרויס־געדרוקט דעם פּעטער פֿאָליעס פּלײצע און מען האָט דערזען, אַז די גאַנצע העמד זײַנע איז אין בלוט.

דעמאָלט האָט זיך בערע אויפֿגעהויבן.

פּעטער פֿאָליע איז אויפֿגעשטאַנען מיט אַ צעריבענעם פּנים, אײן אויג אַ פֿאַרלאָפֿענע, ווי אַ פֿויסט. ער איז צוגעגאַנגען געלאַסן צום רעקל, אַרויפֿגעוואָרפֿן אים אויף די אַקסלען, און אויסגעצויגן נאָכדעם צו בערען אַ דראָענדיקן פֿינגער:

— קיין עלעקטרע, מאַמזער, זאָלסטו בײַ מיר שוין מער ניט אײַנפירן!

און ער איז אַרויף אַ צופרידענער צו זיך אין שטוב.

די מומע מאַלקעלע איז באַלד אַרויסגעלאָפן מיט אַ בעזעם, אָפּגעקערט דאָס אָרט, וווּ װעלמעניאַנער האָבן זיך גענעריקט, און דערמיט האָט זיך דער אינציגער פאַרענדיקט.

VII

אָנהייב וועסנע

דעמאָלט, אָנהייב וועסנע, האָט אין הויף געטראָפן אַ מייסע.

סאָניע דעם פעטער זישעס פון פאָלקאָמפּין איז אַרויף אויפן הויף מיט עפּעס אַ גרויסן, אַ ברייטן מענטשן, וואָס האָט גע־שטעלט שווערע ווײַסרוסישע טריט, און וואָס איז נאָכדעם קוים אַריין צום פעטער זישען אין דער נידעריקער טיר. ער האָט געזאָגט דעם ברייטן „דזעק־דאָברי“ און באַלד נאָכגעגאַנגען סאָניען אין צווייטן צימער אַריין.

פעטער זישע האָט דעמאָלט אויסגעטאָן די זייגערמאַכערישע שפּאַקטיוו, אויסגעקרעוועט זיך געלאַסן צו דער מומע גיטען און מיט רוגזעדיקער שטימונג גענומען קוקן איר אין די אויגן אַריין. די פאַרשפּילעטע מומע איז געזעסן בײַם פענסטער, די הענט אויפן האַרצן, און גראָד דורכגעמאַכט איר נאָכמיטאָג־שווייגנס. אַזוי אַרום האָבן זיי דעמאָלט אויף שטומלאָשן דורכגעשוויגן פאָלגנדיקן גע־שפּרעך.

פעטער זישע זאָגט אויף שטומלאָשן לעפּערעך אַזוי:

— גיטע, דײַן טאָכטער געפעלט מיר ניט!

די מומע גיטע שווײַגט, אָבער פאַר איר איז עס האָס אייגענע, וואָס גערעדט.

זאָגט פעטער זישע ווײַטער:

— זיי ווייסן, מײַן ווײַב, אַז שולדיק אין אַלעמען ביסטו!

די מומע גיטע שווײַגט, אָבער פאַר איר איז עס האָס אייגענע, וואָס גערעדט.

דעמאָלט זאָגט פעטער זישע:

— זאָג מיר, ווי ווייס עס ניט אַ מאַמע, וואָס עס טוט זיך בײַ איר אונטערן נאָז?

אַזוי האָט ער זי אויסגעזידלט.

נאָכדעם איז פּעטער זישע אַרויס אין הויף באַקוקן די באַלעבאַטישקייט: צי דאַרף מען ניט אַמאָל פֿאַרקיטעווען אַ שויב, דערהויפּט אין יענע פֿענצטער, וואָס גייען אַרײַן צו סאָניען אין דער האַלבער שטוב. ער האָט מייסע באַלעבאָס באַטאַפּט די לאָדנס, אַרומגעקוקט גרייִלעך פֿאַרזאָרגט די פֿענצטער און אויסגעפֿונען, אַז דער ברייטער גאַסט איז טאַקע גאַנץ ווײַטלעך פֿון אַ ייִדן.

סאָניע האָט זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט פֿאַר דעם טאַטנס אויפֿפֿירעכץ, נאָר מען איז שוין, קענטלעך, געווען אייגענע מענטשן, האָט מען זיך שטילערהייט אונטערגעכאָכעט וועגן די זײַטן פֿון דעם קליינבירגער, וואָס זײַן נײַגעריקייט איז אײַן־לעשייער.

דער פּעטער איז שוין דעמאָלט צוריק געזעסן מיט דער גרויסער שפּאַקטיוו און אַרײַנגערוקט דאָס אויג אין די געדערים פֿון אַ פֿאַרשטויבטן זייגער, געבלאָזן בלויז מיט דער נאָז, שטום און פֿאַרביטערט אויף דער גאַנצער וועלט.

*

דער הויף ווייס ניט פֿון קיין סודות. די מומע מאַלקעלע האָט פֿאַרבריִען אַ פֿינגער אין מויל, פֿאַרקוועטשט אַן אויג און די צווייטע אויסגעגלאָצט צו פּעטער איטשען, האָט ער באַלד אויפֿגעהערט זעצן אויף דער ניי־מאַשין; עס איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז צאַלקע האָט זיך, ראַכמאָנע־ליצלאַן, אָנגעטאָן אַ מיסע, האַגאַם ער, פּעטער איטשע, לויערט שוין פֿון לאַנג אויף זײַן יעטווידער טראָט.

פּעטער איטשע איז אַרויס אין הויף.

זעלמעניאַנישע שניר, שוין מיט נייע רעבזעלמעלעך אונטער די הערצער, זײַנען געשטאַנען בײַ די שוועלן, געשושקעט זיך און קלוימערשט געזיפֿצט:

— וואָס איז דאָ צו ריידן, אַן עמעסער גוי!

דער באָרוועסער פּעטער איטשע, וועלכער איז געווען דער גרויסער וויצלינג צווישן ווײַבער, האָט געפֿרעגט:

— פון וואַנען נעמט איר, אַז ס'איז אַ גוי, ווייבער?

ער האָט פאַרשטעקט די נאָדל אין קאַמזעלקע, אַ הייב געטאָן די הויזן און אַוועק פאַרבײַ די פענצטער. דאָס רעדל אין הויף האָט גענומען וואַקסן. דער שוואַרצער מאָטעלע האָט זיך אַפילע אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ בײַשטײַדל און גענומען ווינקען צו סאָניען מיט אַ מאַמזערייש אויגל, אַז ער פאַרשטייט שוין קלוימערשט יאָ, צוליב וואָס זי האָט געבראַכט אין שטוב דעם גרויסן מאַנסביל.

מען האָט געוואַרט, זיי זאָלן זיך ווײַזן צוריק פאַרן שוועל.

דעמאָלט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אויפן גאַנעק דער פעטער זישע, די הענט האָבן בײַ אים אַזש געציטערט, און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ טרערנדיקן קאָל:

— גראָבע פּליגלען, וואָס איר זייט, אַ לייטישער מענטש וועט זיך דאָך שוין ניט קענען באַווײַזן אין הויף!

פעטער זישע האָט, נעבעך, געמאַכט דעם אָנשטעל. עס איז אים געווען גענוג ביטער אויפן האַרצן.

*

בײַנאַכט האָט ער זיך שוין לעכטיצילע ניט געלייגט שלאָפן, געזעסן אַ האַלב אויסגעטאָנענער אויפן בעט און געוואַרט; ער האָט געוואַרט אויף דער שיינער טאָכטער זײַנער. ווי נאָר סאָניע האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט אין שטוב אַרײַן, האָט ער זיך גלײַך אַ הייב געטאָן:

— הער, דו, ימאַכשמייניצע, — האָט ער געזאָגט, — דו זאָלסט מיר ניט ברענגען קיין גויים אין שטוב. דו הערסט, וואָס איך זאָג?

פעטער זישע האָט זיך צעוואַרעמט:

— שליוכע, דו!

אָבער שוין דורכויס אומגעריכט האָט אים אַ שלאָג געטאָן די כולשעס צום האַרצן. פעטער זישע האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעזעצט אויפן בעט, געל און האַרט, מיט אַן אָפּגעשטאָרבענער נאָז.

די לאַנגע מומע גיטע האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אונטערן קאָלדרע, ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד. פון שרעק האָט זי אַוועק-

גערעדט אויף דעם מאַנסבילשן קאָל. זי האָט גענומען קאָכן טעפּ, שלעפּן הייסע טיכער צום בעט, און סאָניע איז געלאָפֿן נאָך אַ דאָקטאָר.

פּעטער זישע איז זיך געלעגן, ווי אַ מעכוטן, מיט אַ צעבראָס־טעטן געלן האַרצן, מיט דער פֿירקאַנטיקער פֿאַרקאַשערטער באָרד אויף אַרויף. פּאַמעלעך האָט ער געעפֿנט אַ גרויסע, האַרטע ברעם און באַלד אַ טראַכט געטאָן:

— וואָס, זיי קענען דען מינטערן אַ מענטשן?

*

אינדערפֿרי האָבן געזונגען פּראָסטע פֿייגעלעך.

ס'איז שוין טאַקע טיף פֿרילינג. טעג — הייסע, קלאָרע, אונ־טערגעשמידטע. אין הויף שטייט די זון, ווי אַן אָנגעגליטער אײַזן. ווי נאָר אַ שויב — שפּריצט זי מיט טונקעלע שטראַלן. שטיל. איבער עמעצער וויל, קען ער אַפֿילע הערן, ווי די קראָפּעווע וואַקסט בײַ די ווענט (קיינער וויל עס, לײַדער, ניט). אין רעבזועהויף איז הייסער, ווי אומעטום. די זון באַקט מיט אַ קלינגערײַ.

ווי האַלט עס מיט פּעטער זישען נאָך דעם נעכטיקן כאַלעש?

נאָכפֿרעגן זיך אויף פּעטערס זישעס געזונט טאָר מען ניט, דאָס ווייס מען, אָבער אַרײַנקוקן דורכן שויב איז דאָך דערלויבט יעדערן. אַרום פּעטער זישעס פֿענצטער איז שטיל. דאָס פֿאָרהענגל איז אַראָפּגעלאָזן, — די אײַנציקע שטומע, צוגעשלאָסענע פֿענצטער אין רעבזועהויף, וועלכע האָט ניט, אַפּאָנעם, וואָס צו זאָגן.

*

ס'איז אַרײַן דער פֿרילינג אין ברען. הייסע שטימען גייען אַרום איבערן הויף פֿון אומעטום. פֿון די אָפֿענע פֿענצטער הערט מען מאָדנע אומפֿאַרשטענדלעכע דיבורים.

שטים נומ. 1:

די אָנפֿירונג מיט דער באַוועגונג קומט פֿון דער קאַבינע 6. דער טראַם 8 גייט אַדורך דער ראָד, וואָס ווערט געטריבן דורך אַ דאַמף־מאַשין. דער אָנפֿירנדיקער טראַם 9 גייט אַדורך די שקיוון.

דעם קאָרפּוס בויט מען פון ווייכן שטאָל — 28 מעטער די לענג, 11,5 מעטער — די ברייט.

שטים נומ. 2 (דאַכט זיך, די מומע מאַלקעס קאָל, אָבער אויב אַזוי, האַלט זי נאָך ניט ווייט):

בײַ אַ מאַשין — מירע.

מירע — בײַ אַ מאַשין.

אַ מאַשין — בײַ מירען.

מירע — אַ מאַמע.

בײַ מירען — עמע.

שטים נומ. 3 (טאַנקעס קאָל):

דער הויפּט־געביט בײַם דערלערנען און צוגרייטן אַ קריגס־פּלאַט, ווי בכלל באַוואָפנטע קויכעס, איז דאָס שיסן. דאָס איז דער גרונט־מיטל בײַם פירן אַ שלאַכט. די הויפּט־געווער פון קריגס־פּלאַט איז אַרטילעריע. דעריבער איז די אַרטילערישע שיסערײַ דער הויפּט־באַשטאַנד פון דער מיליטערישער צוגרייטונג אויף די קריגס־שיפן.

שטים נומ. 4:

דורכפירנדיק די צוגרייטונג, האָבן די אויסלענדישע פּיאָנערן אויך אַנטאַניזירט אַ פּראָטעסט און באָיקאָט קעגן דעם פּאַציפיסטישן צוזאַמענפאַל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קינדערשע אָרגאַניזאַציעס אין ווין און דער סקאָטישער מיליטאַריסטישער אָלימפּיאַדע, וואָס ווערט צונויפגערופן אין ליווערפּול.

מאָטעלע דער שוואַרצער בויגט זיך אַרויס פון פענסטער, אַ נאַקעטער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און שרייט אַרויס אין הויף:

— טאַנקע, דו הערסט צי ניט, טאַנקע?

— וואָס?

— וווּ ליגט ליווערפּול, האַ?

ענטפערט אים דעמאָלט פאַלקע פון זײַן פענסטער אַרויס:

— מאָטעלע, נעם זיך אַרײַן אין זינען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז פאַר דער עלעקטרישער באַלייכטונג דאַרף מען אײַנשטעלן אַ דיזל־מאַשין, אַ דיזל־מאַשין, אַ דיזל־מאַשין...

*

בעכיין, האָט דער רעבזועהויף געלערנט, ניט געקוקט אויף דעם גליענדיקן טאָג, וואָס איז געלעגן איינגעפּאַסט, ווי אַ שטיק געשליפענער קריסטאַל, ניט געקוקט אויף גאָרניט.

די זון האָט געברענט, ווי אַ דיזל־מאַשין, אַ דיזל־מאַשין, אַ דיזל־מאַשין...

שטראַלן שטייפע, ווי טשוועקעס, האָבן אַרומגעדראָטעוועט דעם הויף; הייסע שטראַלן, אָפּגעזונדערטע, אַז מען האָט זיי געקאָנט איבערציילן אויף די פינגער.

בלויז ביים פענסטער זישעס פענסטער איז געווען שטיל, דאָס פאָרהאַנג — אַראָפּגעלאָזן, די איינציקע שטומע, צוגעשלאָסענע פענסטער אין רעבזועהויף.

קליינע זעלמעניאַנערלעך פון אַ גאַנץ נייעם מין זיינען גע־לעגן אין די ,אויסגעסאָכניעטע רינעס, ווי אין מולטערס, און געקייט די גראָבע פינגער פון די אייגענע אָפּגעברוימטע פיסלעך.

(אָ, וועלכער אומפאַראַנטוואָרטלעכער לאָוואָן־האָראַמי האָט עס איבערגעלאָזן געלע שפּורן אין דער זעלמעניאַנישער מישפּאָכע?).

אַפילע דער ברוק אין הויף האָט געבליט מיט ליכט.

VIII

צאַלקע און טאָנקע

פונקט 12 אַזייגער בייטאָג איז צאַלקע דעם פעטער יודעס אַריבער דעם הויף צו טאָנקען. פעטער זישע איז געזעסן איינגעבויגן, ווי שטענדיק, מיט דער שפּאַקטיוו אין אויג, און געטרייבערט אַלץ זייגערשע געדערים. דער איינגעבויגענער קאַרק איז געווען שטאַרק אָנגעבריגעזטן אויפן מענטשן.

צאַלקע מאַכט ניט קיין לאַנגע מאַכזאָקעס מיט פעטער זישען, ער דאַרף בלויז האָבן צו טאָנקען אינם צווייטן צימער.

ביים טאָנקע זעצט זיך אַוועק אויף דער אַלטער סאָפע, צווישן די אַרויסגעקראָכענע שרויפן, און פאַררויכערט א פּאַפּיראָס — כאַפּט ער די סמייע, פאַרוואָס? מען ווייס ניט פאַרוואָס. ער ליידט, זאָגט מען, אויף א ראַזער קראַנקהייט, וואָס איר ווייטאָג איז ענלעך צו צאָן-ווייטאָג.

פעטער זישע קוקט אויף אַזעלכע זאַכן פון אַן אייגענעם זייגער-מאַכערישן שטאַנדפּונקט, האָט ער זיך טאַקע טכילעס געקווענקלט אין דער דייע, נאָר איצטער, נאָך סאָניעס גאַסט, וואָלט מען שוין ביי אים געפּועלט אויסגעבן טאָנקען אַפילע פאַר אַט דעם שלימאַזל, האַגאַם דאָ איז מען קיינמאָל ניט זיכער, אַז טאָנקע וועט ניט בלייבן אינמיטן דערינען א יונגע אַלמאָנע.

צאַלקע איז פון די נייע געלערנטע. ער איז געזעסן די נאַכט איבער אַן אַלטער „צענעזרענע”, מיזראַוועג געוווען זיך מיט פאַרצייטיקע יידענעס און אַזוי אַרום פאַרהוליעט די נאַכט. ער איז דערפאַר א ביסל מיד, א ביסל פאַרשלאָפן, און זיינע ראַיוינעס שוועבן אַרום

פון ריווקע באַס בסועל ביז טאָנקע באָס זישע, וואָס זיי זיינען אים אַלע ליב. ער וויל דאָ איצט זיצן אָנגעלענט אויף אַ שטול, אויסגעצויגן די פיס, און אָפּרוען פון די געדאַנקען.

טאָנקע טוט אָבער פּלוצלונג אַ שפּרונג פון דער סאָפע און נעמט אים אָן פאַר דער גראָבער פּייע:

— קום, קערטשענער הערינג, מירן זיך אַ לאָף טאָן באָדן.

*

דאָס טייכל ליגט אַ פּאָר וויאָרסט הינטערן שטאָט. ניטאָ קיין פּיצל שאָטן. עס איז יולי. קוים וואָס זיי זיינען דערגאַנגען אין דער היץ צו די ערשטע קילע פעלדער קאַרטאָפל, אָפּגעפרישט זיך אַ ביסל אין די קאַלטע שעטעכן גרין.

צאַלקע איז געגאַנגען פון הינטן און גערעדט פּאַרכאַלעשטערהייט:

— הערסט דאָך, היינט ביינאַכט האָב איך עפּעס אויפגעטאָן. מעגסט הערן. באַקומען אַן אַלטע „צענעוורענע" אָן אַ שאַרבלאַט, און אויסגעפונען, אַז זי שטאַמט פון 17טן יאָרהונדערט, געדרוקט געוואָרן ביי שימשן זימלע אין מעץ.

שפּעטער צו האָט טאָנקע געפרעגט:

— הערינג, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דיין אַנטדעקונג פאַר דער סאָצבוייונג?

— הם...

— אויב אַזוי, — האָט זי זיך פּלוצלונג אויסגעקירעוועט, — אויב אַזוי, קענסטו גיין שלאָפן!

זי האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פוס, ווי עס טוען גרויסע שלעגער, און אַריינגעשטויסן דעם געלערנטן אין די קאָרן.

— אידיאָטקע! — האָט ער געשריען, זוכנדיק די ברילן אויף דער ערד, — צען מאָל אידיאָטקע!

טאָנקע איז שוין געווען ביי דער צווייטער זייט פעלד, געשטאַנען איינגעבויגן מיט די הענט אויף די קני און געמאַכט דעם אָנשטעל ווי זי לאַכט.

זעלמעניאַנער לאַכן ניט. זעלמעניאַנער שמייכלען ברייט און די ניט באַהאַוונטע נעמען עס אַמאָל אָן פאַר אַ געלעכטער.

דער טראַקט האָט זיך אַוועקגעשפּרייט ווייט ביזן סאַסנאָוון האָריזאָנט. צווישן די שאָטנדיקע, קורצע קאַרטאָפל־פעלדער האָט הער הייסער קאָרן געפּלייצט אין ברייטע פּירקאַנטיקע פורעמס פון מעש. אַ זודיקער, גרינער אָטעם האָט געשלאָגן פון די טענעזענצן. די פאַרשיידענע העלקייטן פון דער זון זיינען אומגעשוומען איבער דער גאַנצער געגנט, אַפּגעאָסן פלוצלונג ערגעץ אַ פעלד מיט ליכט, אַז ס'האָט פאַרשיקערט די אויגן.

ווייט, ביים סאַמע שטריך פון האָריזאָנט, האָט געקנוילט אַ רויכל — אַ טראַקטער האָט קורץ געסאָפּעט, געפּויזעט פאַמעלעך אי־בער הער ברעג פון דער ערד און איז אַליין ניט פאַרשוווּנדן פון אויג.

צאַלקע האָט געזאָגט:

— באָרוך אַטאָ אַדוינוי עלוֹיהיינו מעלעך האָאוילאָם האַ־מויצע לעכעם מין האָאָרעץ!

*

זי האָט אַראָפּגעכאַפּט די בלוזקע און דאָס לעצטע שטיקל וועג הערלאָפן הענדום ביז צום טייך.

פונדערווייטנס נאָך האָט צאַלקע דערזען אַ פינקלענדיקן שנור וואַסער, ביים זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון ברעג. פאַר זיינע אויגן האָט אַ בלענד געטאָן — און מיט אַ ציטער אין האַרצן — טאָנקעס פאַרברוינטער קערפּער; ער האָט דערהערט איר אויסגעשריי, און און דאָס אַליין האָט זיך עפּעס אַ מיש געטאָן מיט אַ שאַרפן ווייטאָג. צאַלקע האָט זיך אויסגעצויגן אין גראָז, אַ ביסל פון דער ווייטנס, געקייט אַ שטרויעלע, און אויפגערעגט געטראַכט און ניט געטראַכט.

זי האָט זיך דאָרטן געוואַלגערט אין וואַסער, אַרויסגעשפּריצט, אונטער דער גליענדיקער זון, קאַלטע וואַסער־ראַקעטן; פלוצלונג האָט

זי זיך אַרויסגעהויבן, גלאַנצנדיק מיט דעם נאַסן לייב, און אויסגע-שריען:

— צאַלקע, זע, אַ שיינער קערפּער, צי ניט?

*

צוריקוועגס זיינען זיי געגאַנגען מיט די פעלדער. עס איז שוין געשטאַנען אָנגעגאָסן דער קאָרן. ניטאָ קיין שאָרך. גאָרנישט. הייסע שוועלבעלעך האָבן זיך געשופּט אין לאַנגע פליען נידעריק איבער די פעלדער, און איבער זיי האָט די זון געפלאַקערט, ווי אַ הוילער פייער. זיי זיינען פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די קאָרן. טאַנקעס רויט טיכל אויפן קאָפּ האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגערוקט איבער דעם טליענדיקן מעש, ווי אַ גרויסער טראָפּן בלוט. זי האָט געזונגען:

Ох-ці мне, ох!
На балоце мох,
Хлопец па дзяўчынцы
Сем гадоў сох.
Сох-та ён, сох,
Высах, як гарох
Ох-ці мне. ох!

זי האָט געזונגען, און צאַלקע האָט זיך נאָכגעשלעפּט, בימכילע, אָנשטאָט אַ שאָטן אינעם דאָזיקן הייסן טאָג.

ער האָט געטראַכט אַזוי:

— טאַנקע, דו באַציסט זיך עפּעס גלייכגילטיק צו מיר. מען קען זאָגן, אַז דו באַציסט זיך אַפילע קאַלט צו מיר, און דאָס געפעלט מיר ניט, וואָרעם איך בין עפּשער אַ ביסל פאַרליבט.

ער האָט געטאָן אַ שטיל פּאַרטייעט זיפצעלע, וואָס איז, ווי באַקאַנט, דער ערגסטער צייכן פון דער דאָזיקער ראָזער באַלאַעס.

*

אין שטאָט זיינען זיי אַריין דורך אַן אַנדער זייט. די היץ, וואָס האָט זיך דאָ אַראָפּגעגאָסן פון די פאַרטריקנטע בלעכענע דעכער, איז געווען אַ טעמפּערע און געדיכטערע.

*

די נייער צעגראָבענע גאַס האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַבריק. אין דער גאַנצער לענג פון גאַס זיינען געשטאַנען אַרבעטער, נאַקעט ביז העלפט, מיט רידלען און אייזנס אין די הענט. מען האָט אויסגעלייגט רעלסן פאַר אַ טראַמוויי. די קרומע זון האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין זייערע הוילע פּלייצעס, ווי אין געשליפענע שפּיגלען. אַ פּאָר הונדערט ברוינע קערפּערס מיט אָפּגעברענטע פּלייצעס, ווי מיט טונקעלע שילדן, האָבן זיך רויִק באַוועגט אין אימפּעט פון דער אַרבעט. די מוסקולן האָבן זיך אַרומגעגליטשט אויף די לייבער, ווי לעבעדיקע, און אין גאַנג פון דער אַרבעט האָבן זיי זיך געכוואַליעט איבער דער פולער גאַס קערפּערס, ווי ברוינע כוואַליעס איבער אַ מאָדנעם מענטשלעכן טייך. מען האָט צונויפגעקאָכט די רעלסן מיט אַצעטילען. די אויוועלעך, פאַרקלעפּט מיט ליים, האָבן בלוטיקע געטליִעט אין דער בלאַנקער לופט. פון צייט צו צייט האָט ערגעץ, צווישן אַ גרופּע נאַקעטע לייבער, אויפגעריסן דער אַצעטילען מיט אַ זשיפּעריי; דער בלויער פייער טוט אַ קנאַל, צעשיט זיך אין פאָספאָר-שטערנדלעך, און אַ דינער רויך שלאָגט נאָך דעם אָפּ פון די פאַרשוויצטע נאַסע קערפּערס, ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויס פון אַ שוויץ-באָד. מען האָט געאַרבעט שווייַגנדיק, און פון אונטער אָט דעם גליענדיקן שווייַגנס האָבן זיך אַוועקגעצויגן ווייט דאָרטן אַרויף גאַס צוויי רייען לאַנגע, שוואַרצע, האַרטע רעלסן, אַרום וועלכע עס האָבן ווידער געשווירבלט נאַקעטע קערפּערס, און געפּיילט די שטאָלענע געשווילעכצן אַרום די צונויפגעשמאָלצענע רעלסן.

— שיין, וואָס? — האָט טאָנקע געפרעגט.

— יאָ, — האָט געענטפערט צאַלקע, ווי פון אַ ביכל אַרויס, — די שיינקייט פון מענטשלעכער אַרבעט.

טאָנקע האָט געזאָגט:

—פֿאַראַנען אַ ליד פֿון אַ זעלמעניאַנישן פּאָעט קולבאַק, וואָס פּלאָנטערט זיך מיר שטענדיק אין קאָפּ:

און בראָנזענע יונגען
באַפֿאַלן
איז דעמאָלט
אַ ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פֿון יאָרן,
וואָס זײַנען פֿאַרלאָרן.

— יאָ, — האָט מסכּים געווען אַפֿילו צאַלקע פֿעטער יודעס,— אַ שיין ליד!

נאָכדעם זײַנען זיי שוין געגאַנגען מיד און אַפֿילו אָנגעבלאָזן. טאָנקע האָט זיך מיט אים אָפּן געריצט, געפֿרעגט שאַלקהאַפֿטיק, צי ער, צאַלקע, געהערט אויך צו די מאַנסביל מיט די שיינע קערפּערס. ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט.

— איך האַלט זיך נאָך בײַ דעם געדאַנק, אַז דער גייסט בויט דעם קערפּער.

— אַ ברייטע האָסטו, צאַלקע, אַ ברייטע האָסטו?

עס האָט אים עפּעס פֿלוצלונג אָנגענומען אַ פֿאַרדראָס, אַלעמיי ער האָט זיך פֿאַרדרייט מיט אָט דער פֿלאַכער מיידל, וואָס איז אַזוי גײַוועדיק־פֿאַרהיטן און איז אַזוי אײַנגעטרייט אין איר ניכטערן וועלט־קוק, אַז זי קען פּאָשעט ניט אויפֿנעמען קיין טיפֿערן וואָרט. ער האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אין זײַן ליבע צו טאָנקען איז ער באַגאַנגען אַ ייִנגלישן טאָעס, ניט לויט זײַנע זעקס און צוואַנציק יאָר. אויף אַזוי ווײַט האָט ער שוין אַפֿילו געטראַכט.

אַז צאַלקע האָט זיך שוין געקליבן אַריין אין שטוב, האָט זי אים פֿלוצלונג צאַרט אַזוי אָנגענומען פֿאַר דעם ניט־געאָלטן קין:

— דו ביסט אין מיר פֿאַרליבט, קעצעלע?

IX

ווייטער וועגן צאַלקען

צאַלקע האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף. ער איז אַרומגעגאַנגען צעכושט, ווי אַ לעוואָנע־גייער, דאָס שניפּסל פאַרדרייט אָן אַ זייט.

פעטער איטשע, וואָס פון זיין פענסטער טוט ער אַכטונג געבן אויף הערהרו און רעבזעהויף, האָט אָפּגעשטעלט די נײַ־מאַשין. פעטער איטשע האָט לאַנג געלייערט מיט כשאַד אויף צאַלקעס אויפפירעכץ, און באַלד ווי ער האָט פעסטגעשטעלט, ווען וואָס סע האַנדלט זיך, איז ער אַרויס אין הויף וואָרענען אויף אַ געפאַר.

קוידעמקאָל האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו פעטער יודען. עס האָט אָבער גראָד פּאַסירט, אַז פעטער יודע איז געווען ניט ווי געהעריק אין אויפגעראַמט, האָט ער געכאַפּט אַ שטעקן, פעטער יודע, און גענומען טרייבן דעם איבערגעבענעם ברודער זײַנעם פון שטוב:

— וואָס זאָגסטו צו איטשקען דעם באָק, — האָט ער זיך צעשריען, — ער קריכט דאָך שוין אויסן הויט!

פעטער איטשע האָט קוים באַוויזן אַרויסשפּרינגען און פאַרהאַלטן די טיר פון דרויסן — דער מאַרעשכוירע זאָל אים ניט
— מיין באָבעס דייגע, הענגט זיך און טרינקט זיך אַלע!
נאָכלויפן, און פאַרשוואָרן האָט ער זיך דאָרטן אַהינטער טיר:

פעטער איטשע האָט זיך דערמאָלט אַוועקגעזעצט צוריק צום מאַשין און שוין מער ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

פעטער איטשע האָט זיך שוין מער נישט געמישט.

*

עס איז פֿאַרגאַנגען דער זומערדיקער טאָג. אויף אַלע פֿיר זייטן און רעב זעלמעלעס הויף איז געשטאַנען בוילעט מיט אַלע זיינע ווינקלען אין די טונקל־ברוינע פֿייערן. זעלמעניאַנער זיינען געזעסן צעשפּילעט אויף די שוועלן און קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס סע קלייבט זיך באַהאַלטענערהייט אַט ביי זיי אונטערן נאָז.

אַרום האַלבער נאַכט האָט מען פּלוצלונג דערהערט ווילדע, פֿינסטערע געשרייען. דאָס האָט געשריען פֿעטער איטשע. דער רעבזעהויף איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן פֿון שרעק. מען איז געלאָפֿן נאַקעטע פֿון די שטיבער. אין דער פֿינסטער האָבן זיך געבלייכט לאַנגע ווייבערשע העמדער און צעפּאַטלטע מאַנסביל. די גוואַלדן האָבן זיך געטראָגן ערגעץ פֿון דער הייך, דאַכט זיך פֿון פֿעטער יודעס בוידעם.

דערמאָלט האָט דאָס קליינע טרויעריקע ווייבל גענומען שטורכען פֿעטער פֿאָליען אין זייט:

— שטיי אויף, מען קוילעט מענטשן אין הויף!

— פֿאָליע, האָב ראַחמאָנעס, שטיי אויפֿעט!

פֿעטער פֿאָליע האָט זיך ביז אַ קער געטאָן אויפֿן זייט און גענומען בורטשען אין וואָנץ:

— ברעכט דעם קאָפּ אַלע, כ'דאַרף ראַניצע אויפֿשטיין צו דער אַרבעט!

דאָס ווייבל האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן, געשלעפּט די קישן פֿון צוקאָפּנס, איז ער אַראָפּ אַ פֿאַרשלאָפֿענער אין הויף און גלייך אַרויף איבערן לייטער צו פֿעטער יודען אויפֿן בוידעם, נעמענדיק עטלעכע טרעפּלעך פֿאַר אַמאָל...

די געשרייען האָבן באַלד אויפֿגעהערט.

מען איז געשטאַנען, צונויפֿגעטוליעטע און פֿאַרהעשעטע, מיט פֿאַרדימענע קעפּ צום בוידעם־לאָך.

— מען מוז לויפֿן נאָך בערען, — האָט די זעלמעניאַנער געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, — אָן אים וועסטו דאָ גאָרנישט מאַכן!

פֿאַלקע פּעטער איטשעס איז אָנגעפֿלויגן מיט אַ עלעקטריש לעמפּל אויפֿן ברוסט, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, באַוואָפֿנט ווי סע דאַרף צו זיין, און ער האָט זיך אויך געלאָזן צום בוידעם.

— ענטפֿערט וואָסי דאָרטן, גאַזלאָנים!

באַלד האָט זיך פֿאַלקעס שיטערע עלעקטרע אַרויסגעגאָסן צוריק פֿון דעם בוידעם־טירל און עס האָט זיך דערטראָגן זיין שלייגענדיקע שטים:

— סי גאָרנישט, סי גאָרנישט, — צאַלקע האָט זיך אויפֿגעהאַנגען!

— וואָס?

— אויף טויט?

— ניין, ווי אַלעמאָל, פּונקט ווי אַלעמאָל.

*

פּעטער איטשע האָט זיך טאַקע ניט געמישט. ער איז געבליבן בלויז זיצן אויפֿן שוועל אין דער פֿינסטער, קעדיי צוקוקן זיך, וואָס דאָ וועט זיין. שפּעט ביינאַכט האָט ער דערזען, ווי צאַלקע איז אָן אַ רעקל אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב, געכאַפּט דעם לייטער ביים שטאַל, און עפּעס גאָרנישט לויט זיינע קויכעס אַ הייב געטאָן צום דאַך. צאַלקע איז ווי אַ באַנומענער אַרויפֿגעלאָפֿן צום בוידעם.

פֿרעגט זיך:

דער פּעטער איטשע האָט אים דעמאָלט געדאַרפֿט נאָכגיין, צי ניט?

— ער האָט געדאַרפֿט! — אַזוי זאָגן אַלע.

און ער האָט אים טאַקע אונטערגעכאַפּט אין דער סאַמע ריכטיקער מינוט.

צאַלקע איז אָבער געווען אַזוי פֿאַרביטערט אויף דער וועלט, אַז ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פֿוס און גענומען שלאָגן דעם פּעטער

איבערן קאָפּ. אין דעם פּעטער איטשען באַפֿאַלן דעמאָלט די גרויסע שרעק: ווײַבאַלד דעם געהאַנגענעם האַלט ער אויף זיך, טאָ ווער קען עס אים דאָ שלאָגן מיט אַ פּוס אין קאָפּ?

פּעטער איטשע האָט געמאַכט אַ געוואַלד.

דעמאָלט האָט צאַלקע זיך שוין ניט געוועהרט, געהאַנגען, ווי אַ הערינג אויף אַ שטריקל.

*

פּעטער פֿאָליע האָט פֿאָרזיכטיק אַרויפֿגעוואָרפֿן צאַלקען אויפֿן קאַרק און אים אַראָפּגעטראָגן אין שטוב, געטראָגן אָפּגעגעהיט, ווי ער וואָלט געווען פֿון פּאַיאַנס. מען האָט אויפֿגעשלאָגן פֿאַר דעם געהאַנגענעם אַ ריינעם געלעגער, אויסגעטאָן אים, און די זעלמעניאַנער האָבן זיך נײַגעריק אַרומגעשטעלט באַטראַכטן, ווי אַזוי ער ציט דעם אָטעם, טוט אַן עפֿן פֿאַמעלעך די קאַלטע אויגן און מאַכט זיי ווידער צו.

— מען דאַרף האָבן וואַרעניע!

— זעט, מען דאַרף האָבן אַ ביסל וואַרעניע, מאַכמעס ער איז פֿאַרשמאַכט!

צאַלקע האָט זיך אויסגעקירעוועט צום וואַנט. די מומע מאַלקעלע, וואָס האָט בלויז אויף דעם געוואַרט, האָט זיך דעמאָלט אַ כאַפּ געטאָן צו זײַנע בגאָדים אויסקערן די קעשענעס, טאַפּן די נעט, צי געפֿינט מען ניט דאָרטן סוידעסוידעס. מען האָט געפֿונען אין דער הויזנקעשענע אַ זאַך, וואָס לויט אַלע סימאָנים איז עס אַמאָל געווען אַ נאָטיכל, צווי בײַנערנע קנעפּלעך, און אין וועסטלקעשענע — אַ קליין צעקנייטשט צעטעלע.

פּעטער איטשע איז אַוועקגעלאָפֿן נאָך דער מומע מאַלקעלעס שפּאַקולן.

אינעם צווייטן צימער האָבן זיך נאָכדעם די אַלטע זעלמעניאַנער געקליבן שווײַגנדיק אַרום דער מומען מיט דעם צעטעלע. זי האָט

געלייענט שווער, געלייענט מיט מאַטערניש, און ערשט טאַמע אונטן איז זי אומגעריכט דערגאַנגען צו אַ פּאָר שורעס, וואָס האָבן קימאַט, ווי צעטומלט דעם אוילעם.

אָט איז דאָס צעטעלע.

אומע — דער גרוסער לעבער (קאַצעוו-לאַשן)

גודעגאַרדע (?)

סערכעלע — סרחן, סרח (שטינקער)

פּידלדעמאַניע — געלט (אין פאַרשיידענע זשאַרגאָנען)

טשעוועכטש (?)

ליב — האַלט, פאַראַן אַ ניואַנס

ווי איז בעסער צו זאָגן: אין האָב ליב

טאָנקען, צי אין האָב האַלט טאָנקען?

טאָנקע, טאָנקע

די זעלמעניאַנער האָבן זיך לאַנג איבערגעקוקט פון אַרונטער די שטערנס. באַלה דאָס פעטער זישע געפונען פאַר נייטיק אָפּנעמען דאָס צעטעלע צו זיך, און שטילערהייט איז מען צוריק אַריין צום געהאַנגענעם

*

נאָך דער וואַרעניע האָט זיך דער נויטע-לאַמוס דערפילט בע-סער, אַפילו אַ שמייכל געטאָן צו דער מישפּאָכע מיט אַזאַ מין באַטייט:

— וואָס זאָגט איר דערצו? געגאַנגען, דאַכט זיך, גאָר קע-שורע, מיט אַמאָל נעם איך און טו אָפּ אַזאַ רעציכע!

פעטער יודע האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן אוילעם ווייך און שטיל און גרינג, ווי אין זאָקן. ער איז געווען, זעט אויס, צופרידן,

וואָס זיין צאַלקע לעבט מאָרט, האַגאַם פון פּאָנעם האָט מען עס ניט אַראָפּגעזען — געקוקט רוגעדיק מיט די קליינע ווייסע אויגעלעך, ווי טאָמיד.

די געמיטער האָבן זיך באַרויקט. אויב מען האָט איצט געזאָרגט, איז עס גאָר געווען פאַר עפּעס אַנדערש; מען האָט זיך איצט באַזומערקט פאַר כייעלען, וואָס לויט דער מומע מאַלקעלעס כעשבן טאָר זי זיך שוין פון לאַנג ניט איבערשרעקן.

כייעלע האָט אָבער אַ זאָג געטאָן:

— עסט זיך ניט אָפּ ס'האַרץ. איכל זיך ניט איבערשרעקן. מיין קינד איז מיר טייערער פון אים!

*

די זעלמעניאַנער האָבן ביי פעטער יודען אין שטוב געטרונקען טיי, געגלעט די וואָנצן און אָפּגערוט פון דער צערודערונג. בלויז פעטער פאָליע, וואָס האָט מיט די זעלמעניאַנער קיין מאַגעומאַסע ניט, בלויז ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין הוילע טאַכטויגים איבערן הויף.

סאַראַ זומערדיקע נאַכט!

ווען פעטער פאָליע האָט וואָס צו טראַכטן, וואָלט ער שוין איצטער זיכער געטראַכט, ווייל די נאַכט איז געווען אַזאַ, פול מיט געדאַנקען פון סאָף זומער.

*

שפּעט ביינאַכט איז בערע אָנגעקומען פון דער מיליציע. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, צופרידן, מייסע באַלעבאָס, געקייט קערלעך און געשפּיגן צום הימל. ער האָט דערזען פעטער פאָליען אין זיין מאָרגעס הילעך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט כשאַר.

— געמאַכט אַ קייסע? — האָט ער געפרעגט.

פעטער פאָליע האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ:

— און אַז געמאַכט, איז וואָס? כ'בין נאָך אַזאַ באָלשעוויק, ווי דו!

בערע איז צוגעגאַנגען נעענטער:

— אַריינגעטאָן אין לאָמפּ?

— און אַז אַריינגעטאָן איז וואָס? איך האָרעווע, און דו דרייסט זיך אַרום מיט דיין קוקאַרדע!

בערע האָט אים שוין געשמעקט פון מויל:

אַראָפּגעטראָגן ס'פּיסעלע נאַפט אין קעלער?

— און אַז אַראָפּגעטראָגן, איז וואָס? — האָט פעטער פּאָליע צונויפגענומען די פויסט, — בערקע, דו וועסט נאָך ביי מיר פּליען פון דער פּאַרטיי אויכעט!

פּאָליע האָט אים אָפּגעזידלט מוטער־נאַקעט. דאָס מאָל האָט בערע געפּוטען פּאַר נויטיק צו פאַרשוויגן. ער איז אַוועק.

אין הויף האָבן געברענט אַלע לאָמפּן. מאָדנע. ביי פעטער יודען אין שטוב זיינען געשטאַנען די טירן אָפן. ער איז אַריין און באַלד פאַרשטאַנען, אין וואָס די סימכע שטעקט.

די זעלמעניאַנער האָבן דעמאָלט אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, פּונקט אַט זיי טראָגן די אַכריַעס פאַר צאַלקעס מעשוגענע געגנ.

בערע האָט זיך אָנגעשפּאַרט צופוסנס פון צאַלקעס בעט, געשיילט לאַנג און פאַרטראַכטערהייט די קערלעך און אַלץ געקוקט אויפן באַלסימכע. צום סאָף האָט ער אַרויסגעלאָזן דעם שטילן זעלמעניאַנישן הירושע פון טיפן האַרצן און אַ זאָג געטאָן:

— שמינטעלגענצל!

די מומע מאַלקעלע האָט צוגעשאָקלט, טיף באַדויערנדיק מיטן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז זי איז מאַסקים.

*

דער רעבזועהויף האָט שוין געשמאַק געשלאָפן. מאַכמעס פּאַלקע דעם פעטער איטשעס שרייט פון שלאָף, האָט מען אים דאָס מאָל אויך גענומען איבערנעכטיקן צום טאַטן, זאָל ער נישט איבערשרעקן דעם כוילע.

די לעוואָנע איז שטיל אַרומגעגאַנגען איבערן דאַך.

צאַלקע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. עס איז אים געווען דאָפּלט פינסטער. עס איז אים געווען לעמאָשל, ווי ער וואָלט געלעגן אויפן וואַסער טויזנט מייל פון אַ ברעג. און ער איז געווען וואַך,

פײנלעך אויף, אַז ער האָט אויך געהערט דעם ציטער פון לעוואָנע־ליכט אויף די לאָדן.

מיט אַמאָל הערט ער, ווי עמעצער שטופּט אָפּ פּאַמעלעך די טיר אין צימער.

דעם פּעטער יודעס קאָל:

— צאַלעל, דו שלאָפסט?

— ניין נאָך.

פּעטער יודע לאָזט זיך אַרײַן מיט אַ ווײט, זעצט זיך שטי־לערהײט צו אים אויפן בעט. ער זיצט לאַנג אַזוי, צופּט דאָס בערדל און קלײַבט זיך עפּעס זאָגן, וואָס עס איז אים, קענטיק, גרײַלעך ווײטיק. סאַפּקאָלסאָף טוט ער אַ שטיל הוסטל און הייבט אָן מיט אַ מוסער־קאָל:

— צאַלעל, נעם זיך אַראָפּ אַ מוסער פון זיי. ס'י דאָך מאַר זיי ענג די וועלט. וואָס זיצסטו אַלײן בײַ דײַנע ביכלעך? קענסט דאָך אויך ווערן אַ באָלשעוויק, ווי זיי, נאַר אײנער... נעם, טו אַ טראַכט און ווער אַ באָלשעוויק... און איכל דיר זאָגן דעם עמעס. ס'י דאָך אַ ראַכמאָנעס אויף אַ טאַטן אויכעט. אײביק לעבט מען ניט, און סע ווילט זיך האָבן אַ קאַדעש, ווי אַלע ייִדן... אָן אַוולע, וואָס? כ'פאַרשטײ, מען נעמט זיך אַמאָל ס'לעבן. פאַרוואָס ניט? כ'פאַרשטײ אײנמאָל, אַ צווייטן מאָל, בײַ דיר איז דאָך עס אַלע ווײַלע... און זעסט דאָך, אַז ס'איז דיר פּאָרט ניט באַשערט, ראַכ־מאָנע־ליצלאָן, צו שטאַרבן. פרעגט זיך דאָך טאַקע, צאַלעל, נאָכ־מאָל זאָלסטו גיין אַי קעגן גאָט, אַי קעגן לײַטן?...

פּעטער יודע איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף דעם שנירעלע לעוואָנע־ליכט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגאָסן דורכן לאָדן. באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַ ביסל שטילער, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרטרויען אַ סאָד:

— און דו מײנסט, אַז איך האַלט ניט פון זיי? איך, זעסטו, האַלט דאַפקע פון זיי... אַראָפּוואַרפן דעם קייסער האָט מען גע־דאַרפט, ווי דעם לעבן, געווען אַ גאַרנישט שעבענישט, ניט קיין קייסער... אָבער, זעסטו, אָט דאָס, וואָס מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם שטיקל ייִדישקייט — אָט דאָס איז שוין ניט רעכט...

גאָרניט רעכט... סי פּראָסט ניט שיין!... אַ כּאַסענע, זעסטו, האָט געדאַרפט זיין אַ כאַסענע, אַ בּרים האָט געדאַרפט זיין אַ בּרים, און סי רעכט אַמאָל אָפּדאַוונען אויך. פאַרוואָס ניט?... וואָרעם וואָס איז שוין די האַמצאָע, אַז מען דאַוונט ניט?... ווען מען טוט מען דאָס אַריין?... הער, צאַלעל, ווען מען לאָזט מיך צו צו זייערע קעפּ דורכטײַנען זיך, וואָלט אַנדערש געוואָרן... טאַקע היינטוועלטיקע מענטשן, קענען לעשוינעס, אָבּער מען דאַרף האָבּן אָטאָ דאָ אויך עפּעס... וואָס, ניט?... און אָט דאָס, וואָס זיי טשעפּען זיך צו די גווירים, איז, צווישן אונדז ריידנדיק, אויך אַ נאַרישקייט... די גווירים האָבּן סאָפּקאָלסאָך געגעבּן צו פאַרדינען אַ רובּל... פון דעם שוסטער און דעם שניידער האָט מען געהאַט קיינמאָל גאָרנישט... זעסטו, ווען מען פאַרמאָגט אַ בּיסל סייכל, האָט מען, אַדרעאַבּע, געדאַרפט שאָלעם מאַכן מיט די בּאַלעבּאַטים — פאָרט איידעלע מענטשן, אַמאָל אַן אייצע, אַמאָל סטאָם אַ גוט וואָרט... וואָס, ניט?.. צאַלעל, דו שלאָפסט?

— ניין נאָך.

— זעסטו, אַ יונגערמאַן דאַרף זיך אָבּער ניט אָפּשיידן פון קלאַל. אַל טיפרויש מין האַציבּור... ווערסטו אַ בּאָלשעוויק, גייסט מיט דער פאָנע, זאָגסט דאָרטן אָפּ, וואָס מען דאַרף... און אַמאָל מאַכט זיך, טוט מען אויך אַ יידן אַ טויווע, איז דאָך שוין יעמאָלט גאָר אָנגעלייגט, האַלט מען שוין פון דיר צווישן אונדזערע מענטשן אויך!... בּיסט אַ מענטש, בּאָרעכאַשעם, מיט אַ פּען אין האַנט, דו שרייבּסט, דו גיסט צו פאַרשטיין, און אַלעמיי טאַקע ניט אויפווייזן, אַז זיי האָבּן אַ טאָעס... האַ?...

פּעטער יודע האָט אָפּגעזיפצט:

— הערסטאָך, איך קוק אַמאָל אויף דער עלעקטרע, ווי סע בּרענט, און איך טראַכט: סי ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט — סידאָ עלעקטרע. נו, איז ווי לייגט זיך עס דיר אויפן סייכל, אָטאָ דער לעמפּל איז גאָט?... אָט דער לעמפּל שטראָפט עם די רעשאָים און בּאַלוינט די צאַדיקים?... ער האָט עס געגעבּן מוישע ראַבּיינו די טוירע אויבּן באַרג סיניי, אָט דאָס לעמפּל?.. פרעג איך, וווּ געפינט זיך בּיי אָט די מענטשן דער קאָפּ?... און וואָס הייסט

זיין, אַ שטייגער, אַז איך צעברעך גאָר דעם לעמפּל, איז שוין אויס גאָט אויף דער וועלט?... העפקער־פּעטרישקע?... צאַלעל, דו שלאָפסט?

— ניין נאָך.

— טאָ זיי מוחל, — איז שוין פּעטער יודע אַריין אין היס־לאַוועס, — דו ביסט דאָך יאָ אַ מענטש אַ בענטווירע, טאָ גיב מיר אויף טשיקאַוועס צו פאַרשטיין: וואָס שטעקט דאָ? צי דען זעען זיי ניט, צי הערן זיי ניט?... דו גיב מיר צו פאַרשטיין, ווי אַזוי נעמען עס יידן באַיאָרנטע, יידן מיט בערד, און מען איז מע־כאַלעל שאַבעס בעפאַרהעסיע?... וואָס שטעקט דאָ?... וואָס טראַכטן זיי זיך?... כאַווער לעניק איז אַ גרויסער מענטש, אַוואַדע איז ער אַ גרויסער מענטש, אָבער ווי קומט ער צו עמונע־זאַכן?... און לאָמיר שוין אַפילע אָננעמען, אַז ער איז מיכסידיי אומוים האָאוילעם, איז וואָס?... און מוישע ראַביינו איז שוין גאָרנישט?... און דאָוויד האַמיילעך איז גאָרנישט?... און דער ווילנער גאָען איז גאָרנישט?... דו ווייסט, צאַלעל, אַמאָל טוט טאַקע אָט דאָ אַ ברען אין קאָפּ, אַז סע ווילט זיך אַנטלויפן אין בעסמעדרעש אַהינטער אויוון און געעקט אַן אייסיק. צאַלעל, דו שלאָפסט?

— יאָ, איך שלאָף שוין אַ ביסל.

דער פּעטער איז געבליבן זיצן צונויפגעהויקערט אויפן בעט און אויסגעזען האָט ער אויך איצטער, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער גאַלעכל. די עטלעכע טראָפּנס לעוואָנע־שיין האָבן באַשפּריצט אַ גלעזל פון זיינע שפּאַקולן און אַ שטיקל איינגעפאַלענע באַק. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע מיט דער פּלייצע צו צאַלקען און געטראַכט פון עפּעס, נאָכדעם האָט ער אויסגעקירעוועט צו אים דעם קאָפּ:

— עפּשער אויסשפּילן אַ ביסל אויפן פידל? שוין לאַנג ניט געהאַלטן אין האַנט.

— ווי דו ווילסט.

אין דער פינסטער איז ער שפּעטער געשטאַנען איבער צאַל־קעס בעט און געשפּילט אַזוי, ווי ער האָט געהאַט בעדייע אַרויס־ציען פון אים די נעשאָמע ניט דורך אַ טליע, נאָר דורך אַ זיסן,

פּאַרצייטיקן געיאָמער. עס האָט זיך געהערט אין צימער דער געריך פון אַ געזאַנג אויף אַ בעסוילעם. דעם פעטער יודעס מאָרעשכוירע האָט אויפגעבליט און זיך צעעפנט, ווי אַ קלעפּיקער געוויקס אינמיטן וואַסער. די ניגונים זיינע האָבן זיך געשאָקלט און געשטיקט אָן אַ אָטעם, מאָדנע געבראָכן און טויט, ווי אַ בלינד אויג, וואָס פינטלט שטאַרק און רייסט זיך צום זען.

ס'איז געווען פינסטער.

דערנאָך האָט ער געשפּילט וועגן דער הון. דאָס זיינען שוין געווען גאַנץ אַנדערע טרערן וועגן דעם ווייטן, גלייכגילטיקן גאַנג פון די מאַזאָלעס, וואָס עס קימערט זיי גאָרנישט.

X

ר אַ ד י אָ

אין סעפּטעמבער כּוידעש הערט אויף אין אונדזערע קאַנטן דער זומער צו עטעמען. שטיל. פּיין-פּיין, נאָר ס'איז אַזוי, ווי מע וואָלט בײַ אײנעם אַרויסגענומען די לונגען. אין אונדזערע קאַנטן איז דער סעפּטעמבער-מענטש דערבײַ אַ ביסל געזעצטער. מען האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז האַרטע מענטשן, וואָס בײַ אונדז אין געגנט טרעפֿט מען זיי אָפֿטער ווי ערגעץ אַנדערש ווו, אַזוינע, וואָס ווייסן ניט פֿון סענטימענטן, שטרעקן אַמאָל אויס אין סעפּטעמבער-כּוידעש די האַנט בײַם געזעגענען זיך, און עס טרעפֿט אַפֿילע, אַז זיי טוען שוין דערבײַ אַ שמייכל אויך.

ס'איז דער קלימאַט אַזאַ.

עלטערע מענטשן זיצן דעמאָלט לענגער אין שטוב, זופּן טיי פֿון גלאָז און טראַכטן.

אין די פֿענצטער איז גראָ.

*

שוין לאַנג געווען שטיל אין הויף. ס'איז סעפּטעמבער-כּוידעש. זעט אויס, אַז עפּעס וועט שוין באַלד ווידער געשען. און פֿונוואַנען דראָט די געפֿאַר? דאַפֿקע פֿון אַן אומגעריכטער זײַט — פֿון פֿאַלקע פֿעטער איטשעס. פֿון אָט דעם נעפֿעש.

פֿאַלקע דעם פֿעטער איטשעס האָט זיך צו אַ האַלב יאָר אָנגעשריען אַ פּופּיק, ווי ס'איז שוין באַוווּסט. דעמאָלט האָט מען אים געלייגט האַרטע צעגערס צום בויך, ביז ער (דער פּופּיק) איז ווי-ניט-איז צוריק אַרײַן אויף אַן אָרט.

קלאָר, אַז פון אַזאַ אָנהייב וועט שוין גאָרנישט אַרויסקומען.

דאָ ניט לאַנג האָט ער גענומען טראָגן אין שטוב האַלבע צעבראָכענע ביר־פלעשלעך, וואָס ער פלעגט זיי אָנגיסן מיט עפּעס אַ בלויען וועסערל) און ווייקן אין דעם שטיקלעך קופּער.

גאַנצע טעג פלעגט ער אַזוי זיצן דאָרטן, ביים פעטער יודען אין נידעריקן צימער, צווישן די פלעשלעך, גומע, דראָט, אייזנס און טראַכטן אַ טראַכטונג. ער האָט געווישט די נאָז און אַריינגעקוקט אין אַ ביכל אַריין. און אַז ביי אים אין קאָפּ איז, ענדלעך, קלאָר געוואָרן דער גאַנצער סאָד פון די דראָטן, איז ער אַוועק צו בערען מיט אַ פּלאַן מעקויעך ראַדיאָפיצירן דעם רעבזועהויף.

ער האָט פאָרגעלייגט אַ שאַרפן בוי־פּלאַן:

אויפהענגען די אַנטענעס אויף לופט־באַלאָנען, הויך אין הימל, קעדיי פּאַקן די עמעס־ריינע כוואַליעס. עלעקטרישע באַטאַרייעס וועט ער שוין מאַכן אַליין אין זיינע ביר־פלעשלעך, די באַרדיקונגען וועלן פאָרקומען אויף ריינעם קופּער — אַ סגולע פאַר די בליצן, און בכלל וועט זיך זיין ראַדיאָ אויסצייכענען מיט דעם ריינסטן קלאַנג, און הערן וועט מען קענען אַפילע פון אַמעריקע.

בערע איז געזעסן ביי אַ גרויסער קאַווענע, געריבן מיט אַ מעסער דעם קאַלטן קאַווענע־פלייש און זיך גוט צוגעהאָרכט, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— ראַדיאָ דאַרף מען איינפירן, אָבער אָן לופט־באַלאָנען.

— און אַרבעטער־דערפינדונג איז ביי דיר גאָרנישט? — האָט זיך פאַלקע ניט איינגעהאַלטן:

— מאַך פריער אַ פּראָסטן ראַדיאָ, — האָט בערע געזאָגט, — נאָכדעם וועלן מיר זען.

— אָבער ס'טאָך קאָסטן וועלוועלער. ראַציאָנאַליזאַציע איז ביי דיר גאָרנישט?

— מאַך אָבער אַ פריער די זאַך, וועלן מיר נאָכדעם זען, גוילעם! — האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט ביי אים זיין אַלטע סינע צום פאַרסמייעטן ברודער.

פאַלקע איז דאַן אַרויס פון בערען אַן אויפגעלויכטענער. ווי־באַלד, אַז בערע האָט שוין באַגיטיקט די זאַך, וועט ער אַלע כוואַ־

ליעס אײַנשפּאַנען אין זײַנע אַנטענעס און די שטיבער אָנגיסן מיט קאָנצערטן, פידלען, שטימען, פול ביז איבער די ברעגן. אָבער סע פעלט אים געלט.

פאַלקע האָט דאָ אויפן אָרט, גײענדיק איבערן הויף, צונויפגעשטעלט אַ רעשימע און באַשטײערט מיט אַן אָפּצאָל די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון הויף. באַלד איז ער אַוועק איבער די זעלמעניאַנישע שטיבער אַגיטירן פאַר דעם ראַדיאָ.

די מעהומע איז געוואָרן גרויס, און עס איז פאַרשטענדלעך אויך: בײַ עלעקטרע פאַרשפּאָרט מען כאָטש קעראָסין, אָט דאָס איז אָבער זינגעכץ, זינגעכץ סתּם אין דער וועלט אַרײַן, און ס'איז גאָרניט אַזוי גוט אויפן האַרצן! דערבײַ האָט פאַלקע פאַרשלונגען די רייד, און מען האָט בּיכלאַל ניט גוט באַנומען, וואָס ער איז דאָ אויסן.

די מומע גיטע האָט תּכלעס פאַרשטאַנען די זאַך, אַז פאַלקע וועט אַרויפקריכן אויפן דאַך, זעצן זיך זינגען, און זײ אונטן אין די שטיבער, וועלן אים דאַרפן הערן און צאָלן געלט:

— לײכטע פּאַרנאָסעס ווילט זיך אים, דעם שילוע.

פאַלקע האָט זיך אָבער געקאָכט, אים האָט ווײניק וואָס געקימערט, וואָס פעטער זישע איז געזעסן, געזופט טײ און געוואָרפן צו אים פון צײַט צו צײַט בליקן ווי צו אַ שפּין. פאַלקע האָט אַלץ געטײַנעט:

— עלעקטרע איז די באַזע פאַר דער אינדוסטריע, ראַדיאָ — פאַר די מויכעס.

אַזוי האָט ער דעמאָלט אויפגערודערט דעם הויף, דער היסלאַוועסדיקער פאַלקע.

אין אַ פּאָר טעג האָט ער צונויפגעקליבן בײַ אַ 25 רובל און זיך געזעצט צו דער אַרבעט.

*

ס'האָבן אָנגעהויבן גיסן די ערשטע, שיטערע, קרומע רעגנס; אַהינטער זײ האָט דער אַנטשוויגענער זומער מיט די פּאַרקיטיקטע מיליאָנען קאַלירן זיך געלאָשן אין די סאָפּזומערדיקע גערטנער.

אומעטיקער גרין פֿון בוריקעס־בלעטער, מיט לילאָווע האַרטע אָדערן, איז געלעגן צעטראָטן צווישן די בייטן. שמוציקער געל, שמוציקער אָראַנזש, שמוציקער בראָנז האָט זיך געוואַלגערט אָן בלאַנג אונטער די פֿיס.

אין אַזוינע טעג הערט מען טרויעריקע ווייטע שטימען אָן אַנטענעס.

עס האָט געטריפֿט אַ שמוציק רעגנדל, בײַם פֿאַלקע איז אַרײַן בעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים העלפֿן אַרויפֿשטעלן די שטאַרקסטע אַנטענע אויפֿן מויער. דער פֿעטער איטשע האָט אויף זיך אָנגעטאָן עפּעס אַ צעריסענעם בעגעד, אין וועלכן ס׳איז בלויז גוט צו גיין איבער די הײַזער, און מען איז דורכן בוידעם אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן דאַך.

פֿעטער איטשע איז אויפֿן מויער געווען מיט צוויי און פֿערציק יאָר צוריק, און ס׳האָט זיך אים אַלץ ניט געגלייבט, אַז אָט די הונדערט מויערן און די רישטאָוואַניעס צווישן דעם מאַטן מעש פֿון די האַרבסטיקע ביימער איז עס די אייגענע שטאָט, וואָס אַמאָל. פֿאַלקע האָט אים אָבער ניט געלאָזן שטיין מיט דער באָרד אין האַנט און גאַפֿן איבער דער שטאָט. ער, פֿאַלקע, האָט נעבעך געשלעפּט אַף זיך אַ לאַנגן דראָנג, די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט האַמערס, טשוועקעס, וואָס האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט די הויזן.

ער איז געווען צעהאָצט.

און איצטער האָט פֿאַלקע דאָרטן אויפֿן מויער אַרומגעיאָגט דעם טאַטן זײַנעם פֿון איין ברעג דאַך צום אַנדערן. מען קאָן אָבער אויך ניט זאָגן, אַז פֿעטער איטשען זאָל ניט געפֿעלן ווערן די שפּיל. עס איז אים גראָד געפֿעלן, ווײַל פֿעטער איטשע איז בעטעווע ניט געווען קיין שנײַדער, און, בעעמעס, ווען קען זיך מאַכן נאָך אַזאַ געלעגנהייט, אַרומשפּאַצירן איבערן דאַך און ניט דאַרפֿן זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר קיינעם?

עס האָט געטריפֿט אַ שמוציק רעגנדל, בײַם זיי זײַנען געלעגן צונויפֿגעקוטשעבורעט אויפֿן נאַסן דאַך אַרום קוימען, און געקלאַפּט די לעצטע טשוועקעס אין דער אַנטענע.

פֿאַלקע האָט געפֿרעגט:

— דו האַלטסט פון דער סאָוועטנמאַכט, צי ניט?

— ווידען?

— טאָ פאַרוואָס שערסטו ניט אָפּ די באָרד, עס קאַפּעט דאָך פון איר?

— איכל דיר זאָגן דעם עמעס, — האָט זיך פעטער איטשע פאַרענטפערט, — ווען איך נעם אַראָפּ די באָרד, וואָלט איך געווען אַ ביסל יינגער אויך, נאָר פאַר לייטן איז ניט שיין.

— קליינבירגער בלייבט קליינבירגער! — האָט פאַלקע אַ זאָג געטאָן צום דאָך.

— איכל דיר זאָגן דעם עמעס, אַ ביסל שער איך זי אונטער אויך; אַמאָל אַ כאַפּ דאָ, אַמאָל אַ כאַפּ דאָרטן. מען קאָן דאָך ניט מיט אַמאָל!...

נאָכדעם, אַז זיי זיינען אַראָפּ פון דאַך, האָט דאָרטן געסטאַרטשעט אַ פלאָקן אין הימל, געפאַנגען די זיסע כוואַליעס פון דער וועלט.

איצט, ווען ביי פאַלקען וועלן זיך אָנגיסן די קאָנדענסאַטאָרן מיט עלעקטרע, וועט זיך אַ גאַס טאָן דער געזאַנג אין הויף, ווי אַ שלאַקסרעגן פון אַן אָפּגעריסענער כמאַרע, און מען וועט זיך טרינקען אין געזאַנג.

אַזוי האָט געטראַכט פאַלקע.

עס זיינען אָבער אַוועק היפּשע עטלעכע טעג, און אין די טעלעפאָן־רערלעך האָבן יאָמערלעך געוויינט ווייטע הייזעריקע ווינטן. מען האָט געהערט דעם האַרבסטיקן וועטער אין די אייראָפּעישע לענדער.

פאַר די עטלעכע טעג איז פאַלקע אַראָפּ פון פּאָנעם. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן פון די שטיבער אין דרויסן אַרויס; דאָ איז ער אויפן דאַך און דאָ גראָבט ער אַ גרוב ערגעץ אונטער אַ פענסטער, טאַפּט די דראָטן און לעקט מיטן צונג.

די לאַגע איז געוואָרן נאָך געפערלעכער מיט דעם, וואָס דער סוינע האָט שוין גענומען אַרויסרוקן זיין כאַזערשן פּיסל.

*

פּעטער זישע האָט אַנומלט בײַם עסן אַ זאָג געטאָן, אַז דער פֿאַלקע מעג זיך אַפֿילע שטעלן אויפֿן קאָפּ, וועט ער ניט אײַנפֿירן קײן ראַדיאָ, ווײַל דערצו מוז מען נאָך אַלע מײַסעס אײַנשטעלן אַ פּאָמפּעדיקל.

— איך בין אַ זײגערמאַכער, — האָט ער געזאָגט, — און וועגן אַזוינע זאַכן זאָל מען מיך ניט לערנען. דיר דאַכט זיך, אַז אַ זײגער גײט אויך אַלײן, נאָר נײן — מען דאַרף נאָך אַלע מײַסעס אײַנשטעלן אַ פּאָמפּעדיקל.

מער האָט פּעטער זישע ניט גערעדט. זײַנער אַ וואָרט האָט אָבער שטענדיק איבערגעלאָזן אַ רושעם, און מען האָט דעמאָלט גענומען, מיט פֿאַלקען שטילערהײט אַרײַנטײַנען וועגן אַ פּאָמפּעדיקל:

— הענג אויף אַ פּאָמפּעדיקל, — האָט מען זיך בײַ אים געבעטן, — זײַ ניט קײן אַקשן.

— און וואָס קען עס דיר שאַטן סאַפּקאָלסאָף, מען דאַרף אַמאָל הערן אַן עלטערן מענטשן אויך.

פֿאַלקע איז געווען אויסער זיך. ער האָט אַמאָל אַ שלײדער געטאָן דעם האַמער אין דער ערד און גענומען שרײַען:

— ווו זאָל איך אײַך אויפֿהענגען אַ פּאָמפּעדיקל, אין הימל? דער אַלטער לאַטוטניק גײט מיך לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף אײַנשטעלן אַ ראַדיאָ. זאָל ער זיך גײן פֿריער צולערנען אַ ביסל פֿיזיק, דער נײַער מאַרקאָני!

אָט דאָס האָט שוין פּעטער איטשען אַרויסגעבראַכט פֿון געדולד, האָט ער מיט רעציכע אַ הײב געטאָן די הויזן און גענומען רײדן צו אים האַרבע דיבורים:

— די מינוט זאָלסטו מיר אויפֿהענגען דעם פּאָמפּעדיקל, דו הערסט, וואָס איך רײד צו דיר, אָט די מינוט!

אַפּאָנעם שוין לאַנג שטיל געווען אין הויף.

מען קען דרײַסט זאָגן, אַז ווען ס'טרעפֿט אויף אַן אַנדערן, ניט אויף פֿאַלקען, וואָלט יענער זיכער אויפֿגעהאַנגען אַ פּאָמפּעדיקל. פֿאַלקע האָט אָבער קײנעם ניט געפֿאָלגט, און איצטער זעט מען, אַז ער איז געווען גערעכט אויכעט.

דער ראַדיאָ איז געשטאַנען אויף מישקוילעס. ביכלאַל האָט מען שוין אין הויף גענומען שטאַרק צווייפלען אין די מאָוועטישע אויפטועכצן. ערשט דעמאָלט, שפּעט ביינאַכט, איז מאָטעלע דער שוואַרצער אַראָפּגעלאָפן אין הויף מיט אַ געשריי, אַז ביי אים אין קעסטעלע האָבן זיך גענומען הערן באַלאַלייקעס.

דער הויף האָט זיך אַ ריס געטאָן. מען איז געשפּרונגען פון די פענסטער, און אַלע צום פעטער פאַליען אין שטוב. פּעמעס, ביי אים, ביי דעם שוואַרצן מאָטעלע אין ראַדיאָ, האָבן געצימבלט באַלאַלייקעס. דערנאָך האָט דאָרטן אַליין אויפגעהערט און פון ערגעץ ווייט האָט מען אַריינגעזאָגט מיט אַ מענטשלעכן קאָל:

— האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ!

פאַלקע איז אַראָפּגעלאָפן אַ צעמישטער צו אַלע זיינע זעקס ראַדיאָס אין הויף. סאָפּקאָלסאָף האָט ער געפּאַקט די זינגענדיקע כוואַליע, עמעס, דערווייל אַ פּראָבטלעכע, אָבער ער האָט עטלעכע אַפּאַראַטן אויף קאַטאָד־לאָמפּן, וואָס וועלן, האָפנטלעך, פאַנגען אויך פידל־כוואַליעס און אַלע בלאָנדזשענדיקע רעדעס איבער דער וועלט, וואָס זיינען נאָך ניט אָפּגענוצט געוואָרן.

שפּעטער איז געוואָרן שטיל אין רעבזעהויף, ווי אין אַן אויער. מען איז געזעסן קופּקעסווייז אַרום די ראַדיאָ־קעסטלעך, מיט אַ ביסל אַרויסגעדרוקטע אויגן, ווי ביי פייגל, און פאַרכידעשט געהערט אַ רעדע וועגן די ברויט־פאַרגרייטונגען אין וו. ס. ס. ר. די טעלעפאָן־רערלעך זיינען געגאַנגען פון אויער צו אויער, און איבער אַלע שטיבער איז אַרומגעלאָפן דער פאַרסמייעטער פאַלקע, געוויזן און אָנגעפירט מיט דער העריי.

דער פעטער יודע איז דאָרטן ביי זיך אין שטוב צוגעפאַלן מיט אַ מין מעשוגאַעס צו דעם ראַדיאָ. ער האָט אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך אין שטוב, אַוועקגעזעצט זיך מיט געשלאָסענע אויגן און געהערט. קיינער האָט שוין צו יענעם ראַדיאָ ניט געקענט צוקומען, און אַז צאַלקע האָט דערזען ביי אים טרערן אין די אויגן, איז ער אַרויס צום פעטער זישען דערקונדיקן זיך, וואָס דער טאַטע זיינער הערט דאָרטן.

עס האָט געשפּילט אַ וויאָלינטשעל אין מאָסקווע.

דעמאָלט האָבן זיך שוין אַלע געפונען ביי פּעטער זישען, געקליבן זיך, מיסטאָמע, הערן זייך מיינונג וועגן דער זאַך.

ביילע איז אַראָפּ זיך נאָכפרעגן, צי מעג זי הערן ראַדיאָ און צי דאָס קען ניט אַמאָל פאַרשאַטן איר קינד. פאַלקע האָט זיך אויף איר אָנגעבייזערט און גענומען דערקלערן, לויט דער פיזיק, אַז דאָס געזאַנג וועט ביי איר ניט דערגיין ביז צום בויך, אָבער דאָ האָט די מומע גיטע איבערגעריסן אויף אַ רגע דאָס ראַבאָנישע שווייגנס און איר טאַקע געאייצעט, אַז זי מעג, נישקאָשע, מיט דעם ראַדיאָ אָפּוואַרטן ביז נאָכן קימפעט.

פאַלקע האָט געזיגט. אַפילע פּעטער זישע האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. קיינע שום אינצידענטן, ווי דעמאָלט ביים אַריינפירן די עלעקטרע, זיינען ניט פאָרגעקומען.

אויף מאָרגן האָט די באָבע באַשע עפּעס יאָ באַמערקט דעם פלאָקן אויפן דאַך, איז זי אַוועקגעקראָכן איבער די שטיבער מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן דעם איניען, און כוישעד געווען האָט זי פאַלקען, אַז ער האַנדלט מיט טויבן... טאַנקע, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט פאַרנעמען זיך מיט דער באָבען, האָט זי נאָכדעם אין אָוונט אַוועקגעזעצט ביים ראַדיאָ, אָנגעטאָן אויף איר אויסגעסאָכניעט קעפּעלע די רעדלעך, אָבער די באָבע האָט, ליידער, גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען.

*

דעם ראַדיאָ-אַפּאַראַט האָט זי אָנגענומען פאַר אַ וואַנטזייגער.

סעפּטעמבער כודעש. דורכזיכטיקע טעג און קילע ווייסע נעכט. עס שמעקט מיט נאַסע לידיקע פעלדער. אין די פענצטער איז גראָ. גראָד אין די קילע געל-דורכזיכטיקע טעג האָט זיך ביי פאַלקען אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע. ער פאַרפולקומט דעם ראַדיאָ און הערט שוין איצט קימאַט גאַנץ אייראָפּע. ער לערנט מאָרזעס אַלעפבייז. ער גרייט זיך פאַר אַ קורץ-כוואַליעניק.

און אין די קילע ווילבערנע נעכט, ביים בלויז עלעקטרישע שיינען שאָרכן איבערן ברוק פון רעבוועהויף, עפענען זיך אַייליק די קליינע פּאָרטקעס פון די שטיבער און צעהאָצטע ועלמעניאַנער שרייען זיך איבער:

— האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ!

— בערלין!

— מאָסקווע!

— וואַרשע!

— בוקאַרעשט!

XI

סאָניע דעם פּעטער זישעס

וואָס איז מיט סאָניע פּעטער זישעס, די וואָס אַרבעט אין פּאָלקאָמפּין, זי איז טאַקע אַ מענטש, צי ניט?

לייט האַלטן, אַז זי איז אַ מענטש.

פאַרוואָס איז איר שטענדיק אַ ביסל קאַלט? פאַרוואָס זיצט זי אויפן סאָפע איינגעוויקלט אין שאַל און טוליעט זיך? דאָס האָט זי באַקומען בירושע פון דער מומע גיטען, וועלכע האָט אַריינגעשמוגלט צוגעפראָרן ראַבאָניש בלוט אין דער מישפּאָכע.

סאָניע פּעטער זישעס האָט אַ צו ווייכע הויט פאַר אַ זעלמעניאַנערין, דערצו האָט זי אַ פּאָר גלאַנציק בלויע ווייסלעך, וואָס לייכטן דערהויפּט ביינאַכט, און נעמען שטאַרק אויס אין פּאָלקאָמפּין.

מענטשן פון 35 יאָר און עלטער האָבן זי שטאַרק ליב.

עס טרעפט, אַז זי קומט אַרויס פון פּאָלקאָמפּין, גייען איר נאָך עפּעשער פינף ספּעצן; זי טוליעט זיך און גיט צו דעם אַ שמייכל און צו דעם אַ שמייכל, דערנאָך צעגייען זיי זיך אַלע עסן מיטאָג.

אין הויף האָבן זי עפּעשער אויך אַלע ליב, נאָר קיין לאַנגע מאַכזאָקעס פירט מען ניט מיט איר — זי האָט אין זיך שטאַרק פרעמדע גענג, ניט קיין זעלמעניאַנישע. וואָס דאַרף מען מער? אַפילע פאַר טאָנקען, וואָס זי שלאָפט מיט איר אין איין בעט, איז זי אויך אַ ביסל אַ פרעמדער מענטש. אַגעוו, האָט מען טאַקע ניט וועגן זיך דורכצוּוואַרפן מיט אַ וואָרט אויך, וואָרעם שלאָפן לייגט מען זיך אויך באַזונדער, און בלויז שפּעט ביינאַכט קען מען אַמאָל הערן אַ פאַרשלאָפענע שטים פון בעט אַרויס:

— אוי — אוי, נעם צו די קאַלטע פיס!

*

אינדערפרי נעמט זיך סאָניע פעטער זישעס צום טואַלעט. זי לייגט אַרויס אויפן באַנק, לעבן דער קילע וואַסער, פאַרשידענע זייפן, בערשטלעך, פראָשעקלעך. זי אײַלט זיך ניט און וואַשט זיך פּאַוואָלינקעס פונקט אַ שאָ.

אויף די דאָזיקע אַלע ניקלנע שמאָכטעלעך טוען דעם פעטער זישעס אויגן קוקן קרומלעך, נאָר אַזוי ווי מען דאַרף נאָכגיין די היינטיקע וועלט, האָט ער צו דעם קיין אָפענע טײַנעס ניט. עס פרעגט זיך נאָר, צו וואָס אַזאַ פיר קען דערפרענגען?

סאָניע פעטער זישעס וועט אָבער ניט פאַרוואַרפן כאַסוועשאָלעם קיין איבעריק וואָרט.

שטיל,

ווי

אַ טויב.

אינעם רו־טאָג זעצט זי זיך אַוועק אויף דער סאָפע און רייניקט די נעגל. נאָכדעם וויקלט זי זיך אײַן אין דער מומע גיטעס וואַרעמער פאַטשײַלע, טוליעט זי אײַן, און לייענט אַ בוך.

פאַרנאַכט קומט צו גיין דער הויכער, ברייטער ווייסרוס. ער זעצט זיך אויך צו לעבן סאָפע. אין דער בלויער טונקלעניש רעדט מען דאָרטן אַמאָל אַרויס אַ שטיקל וואָרט, מען לאַכט שטיל, און אַמאָל האָט אויך ניט.

— טורגעניעווא טשיטאַיעש? — פרעגט ער מיט זיסן פאַרוורף. — אָסטאַוו!

— פּרעקראַסנאַ פישעט, — ענטפערט סאָניע פעטער זישעס, — טשוטיאַ קאַקאָיע! קאַקאַיאַ גאַרמאָניאַ קראַסאָק!

אויב די שויבן זײַנען לויטער בלאָ, די שטיקער מעבל שטייען, ווי גראָבע שאָטנס אַרום די ווענט, קערט זיך אום סאָניע דעם פעטערס זישעס אויפן פלייצע, פאַרוואַרפט די הענט אַהינטערן קאָפּ און זעט פאַר זיך אַן אומקלאָרן הייסן כאָלעם, וואָס רירט איר אָן מאַמעש די הויט אויפן גאַנצן לײַב. עס בענקט זיך. דאָס האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. דערבײַ זיצט פּאַוול אָלשעווסקי (מען רופט אים פּאַוול אָלשעווסקי) מיט אַ פאַרנעפּלטן לאַנגזאַמען

פּאָנעם, ווי אַ קליינע ווײַסרוסישע לאַנדשאַפֿט. ער זיצט אונ־
טערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן שטול און פֿילט, אַז אויך ער גייט
אַרויס פֿון גלײַכגעוויכט.

ער פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און באַרויִקט זיך.

פּאַוול אָלשעווסקי האָט ליב סאָניע דעם פּעטער זישעם פֿאַר
איר יידישער שטילקייט. ער האָט ביכלאַל ליב יידישע שטילקייט.
אַזוי האָט ער זיך, דאַכט זיך, אַמאָל אויסגעדריקט פֿאַר זײַנעם אַ
כאַווער, דעם פּאָרזיצער פֿון סאָלטאַנאָווער דאָרפֿסאָוועט. ער האָט
ליב די יידישע שטילקייט, וואָס שטראָמט אַראָפּ מיט אַזאַ ברייטער
האַנט פֿון דער מומע גיטעס וועזן און וואָס אין גרינעם פֿאַרנאַכט
באַקומט עס דורך דער מומע גיטעס טאָכטער לײַדנשאַפֿטלעכן לאָשן
פֿאַר אַ פֿויערשן האַרץ.

אַזוי זיצן זיי.

דער ווײַסרוסישער אָרעמער פֿאַרנאַכט שפּילט, ווי אויף אַ היל־
צערנעם פֿײַפֿל. דורך די שויבן רינט אַרײַן אַ בלויע־לילאָווע שײַן,
אַזאַ, וואָס מען זעט זי איבערגעכאַוערט נאָר אויף די פֿויעריש־
געוועבטע טיכער פֿון די ווײַסרוסישע דערפֿער. עס גיסן זיך איבער
אין שטוב די דינסטע שאָטנס, און דאָ נאָענט לײַכטן אַראָפּ פֿון
סאָפֿע אַ פּאָר וואַרעמע פֿאַרוואָרפֿענע הענט און גלאַנציק בלויע
ווײַסלען, וואָס גליען איצט מיט אומרויִקייט.

קימאַט שטענדיק אין אַזאַ שאָ טוט זיך פֿלוצלונג אַן עפֿן
די טיר, פּעטער זישע טרעט אַריבער די שוועל און פֿרעגט:

— פּאָטשעמו נע זאַזשיגאַיעטע לאַמפּו? עטאָ זשע עלעקטרע.

און מיט אַ פֿרעמדן שמייכל אויף דעם ערנסט אָנגעצויגע־
נעם פּאָנעם:

— קאַמאָ פּעאָמים האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז דו זאָלסט
מיר ניט ברענגען קיין אַריילים צו מיר אין בײַס אַרײַן!

דערנאָך פֿאַרענדיקט ער אויף טיף רוסיש:

—טאָוואַרישטש, מאַיאַ זשענאַ מאָזשעט וואַס פּאָסטאַוויט סאַ־
מאָוואַר, פּאָזשאַלויסטאָ!

נאָך אַזאַ פֿרײַנדלעכער איבערגעגעבנקייט מיצאַד דעם פּעטער
זישען, טראָגן זיי זיך אָפּ וואָס גיכער פֿון שטוב. סאָניע קומט אַהיים

שפּעט בײַנאַכט. זי קריכט אַרונטער שטילערהייט צו טאָנקען אונטערן קאָלדרע און ליגט מיט אָפֿענע אויגן.

— אוי-אוי, נעם צו די קאַלטע פּיס!

מאָגיע ליגט מיט אָפֿענע אויגן ביז סע נעמט שאַריען אויף טאָג. זי טראַכט. זי איז זיך מעיאַשעוו אין דער טיפֿער נאַכט וועגן אַ וויכטיקן איניען. זי ליגט און שלאָגט זיך מיט דער דייע.

איינמאָל, אַז די זאַך איז מאַפּקאָלסאָף באַשלאָסן געוואָרן, האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און איז טאַקע באַלד רויק אײַנגעשלאָפֿן.

אַ לויב צו די זעלמעניאַנער, וואָס נעמען אָן וויכטיקע באַשלוסן אויף די געלעגערס און זײַנען ביעכוילעס באַלד אײַנשלאָפֿן!

*

אין אַ פּאָר נאָסע טעג אַרום איז פּעטער זישע אַראָפּגעפֿלויגן אין אַ צעשפּיליעטער קאַפּאָטע פֿון הויף. ער האָט שטאַרק אונטערגעהונקען, ווי אַ וואָראָנע מיט אונטערגעבראָכענע פֿליגלען. פּעטער זישע האָט זיך געלאָזט לויפֿן צו דער שטאָט.

אַ וואַסערדיקער ווינט האָט זיך אַרײַנגעקוליעט נאָך אים אין שטוב אַרײַן, וואָס ער האָט געלאָזט אָפֿן, אָבער די מומע גיטל האָט שוין איצט ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק אויפֿהייבן זיך און גיין צושליסן די טיר.

דער רעביזעהויף איז מיטאַמאָל פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון מענטשן.

— וואָס האָט, שוין דאָרטן ווידער פּאַסירט בײַ די זעלמעניאַנער?

— נו, נו, אַ מישפּאָכעלע!

— וואָס, דאָס זײַנען ייִדן, מיינט איר? — האָט אַרײַנגעזאָגט דער אַמאָליקער ייִד מיט דעם קאַטיקענעם כײַפּעך אויפֿן קאָפּ, — דאָס זײַנען דאָך קוזרים!

— פֿאַרוואָס עפּעס קוזרים? — גלאַט אַ ייִד פּלוידערט.

— דאָ קאָכט דאָך בײַ זיי ווי אין אַ קעסל!

דערנאָך איז געוואָרן שטיל, ווי נאָך אַ לעוויע. די זעלמעניאַנער זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשמאַכט פֿון אַ נײַעם בראָך, ניט אויסצוזאָגן, ניט אַראָפּצושלינגען.

— סטײַטש, סטײַטש, בײַ אונדז זאָל עס גאָר טרעפֿן!

*

פאַלקע איז אַריין צו בערען מיט אַ פאָרשלאָג, אַז מע זאָל פאַר דעם אַלטן דאַר אויפקלערן דעם באַטייט פון סאָניעס טאַט, געבן די ריכטיקע איינשטעלונג.

— איז וואָס זשע ווילסטו צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג? — האָט בערע געפרעגט.

— אָט דאָס וויל איך.

אויף דעם האָט פאַלקע קיין ענטפער שוין ניט באַקומען.

בערע האָט געקוקט מיט אַ זייטיקן פאַרטראַכטן בליק און ער האָט זיך ניט געמישט. ער האָט אַדורכן פאַרלאָפענעם מויער־פענסטערל אַראָפּגעקוקט אין האַרבסטיקן הויף, שווער אַ טראַכט געטאָן וועגן דער באַלעבאַטישער סאָניען, אַז צום פּראָלעטאַריאַט האָט זי סיי ווי סיי קיין שייכות ניט, כאָטש זי וועט שלאָפן מיט אַ פּויער, און די גוטע גאָלד, וואָס אָט דער פעטער פּאָליע, וועלכער קומט איצט אָן פון דער אַרבעט מיט דעם אויסגעליידיקטן טאָפּ קאַרטאָפלעס אונטערן אָרעם, איז אים אַ סאַך נעענטער צום האַרצן.

ער האָט געעפנט די פאָרטקע:

— פּאָליע, קום אַריין אַ ווײַלע, מירן מאַכן אַ גלעזל טיי!

פעטער פּאָליע האָט אויפגעהויבן דעם ביינערדיקן קאָפּ צום פאָרטקע. ער האָט זיך ניט געגליבט:

— פש... הינטעליגענציע מיינע, טרינקט שוין אויך טיי...

— הער אויף, בולעך, כ'וויל מיט דיר ריידן פון דיין טויווע וועגן.

דעמאָלט האָט פעטער פּאָליע אַ הייב געטאָן צו אים דעם קאָפּ:

— וואַרט, בערקע, איכל דיר נאָך ווייזן, ווער ס'איז באַלע־באָס אין הויף!

*

אָנהייב נאַכט האָט זיך פעטער זישע באַוויזן צוריק אין הויף, אַ שטילער און אַ בלייכער. ער איז אַריין שווייגנדיק אין שטוב,

איבערגעקערט מיטן פוס אַ בענקל לעבן אויוון און אַראָפּגעזעצט זיך; מיטן פינגער האָט ער אָנגעוויזן דער מומע גיטען, זי זאָל אים אַראָפּציען די שיך און זעצן זיך אויך דאָ לעבן אים אויף דער ערד.

די מומע גיטע האָט אַ שלוכץ געטאָן טיף אין גאָרגל, אַ טרוקענעם שלוכץ געטאָן אָן טרערן, נאָכדעם האָט זי אים אַראָפּגעצויגן די שיך און זיך צוגעזעצט מיט איר דאַרן לאַנגן קערפּער האַרט לעבן אים. זיי זיינען לאַנג געזעסן ביים פינסטערן אויוון און געשוויגן.

איינציקווייז האָבן זיך גענומען אַריינגאַנווענען זעלמעניאַנער, פאַרטאָנענע זעלמעניאַנער אַוינע, פּונקט זיי וואָלט זיך בלויז אַריינגעכאַפּט אָנוואַרעמען.

דער פעטער איז געזעסן קורץ און צונויפגענומען, ווי אַ פלייש-קלעצל, געשטאַרט אויף אַרום מיט די אויגן, און, דאַכט זיך, אַז ער האָט קיינעם ניט געזען אַרום זיך: דער ביזאָיען איז געווען גרויס. ער איז געזעסן און געטראַכט, אַז שולדיק אין אַלעמען זיינען עפּשער די זעלמעניאַנער, אַט די גראָבע פליגלען, וואָס פאַרשטייען זיך ניט אויף אים און אויף זיינע איינגעגעבענע טעכטער.

אַלטע שאָטנס האָבן זיך געצויגן איבער די ווענט (היינט האָט דאָ געברענט אַ פינפער-לעמפּל) מיט די קעפּ פאַרבויגענע אויבן באַלקן, ווי אויפגעהאַנגענע שמאַטעס; אונטער זיי זיינען געזעסן די אַווייליס מיט פאַרבראָכענע הענט און זיך ניט געוואָלט טרייסטן.

אַגעוו, האָט קיינער זיך ניט איינגעשטעלט זאָגן אַ גוט וואָרט פעטער זישען, — דעם קאָפּ פון מישפּאָכע נאָך רעב זעלמעלען אַלעוואַשאָלעם; און דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז, ווי שווער ס'איז צו זיין אַ וועג-ווייזער אַפילע אויף אַזאַ קליינעם שטעטעך, ווי דער רעבזועהויף.

מען איז געזעסן און געשוויגן.

*

פעטער יודע האָט שפּעט ביינאַכט אַן עפן געטאָן די טיר. ער איז געבליבן ביים שוועל מיט די אויגן אַריבער די שפּאַקולן

און גענומען גלאָצן אַהין, צום פינסטערן אויוון, ווו דער געשלאָגענער ברודער איז געזעסן מיט אַ שטומען פּאָנעם און געמאָנט יושער ביי דער וועלט. פּעטער יודע האָט איצט אויסגעזען, ווי רעב ייסראָל סאַלאַנטער, זייער צאַדיק ליוואָכע, געשמיסן מיט די שאַרפע אייגעלעך זיינע, ווי מיט אַייזערנע ריטער, אַזוי, אַז פּעטער זישע האָט טאַקע ניט אויסגעהאַלטן. פּעטער זישע האָט פּלוצלונג פאַרדעקט דעם פּאָנעם מיט די הענט און גענומען שטאַרק העשען. דעמאָלט האָט פּעטער יודע צו אים רויִק אַ זאָג געטאָן:

— פּאַלגייווע, אַלעמיי פאַרדעקסטו דעם פּאָנעם?

דאָס איז געזאָגט געוואָרן שטאַרק ניט צו דער צייט. די זעלמעניאַנער זיינען געבליבן פאַרטייעט מיט אָפענע פּולציינערדיקע מיילער. פּעטער זישע איז שוין אָבער קענטיק געווען טיף געשלאָגן, האָט גאָרנישט געענטפערט און ניט אַראָפּגענומען די הענט פון פּאָנעם. זיינע אַקסלען האָבן געצוקט. פּלוצלונג האָט ער אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, דאָס היטל איז אַראָפּגעפאַלן צו דער מומע גיטען אין שויס, און ער, דער פּעטער גופע, איז אַנידערגעפאַלן, ווי אַ בערוועגע, אין כאַלאָשעס, פּעסט און טיף, אַז מען זאָל אים שוין ניט קענען אַזוי לייכט אָפּמינטערן.

אָט אַזוי פירט זיך שוין פּעטער זישע פון שטענדיק: טאָמער האָט ער ניט קיין אויסוועג, מאַכט ער דעם כאַלעש און בלייבט סאָפּקאָלסאָף דער גערעכטער.

אַ כיטרע זאַך פון אַ זעלמעניאַנער!

*

און פּעטער יודע, וואָס איז מיט פּעטער יודען?

ביים די זעלמעניאַנער זיינען אַרויס אַהיים שלאָפן, האָט ער דאָרטן אויפן האַרבסטיקן זילבערנעם גאַנעק פאַרקאָשערט די ברילן אויפן נאָז און אַ זאָג געטאָן צו אַלעמען:

— נו, איז וואָס איז שוין, פּראָים, אַז מען נעמט אַ גוי? האָבן מיר די גוטע יאָר, וואָס אַ גוי איז בעסער פון אַ יידן. איי וואָס, מען האָט מוירע פאַר גאָט? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן הויכן אויסגעשטערנטן הימל, — איז נאָט אייך גאָט!

און ער האָט אַרויסגעשטעלט אַרויף צום הימל אַ גרויסן, פּלאָ־לערישן פּיין.

דער אוילעם איז געבליבן געפּלעפט, אויסגעשפּיגן און שטיל־שטילערהייט אָפּגעטראָגן זיך אַהיים.

— וואָס איז דאָ צו ריידן. משוגע, משוגע אויף טויט!

פעטער יודע, מוז מען מודה זיין, איז טאַקע אַ מאָדנער מענטש.

XII

דער רעבזעהויף דעמאָנסטרירט

פאַראַנען ידיעות, אַז טיילן פון דער מאַנעווורירנדיקער רויטער אַרמיי קלייבן זיך אַדורכגיין די שטאָט.

די פאַריינען האָבן זיך געגרייט צו אַ פייערלעכן קאַבאָלעס-פּאָנים. עס האָט געפלאַטערט די רויטע פאָן איבער דעם רעבזעהויף.

אינאָוונט איז פעטער איטשע געקומען פון קוסטאַרן-קלוב מיט פרישע נייעס. ער האָט דערקלערט פאַר דער מומע מאַלקעלען די פּאָליטיק פון טאָג, און האַגאַם די מומע פלעגט באַקומען יעדן טאָג די בלאַט, איז דאָך אין ריין פּאָליטישע פראַגן דער פעטער איטשע געווען שטאַרקער פאַר איר. ער האָט זיך פון צייט צו צייט פונאַנדערגעקליבן אין פּאָליטיק. איצט האָט איר דער פעטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער וועלט-אימפּעריאַליזם גרייט אַן אָנפאַל אויף דעם פ. ס. ס. ר. מיר, פון אונדזער זייט, מוזן פאַרשטאַרקן די שוצפעאיקייט פון לאַנד, און דעריבער וועלן אויך מיר, די קוסטאַרן יעכידים, אַרויסגיין דעמאָנסטרירן לעקאָוועד דער רויטער אַרמיי.

— זע, מאַלקעלע, — האָט ער צוגעגעבן, — זאָלסט מיר צוגרייטן אַ פּאָר וואָלענע זאָקן, איך זאָל זיך, כאַסוועשאָלעם, ניט צוקילן אין דער דאָזיקער גייען.

— אַזאַ מאַכער ביסטו דאָס, — האָט אים די מומע אַ שטאָך געטאָן, — וואָס דו גייסט אויף מילכאָמע נאָר אין וואָלענע זאָקן?

— נאָר איינע, — האָט זיך פעטער איטשע פאַרשעמט און זיך שיר ניט צעבייזערט, — אָפּהיטן סגעזונט דאַרפן אַלע. און

צוריק גערעדט, פון וועמען מיינסטו האָט בערע געיאָרשנט די טרי-
וואַלנעקייט, פון דיר, וואָס?

— ניין, פון דיר!

— דאַרפסטו וויסן זיין, מאַלקעלע, אַז בערע איז אינגאַנצן איך!

די מומע מאַלקעלע האָט אים נאָכגעגעבן, האָגאַם זי איז געבליבן ביי דער אַלטער מיינונג, אַז פעטער איטשע איז ניט קיין שטאַרקער בעריע אין די געשלעגערייען. פאַר דער צייט פון זייער לעבן האָט זי זיך נאָר איבערצייגט, אַז דער פעטער איז עפּעס יאָ אַ שטיקל אויפטוער אינדערהיים, אַ שטיקל מאַנסביל ביז היינטצוטאָג, און ווייטער גאָרנישט.

נאָר דאָס וועט אים די מומע ניט זאָגן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

*

רעשטלעך ווייטע מאַרשן האָבן געבלאָנדזשעט אין פאַרשיידענע ריכטונגען פון שטאָט. עס האָט געפלאַטערט די רויטע פאָן איבער דעם רעבזעהויף. אין די שטיבער האָט מען זיך געפוצט. קליינע גרופּקעלעך פאַרשפּעטיקטע אַרבעטער, אומעטום, אויף אַלע ראָגן פון די גאַסן, האָבן געאײַלט ערגעץ אַריינגיסן זיך אין זייער פאַריין.

פעטער פאַליע איז אין אַ פּאָר גלאַנציקע שטיוול אַראָפּ פון הויף, געווישט ברייטלעך דעם וואָנץ נאָכן עסן און אַרומגעקוקט זיך מיט טיפן ביטל אויף דעם קוסטאַרישן געמייזעכץ, וואָס פאַר אים איז בעשומויפן ניט צוטריטלעך דער היינטיקער יאָנטעוו פון פּראָלעטאַריאַט.

— וואָס אָט די שמיגעגעס פאַרשטייען שוין אין דער רויטער אַרמיי, — האָט ער געשמייכלט אינעווייניק, — אויף אַ כאָון, זעסטו, איז מען דאַפקע מעוויניג, אָט דאָס יע!

די גייווע פון דעם פעטער פאַליען האָט שוין טאַקע איבערגעבאַפט די מאָס, און ער איז לאַכלוטן ניט געווען גערעכט, וואָרעם פעטער איטשע האָט נאָך באַגינען אַרויפגעצויגן צוויי פאָר וואָליענע זאָקן און ביי אָט דער געלעגנהייט ווידער אַ צופּ געטאָן

מיט דעם שערעלע דאָס בערדל, וואָס האָט אַגעוו אין דער לעצ־טער צייט גענומען בײַ אים שטאַרק אײַנפאַלן, אַזוי, אַז דער על־טערער אוילעם האָט שוין גענומען קוועטשן מיט די פּלייצעס.

די האַכאָנעס זיינען געווען גרויס.

אויב עס איז עפּעס יע צו באַוווּנדערן, איז עס דער פאַל מיט פעטער זישען, מיט אים, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געעלטערט פאַר די לעצטע עטלעכע טעג און איז נאָר אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק בײַ די ווענט. אויך פעטער זישע האָט פּלוצלונג אַרויסגעוואָרפן אויף זיך דעם אויבער־בעגעד, גענומען דעם גראָבן שטעקן אין האַנט און אַ זאָג געטאָן צו דער מומע גיטען:

— מען דאַרף אויך צוגיין, וואָרעם אין דער מייסע, זעסטו, האָב איך שוין אַ גרעסערן כיילעק פון זיי אַלעמען...

עס זיינען איבערגעבליבן אין הויף בלויז דריי פּרויענצימער: פעטער פאַליעס טרויעריק ווייבל (מען רופט זי טאַקע כיענע, ניט העניע), די מומע גיטע און די באָבע באַשע. מיט דער באָבע באַ־שען האַלטן מיר, אַגעוו, ניט שלעכט. פאַר די לעצטע כאַדאָשים האָט זי צוריק באַקומען יונגטלעכע קראַפט. זי שטייט גאַנצע טעג בײַ פענסטער צום גאַס, ווי אַ פייגעלע אין אַ שטייגעלע, און קייט ברויט.

*

שווערע אָרקעסטערס האָבן געפּויקט ערגעץ אין די ווייטע גאַסן. עס האָבן שוין אַוועקגעמאַרשירט צום באַן די גענועצטע מע־טאַליסטן, די כמורנע, ברייטע גאַרבער, די פריילעכע שניידער. איצט זיינען געגאַנגען געמישטע פּאַריינען. פון אַ זייטיקער גאַס האָט זיך אַרויסגעריסן מיט אַ געזאַנג דער אַרבפאַק; די טשופּרינקעס האָבן גע־סטאַרטשעט פון אַהינטער די היטלען, די רויטע פאַטשיילקעס האָבן זיך געהוידעט צווישן זיי, ווי אילומינאַציע־פייערלעך.

די יוגנט, די יוגנט, די יוגנט!

פאַלקע פעטער איטשעס אינמיטן האָט געשפּאַנט מיט לאַנ־גע טריט און אַריינגעקוקט דערבײַ אין אַ בוך. ער האָט דאָך קע־

סידער שטודירט! עס האָבן געבלאַנקט מעשענע היט פון פייערלעשער.

דערנאָך זייַנען אַרויס די קוסטאַרן מיט די בערד, מיט די לאַנגע פּענימער, מיט די קיילעכדיקע פּלייצעס. פאַרויס האָט זיך געשלעפּט זייער עלטער, אָפּגעניצטער אָרקעסטער, מיט אַ פאַרלאַטעטן פּויק, מיט אַ רויזיקער ניטאָפּגעשייערטער טרובע, וואָס האָט שטום געבורטשעט אויף דער וועלט.

פעטער איטשע (אײַ צעהאָצט, אײַ צעהאָצט!) איז געגאַנגען באַלד לעבן דעם אָרקעסטער. דער קאָפּ פאַרריסן, מיט אַ וואַזאָן אונטערן אָרעם — אַ מאַטאָנע פאַר דער רויטער אַרמיי. איצט האָט ער טאַקע אויסגעזען ענלעך צו בערען.

פאַמעלעך זייַנען געגאַנגען די קוסטאַרן, געהויבן באַדאַכטע פּיס, ווי זיי הייבן באַדאַכט די העמערלעך אין די וואַרשטאַטן, געכאַפּט אַ שמועס וועגן פּאָליטיקע און זיך געלאָזט ווילגיין. אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, אינמיטן דער שיטערער קאַלאָנע, איז אויך געגאַנגען דער פאַרכמורעטער פעטער זישע, געשטרעקט פאַרויס דעם באַלעבאַטישן שטעקן זייַנעם, אָפּגעשטעלט זיך און געשפּילעט דעם קאַפּטן אַרום האַלדז, קעדיי לייכטער צו כאַפּן דעם אָטעם. ער איז, נעבעך, ניט געווען געוויינט צו מאַרשירן אין די פּוסטריט פון פּראָלעטאַריאַט.

*

ערגעץ ווייט, אין די ערשטע רייען פון דער דעמאָנסטראַציע, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ברייטער פאַרדומפּטער הוראַ-געשריי, ווי עס וואָלט זיך טויב אָפּגעשאָטן אַ שטיק פון אַ זאַמדיקן באַרג.

עס איז שטיל געוואָרן. די קוסטאַרעס האָבן זיך צעשטעלט ביי די זייטן — דורכלאָזן די אָנקומענדיקע רויטע רייטער.

אַזאַ שטילקייט האָט פעטער זישע געהערט נאָר ביי נילע.

מיט אַמאָל האָט דער פאַרלאַטעטער פּויק עפּעס ווי אַ הוסט געטאָן מיט גאָר די קויכעס; פונוויטן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן פאַר-

קעפּ פֿון פֿערד; די גאַנצע גאַס איז אויסגעמישט געוואָרן אין רויטע פֿלעקן, אויגן, געלעכטער, מעשענע טרובעס. אַ כוואַליע האָט עס אַלץ געטראָגן, געהויבן און געשלעפּט מיט אימפּעט צום שטאָט.

אַזאַ שטורעם פֿון קוילעס האָט פּעטער זישע אויך קיינמאָל ניט געהערט.

ער איז אַוועקגעשטויסן געוואָרן מיט אַלעמען, אויך אָנגעהויבן עפּעס שרייען, און אויף אַן אויגנבליק אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז אַ באָלשעוויק. ער גייט מיט דער פֿאָן! האָט עס אים געשראָקן און האַנאָע געטאָן, ביז ער האָט זיך ניט ווי עס איז אַרויפֿגע־כאַפּט אַ צעטומלטער אויפֿן טראָטואַר, אויסגעגלייכט די צעפּלוי־גענע באָרד, און אַ פֿאַרשעמטער באַלד אָפּגעקערט אין אַ זייטיקן געסל.

פּעטער זישע האָט זיך דאָרטן אַרומגעקוקט, צי לייטישע מענטשן האָבן אים ניט געזען אין זיין שאַנד. אַן איינגעבויגענער איז ער נאָכדעם אַוועק איבער דעם אויסגעליידיקטן בלויען געסל, אָנגע־שפּאַרט אויף זיין באַלעבאַטישן שטעקן.

יאָ, פּעטער זישע איז פֿאַר דער לעצטער צייט שטאַרק על־טער געוואָרן.

אַ לויב אָבער צום צווייטן פּעטער, צו פּעטער איטשען, וואָס האָט זיך אין דער הייסער מינוט ניט פֿאַרלאָרן. מיט אַלעמען אין כאָר האָט ער היספּײַלעסדיק געזונגען רוסישע לידער. נאָכמער: ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט פֿון ליד און אַפֿילע גע־לערנט אַנדערע, ווייניקער פֿעיקע קוסטאַרן, ווי אַזוי צו זינגען רע־וואָלוציאָנערע לידער מיט דעם כאַזאַנישן קוועטש. פּעטער איטשע איז אַריין אין טראַנס. ער האָט געשאַפֿן אָרדענונג אַרום זיך. ער איז געווען דער דיפּעק פֿון דער דעמאָנסטראַציע.

נאָכדעם, אַז די ערשטע היסלאַוועס איז אַריבער, האָט ער זיך דורכגעשטופּט מיט דעם וואַזאַן איבערן קאָפּ און עס איבער־געגעבן פּייערלעך אַ רייטנדיקן, לאַכנדיקן קאָמאַנדיר, אין נאָמען פֿון די אַלע קוסטאַרן־יעבידים.

— דאָ זדראַסטוויעט סאָוועטסקאַיאַ וולאַסט!

פעטער איטשע איז געווען אַמאָל אין אַ נאָווינע צעהאָצט.

דער קאָמאַנדיר איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אָפּגעפּליקט אַ בלימל פון וואָזאָן און גענומען אין אײַלעניש זוכן בײַם פעטער איטשען אין לאַץ אַ פּאַסיקן אָרט פאַר אַ בלום. דעמאָלט האָבן בײַם פעטער שיר ניט אַ שפּריץ געטאָן טרערן פון די אויגן; ער האָט זיך אויסגעגלײַכט מײַסע סאָלדאַט, און מיט אַ ציטערנדיקן קאָל געזאָגט:

— מאָי סין בערקאַ טאָוושע באָלשעוויק!

דער קאָמאַנדיר האָט אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּלײצע, אַרױפגעכאַפּט זיך אויפן פערד, און פונוויטן האָט ער נאָך געמאַכט צו אים מיטן האַנט, געגריסט אים, דעם פאָרשטייער פון אַלע קוסטאַרןיעכידים, אין נאָמען פון אַ דיוויזיע, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אויף שוימיקע פערד מיט דעם גערודף פון סטעפּעס, ראָזעווען ברייט און קליינע וואַרעמע כאַטעס.

*

עס איז פאַרגאַנגען דער טאָג. שטיקער פון דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך גענומען אָפּרייסן, צעפאַלן פון אינעווייניק. צווישן די קאָלאָנעס האָבן זיך געשאַפן פוסטע גריבער. איינציקע וואָכעדיקע שטימען. מען האָט אויסגעשטעלט די קאָלנערס און געאײַלט אַהיים.

דעם גאַנצן אָוונט איז שוין פעטער איטשע געזעסן אַ פאַרשוויצטער, אָן אַן איבער־בעגעד בײַם טיש, געגאָסן אין זיך גלעזלעך טיי פון ,הליאַק און זיך אַלץ באַרימט פאַר דער מומע מאַלקעלען מיט זײַנע אויפטוען, ווי אַזוי ער האָט פאַרהיט דעם האַמוין פון פאַרשיידענע גרויסע אומגליקן, ווי אַזוי ער האָט נויסעכיין געווען בײַ איינעם אַ קאָמאַנדיר, און יענער האָט פון אים ניט געוואָלט אָפּטרעטן. דערנאָך האָט ער איר שוין פאַר איין גאַנג דערקלערט, ווי מען שיכט פון קוילנוואַרפערס, פון האַרמאַטן, ווי מען פירט ים־

שלאַכטן, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט טאַנקן, ביז ער איז ניט שפּעט אין דער נאַכט, אַליין רײדנדיק און דערציילנדיק, אַריינגע־קראָכן צו דער מומע מאַלקעלען אין בעט.

די מומע מאַלקעלע איז געבליבן בײַ איר אַלטער מיינונג, קיין גרויסער שלעגער איז ער ניט, האָנאָם זי האָט געהאַלטן, אַז ער איז נאָך אַליין אַן אויפטוער בײנאַכט, אַ שטיקל מאַנסביל ביז היינט צו טאָג, און ווייטער גאָרניט.

XIII

שילויעס

די יוגנט (שילויעס) האָט ליב אויסגעניטע העמדלעך און קוטשמעס האָר. די יוגנט (שילויעס) האָט ליב טראָגן אַ רעוואָלווער לעפּאָשע אין דער הינטערשטער קעשענע. זי האָט ליב נעמען אַ שטיק קאָלבאַס מיט ברויט און, שטייענדיק אַרום טיש, שטאָפּן שטאַרק אין די באַקן און טרייבן דערביי כויזעק.

פון וועמען?

פון דאָוונאַר-גלעמבאָצקען, דעם אַלטינקן פּראָפעסערל, וואָס האַלט אין איין מייגען אויף די לעקציעס:

— אַי, כעווריע, כעווריע, איך בין שוין אַ מאַרקסיסט, זינט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר

באָראָווקע זאָגט:

— דאָוונאַר-גלעמבאָצקע שרייבט ביכער, ווי אַ פייערלעשער.

— פּראַווילנאָ!

— און דערינבער האָט ער ניט קיין צייט פאַר אַזאַ נאַרישקייט, ווי באַהערשן אַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד...

— הערסטאָך, די רעוואָלוציע האָט אים געשטערט, אַניט ווערט ער אַ פּאָפּעטשיטעל פון אַ אוטשעבנעם אָקרוג...

— טאָפּאָגראַפיע האָסטו אָפּגעגעבן, באָראָווקע? — פרעגט ניוטע די קורצזיכטיקע.

— כ'האָב אָפּגעגעבן, כ'האָב אָפּגעגעבן.

— גלעמבאָצקעס „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, — זאָגט טאָנקע, — איז אַ פּרוּוו צו באַרעכטיקן דעם רעכטן קאַדעטיזם אונטער דער מאַסקע פון אַ „היסטאָרישער אויספאָרשונג“.

— דו גיי בעסער אַריין, טאָנקע, נאָך אַ טעלער קרויט צו דער מאַמען, — דאָס זאָגט יאָשקע דער געלער, — וועלן מיר פאַרבייסן, ווי קאָמפּאָט.

די יוגנט האָט, אַפּאָנעם, ליב זויערע קרויט!

*

עס איז שוין גיין אַזייגער אינאָוונט. זי (די יוגנט) האָט ליב איצטער אויסזעצן זיך ביים פּעטער זישען אויף דער סאָפּע, זאַלבעאַכט, צונויפפלעכטן זיך, דאָרטן מיט די הענט און פיס און שטאַרבן פון געלעכטער.

— נעם צו דיינע לעדער-אויסאַרבעטונגען, קרעמער-זון!

— באַלעגופישער רעצידיוו, סי דיר ענג דער פּאַרזיי-שעטעך?

— שוויינ, זשיד!

ניוטע די קורצזיכטיקע בעט, מען זאָל זי אַרויסלאָזן. זי האָט אַ שוואַך האַרץ. ווער וועט עס ניט אַנטקעגנקומען ניוטען? שטענדיק קומט מען איר אַנטקעגן, אַפילע אויף אַן אַליאַרם קומט מען איר אויך אַנטקעגן. באַראַזקע טראָגט אַלע מאָל פאַר איר די ביקס און אַלע מאָל שלעפּט ער זי אַרויס פון די בלאָטעס, וואָס זי אַליין געפינט זיי ערגעץ אויס.

ניוטע איז אַ גוטע, מען דאַרף זי האָבן אין ווז. זי זעצט זיך אַוועק מיט אַ נאָדל-פאָדעם, אַ באָכער פאַרקאַשערט דעם רעקל און זי נייט אים איין קנעפּלעך.

אָ, קיינער איז ניט אַזאַ טאַרעם אויף קנעפּלעך, ווי די יוגנט!

די יוגנט (שיליועס, די יוגנט (שיליועס), די יוגנט (שיליועס)!

זי האָט אַ סאַך קעשענעס און אומעטום שטעקט עפּעס: פּאַפּאָוס „געשיכטע פון דער פּאַרטיי“, בלאָנסקעס „פּעדאָלאָגיע“, מילערס „ענגלישער ווערטערבוך“.

זי (די יוגנט) האַלט זיך אַרומגענומען און זי לערנט.

*

פעטער זישע איז ניטאָ אין שטוב, מאַכמעס ער איז די לעצטע צייט שטאַרק פאַרנומען מיט זיין בראָך. מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דער זאַך, דעריקערשט עפּעס איינער אַ קאָרעוו פון דער מומע גיטעס צאַד, אַ מעל־קרעמער, און ווי מען זאָגט, גייט שוין דער איניען אויף אַ דערעך. עס האַלט ביי אַ געט צווישן סאָניען מיט איר מאַן. פעטער זישע גייט שטענדיק אַרום מיט דעם דאָזיקן מעל־קרעמער ערגעץ אין שטילע געסעלעך, מיט אַמאָל שטעלט מען זיך אָפּ איינע קעגן די אַנדערע, בויך צו בויך, מען בייסט די נעגל, מען גלעט די בערד און מען טראַכט איבער נאָך אַמאָל די זאַך.

קלאַנגען גייען אַרום, אַז דער איידעם איז שוין מושווע געוואָרן אָפּצוגעבן סאָניען, נאָר ער וויל אַ ביסל געלט; אַנדערע זילן האָבן פאַרקערט, אַז אָלשעווסקי איז דאַפקע אַ לייטישער מענטש, ער גיט זי אָפּ בעכינעם, נאָר די מעניע איז איצטער פון פעטערס זייט, וואָס ער פאָדערט באַגיטיקן פאַר אַגמעסנעפעש; ער וויל, געמלעך, אַ פּאָר הונדערט קאַרבן.

אין רעבזעהויף ווייס אָבער קיינער ניט פון דעם, די מומע גיטע— אַוואַדע ניט. זי זיצט גאַנצע טעג איינע אַליין אין שטוב און ריכט אָפּ איר שווייגנס ביי די יעסנדיקע גראָע שויבן.

*

היינט האָט טאָנקע אָפּגעגעבן די לעצטע פאַררעכענונג אין ווו"ז. זי באַקומט די טעג אַ קאָמאַנדירונג אויף אַרבעט, דאַכט זיך, אַזש קיין וולאַדיוואָסטאָק; זיצט מען ביים פעטער זישען אויף דער אַלטער סאָפע זאַלבעאַכט, און די יוגנט איז איר שוין מעקאַנע.

ס'איז טונקל ביים פעטער זישען אין שטוב. די עלעקטרע זעלן מיר ניט אָנצינדן. צו וואָס? איצט ווילט זיך זאָגן טאָנקען אַ פּאָר אויפריכטיקע וואַרעמע ווערטער אויפן וועג:

— זאָג איך דיר נאָך אַמאָל, טאָנקע, אַז ביי סטעפּאַנאָוון איז די קוואַליטעט אַ סוביעקטיווע קאַטעגאָרע.

— סוביעקטיווער אידעאַליזם, ביי וועלכן די מאַטעריע איז אָביעקטיוו?

— און אַז דערבאָרין אָנערקענט די אָביעקטיווקייט פונעם אַב־סטראַקטן, איז בעסער?

— דו, פאַרשאָלטענער מעטאַפיזיקער! מען זאָגט דאָך דיר, אַז דאָס אַבסטראַקטע טאָר מען ניט איזאָלירן פונם קאָנקרעטן...

*

די מומע גיטע קומט אַריין שטיל, און הויך, און שאָמנדיק. זי דאַרף איבערגעבן, אַז צאַלקע פעטער יודעס וואַרט שוין אויף טאָנקען אַ היפשע ווײַלע אין דער צווייטער שטוב, איז עפשער וועט זי שוין אַמאָל אַרויסגיין צו אים.

טאָנקע שפרינגט אַראָפ פון סאָפע.

מיט דעם צאַלקען איז סיי אַזוי שלעכט, סיי אַזוי שלעכט; ער שטייט איינמיטן שטוב מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און רויכערט אַ באַנקרוטקע.

דו ביסט פאַרנומען? — פרעגט ער בײַ טאָנקען.

— נו, וואָס?

— דו אײַלסט זיך?

— נו, וואָס?

די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס צאַלקע האָט אַ פּלאַן, אַז איצט, נאָכדעם ווי טאָנקע האָט געענדיקט, זאָלן זיי פאָרן ביידע קיין אָדעס. ער וועט דאָרטן דינגען אַ דירע לעבן ים, אַ ווילע, אַזוי טוען אַלע. אויפן באַלקאָן וועלן זיי זיצן און איטלעכער וועט זיך טאָן זײַן אַרבעט. זיי קויפן אַ טשייניק, בײַנאַכט קאָכן זיי אויף שוואַרצן קאַווע, לייענען די יונגע פּאָעזיע, פאַרברענגען, נו?

— אַ פּאַפּיראָס האָסטו?

ער האָט טאַבאַק אויף אַ באַנקרוטקע.

דערנאָך האָט זי אַזוי געזאָגט:

— די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס קוידעמקאָל רויכערט זי ניט קיין טאַבאַק פון אַ באַנקרוטקע. וואָס עס איז שייך דער אָדעסער ווילע, רעדט עס צו איר ניט, אָבער אַבסאָליוט גאָרניט, זי איז ניט געוווינט צו לעבן אין ווילעס. דער אידעאַל פון טרינקען

קאַווע און לייענען יונגע פּאָעזיע איז עפּעס אויך ניט צום האַרצן, וואָרעם, זאָגנדיק דעם עמעס, קאָן זי זיך באַגיין אָן פּאָעזיע אויך.

— נו, איז אַדעראַבע, וואָס רעכנסטו? — האָט צאַלקע געפרעגט, פונקט טאָנקע איז מעכויעוו עפּעס צו רעכענען.

— איך רעכן גאָרנישט, אייגנטלעך...

ער האָט דעמאָלט אַרויסגענומען די באַנקרוטקע און אַ פרעג געטאָן מיט שפּייעכץ אין מויל:

— און וואָס רעכנט דיין יאָשקע דער געלער?

זי האָט אויף אים מיעס אַ קוק געטאָן און אַריין אין צווייטן צימער.

*

מיט דעם צאַלקען איז סיי אַזוי שלעכט, סיי אַזוי שלעכט. מען זאָגט, אַז די ראָזע כאַלאָעס האָט אים די לעצטע צייט אויף אַזוי פיל צוגעדריקט, אַז ער האָט זיך געמוזט לייגן צום בעט. ער איז געלעגן עטלעכע טעג און שטיל געזיפצעט מיט אַ ניגן.

געזאַנג איז דאַפקע גוט צו דעם!

בלייבן לענגער ליגן האָט ער אָבער ניט געקאָנט, איז ער אַרויס וואַנדערוועז איבער די גאַסן, ער איז אויך צוגעגאַנגען צום טייך, וו טאָנקע האָט זיך זומער געבאָדן, און עס איז אים דאָרטן נאָך אומעטיקער געוואָרן, אַליין ביי דעם בלייענעם וואַסער, צווישן די אָפּגעסערבעטע פעלדער. די לעצטע עטלעכע בוטשאַנען זיינען אָפּגעפלויגן אַדורך דעם נידעריקן נעפּל איבערן קאָפּ.

דעמאָלט איז ער פון טייך אַוועק גלייך צו דער מומע גיטען און געזאָגט:

— איר ווייסט, מומע, אַז אייער טאָנקע הייבט מיר שוין אָן ניט צו געפעלן?

— וואָס? — האָט זיך די מומע מעצאַער געווען.

— ביכלאַל, איר גאַנצער פיר, די כאַווײרים אירע.

— ניט קיין לייטישע כאַווײרים, זאָגסטו?

— איר טיזען, איר טיזען, קיין נאַבעס וועט מען שוין פון איר ניט האָבן, — און צאַלקע איז דערביי שטאַרק רויט געוואָרן.

וואָס זאָל מען טאָן? די מומע גיט העלט דעם צאַלעלן פּאָר אַן איידעלן יונגמאַן, ניט פון די הייניקע שיליועס, אָבער זי מישט זיך ניט, וויבאַלד אַז זי שווייגט — שווייגט זי.

*

די יוגנט (שיליועס), די יוגנט (שיליועס), די יוגנט (שיליועס)!

זי זיצט מיט טאַרטשענדיקע טשופּרינעס, מיט אויסגעריסענע קנעפּלעך. זי זיצט ביים פּעטער זישען אויף דער סאָפע. זי לאַכט. טאָנקע פאַרבויגט דעם אָרעם און פרעגט:

— זע, באָראָווקאַ, ביי מיר איז עפּעס אַ שטאַרקער מוסקול, צי ניט?

— און ביי מיר? — פרעגט ניוטע די קורצזיכטיקע.

— און ביי מיר? — פרעגט אַנטשע.

— כאַוועריטעס, — ענטפערט באָראָווקאַ, — דאָס זיינען ניט קיין מוסקולן, נאָר קריוואַראָגער אַנטראַציט.

— שטאָל, וואָס ראָסט ניט, — זאָגט יאָשקע דער געלער.

— דאָס איז די קורסקער אַנאָמאַליע, — זאָגט באָראָווקע.

זי (די יוגנט) לאַכט.

טאָנקע קוקט זיך איין אין פענסטער און זעט, אַז ס'איז אַ לעוואָנע-נאַכט.

— קומט, — זאָגט זי, — עס איז אַ לעוואָנע-נאַכט!

אינעם פאָדערשטן צומער איז האַלב טונקל. צאַלקע פּעטער יודעס זיצט דאָרטן אָנגעשפּאַרט אָן טיש און רויכערט אַ באַנקרוטקע. ער קוקט, ווי עס שפּאַרן זיך לאַכנדיק

דורכן

טיר

די

אַכט

שיליועס

XIV

ש אָ ל ע ם

ווי אַזוי סאָניע פעטער זישעס איז דורכגעקומען מיט דעם טאַטן איז גענוי ניט באַוווסט. עס גייען אַרום וועגן דעם פאַרשיידענע קלאַנגען. פאַראַנען אַ יעדיע, וואָס שטאַמט פון דער מומע גיטען, אַז נאָך לאַנגע אַמפּערנישן מיט איר קאָרעוו, דעם מעל-קרעמער, זאָל פּאַוול אָלשעווסקי האָבן קלוימערשט צוגעזאָגט פאַר איידעם, אַז וויבאַלד ער וועט זיך נאָר אַ ביסל באַפרייען פון דער אַרבעט, וועט ער זיך טייקעף נעמען און מעגייער זיין. אויף ווי ווייט די דאָזיקע יעדיע איז ווייט פון עמעס, קען מען זען פון דעם, וואָס ערשטנס, איז פּאַוול אָלשעווסקי ניט קיין גלויביקער, אַ געוועזענער עס-ער, וועלכער האָט זיך שוין, אַגעוו, אויסגעוואַלגערט אין אַלע טפיסעס, און, צווייטנס, איז דאָס איבערגיין אויף דער יידישער עמונע פאַרבונדן פאַר אַ מאַנסביל מיט געוויסע שוועריקייטן, וועגן וועלכע עס ווילט זיך ניט מייַרעך זיין.

שוין נענטער צום עמעס איז אַ צווייטע ווערסיע, אַז פּעטער זישע האָט אַנומלטן אַוועקגעשריבן וועגן דעם דאָזיקן איניען אַ לאַנגן בריוו צו איינעם אַ מאָסקווער ראָוו, און יענער זאָל האָבן אויף דעם געענטפערט: לעסאַטע מוז מען שווייגן און אָננעמען די שטראָף בעאַהאַווע, און וואָס שפּעטער וועט זיין, איז פאַראַן וועגן דעם אַ בעפירעשער דין. דער ראָוו האָט אים געטרייסט און צוגעשריבן מיט דריבנע אויסיעלעך, אַז אַזוינס איז שוין געווען אין די צייטן פון גאָלעס באָוועל, בימיי עזרע אונעכעמיע, ווען קאָל כאַדאָש טאַכאַס האַשעמעש, נאָר שוועע זיצן האָט ער פונדעסטוועגן געראַטן.

פעטער זישע, וואָס האָט ניט סיוויל געוועזן די זעלמעניאַנער, האָט די מייַסע וועגן דעם מאָסקווער לאָשנקוידעשדיקן קאַרטל פריער פאַרשפּרייט אין בעסמעדרעש, ווי ער איז נאָך סאָניעס ניט-איינגעגעבענעם שידעך געוואָרן אַ גאַנצער בענבאַיִס, און ערשט נאָכדעם מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג איז די דאָזיקע וווּנדערלעכע יעדיִע אָנגעקומען אין רעבזעהויף.

פעטער יודע האָט באַלד געפּאַסקנט, אַז די מייַסע מיט דעם קאַרטל איז אַ ליגן. און קעדיי צו איבערצייַגן זיך, האָט ער אַמאָל, ווען פעטער זישע איז אַרויס אויפן גאַנעק אויסלופטערן זיך, געעפנט די פּאָרטקע צום הויף און אַרויסגעשריען:

— זישע, עפשער קענסטו מיר ווייַזן די קאַרטל, וואָס דו האָסט באַקומען פון מאָסקווע?

פעטער זישע האָט אים דעמאָלט קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— די מאָסקווער קאַרטל איז געשריבן אין לאָשנקוידעש, און סייַווי וועסטו אין איר פאַרשטיין, ווי אַ האָן אין בנייאָרעם.

— טאָ ווייַז כאָטש אַ קוק טאָן פונדערווייַטנס!

— אַ קאַרטל, ווי אַלע קאַרטלעך, — האָט אים פעטער זישע געענטפערט געלאַסן.

— עפשער האָט ער טאַקע באַקומען אַ לאָשנקוידעשדיק קאַרטל פון מאָסקווע. עפשער יע און עפשער ניט. אָט דאָס ווייס מען אָבער גענוי, אַז סאָניע פעטער זישעס האָט פאַר דער גאַנצער צייט ניט אויפגעהערט אַרייַנקומען צום טאַטן אין שטוב, אייניקע מאָל אַפילע אַרויס פון דאָרטן אַ פאַרוויינטע.

קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָרטן אין דער גייַוועדיקער שטוב קומט פאָר.

פעטער איטשע האָט קעסיידער געקוקט פון זייַן פענסטער, אַרייַנגעכאַפּט זיך אָפּט צום פעטער זישען דערקונדיקן זיך, ווי האַלט דער זייגער. עס איז דאָרטן אין שטוב געווען שטענדיק אָנגעכמורעט-שטיל, בלויז עטלעכע זייגערס האָבן אַראָפּגעקלאַפּט פון די טונקעלע ווענט.

ניטאָ אָבער קיין פאַרבאָרגעניש פאַר פעטער איטשען.

אין איינעם אָן אָוונט האָט ער באַמערקט, אַז ביים פּעטער זישען האָט מען צוגעמאַכט די לאָדן פריער פאַר דער צייט. לאַנג האָט ער דעמאָלט אַרומגעבלאָנקעט איבער דעם נאַסן הויף, געשלאָגן זיך מיט דער דייע, ביז ער האָט ניט אַריינגעקוקט אין שפּאַלט פון לאָדן און דערזען מאָדנע זאַכן: אין גרויסן צימער, ביים ליכטיקן טיש, זיינען געזעסן פעטער זישע, דער איידעם און די טאָכטער. מען האָט געטרונקען טיי. באַלד האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז פעטער זישע האָט, קענטיק, געשלאָסן שאָלעם מיט דער טאָכטער.

נאָכדעם האָט די מומע מאַלקעלע אויך באַשטעטיקט, אַז זיינע באַטראַכטונגען האָבן אַ געוויסן גרונט.

*

דער הויף האָט זיך צוגעקוקט מינאַצאַד צום גאַנג פון די פּאַסירונגען, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך (דער הויף) אָנגעהויבן בונטעווען, צוליב אַ קלייניקייט, און מען מוז מודע זיין, אַז שולדיק אין דעם איז ווידער פעטער זישע.

ווי באַוווּסט, איז דער זעלמעניאַנער איינפאַך ווי אַ שטיק ברויט. ער נעמט אָן אַלץ, וואָס סע מאַכט זיך, און לעבט ווייטער. אַזוי איז אויך געווען מיט אָט דעם שידעך. דער פויערישער פּאַוול אָלשעווסקי האָט דאַפקע אויסגענומען. לויט אַלע סימאָנים האָט ער אויך, פון זיין זייט, אַרויסגעוויזן אַ ווילן צו קרווולען זיך מיט דער גאַנצער מישפּאָכע אָן אויסנאַם. פעטער זישע האָט זיך אָבער איינגעשטעלט און בעשומויפן ניט געוואָלט דערלאָזן, עמעצער זאָל געניסן פון זיין איידעם.

ער האָט זיך געקליבן האַלטן דעם איידעם אָפּגעזונדערט.

דעמאָלט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז פּאַוול אָלשעווסקי האָט געהאַט דאָ ניט לאַנג די קאַוואָנע צו פאַרבעטן אַלע זעלמעניאַנער אין קינאָ. ער איז, געמלעך, דערגאַנגען, אַז צווישן די עלטערע זעלמעניאַנער זיינען פאַראַן עלעמענטן, וואָס זינט זיי לעבן האָבן זיי נאָך קיין קינאָ-פאָרשטעלונגען ניט געזען.

דאַכט זיך: פּעטער זישע האָט געדאַרפֿט זײַן צופֿרידן פֿון אַזאַ אײדלקײט מיצאה דעם אײדעמס זײַנעם, האָט ער זיך אָבער אײַנגעשפּאַרט און דערקלערט אָלשעווסקין מיט דער גאַנצער האַרטקײט, אַז אויב ער וויל לעבן בעשאָלעם מיט זײַן שווער און שוויגער, זאָל ער זיך ניט מישן מיט די הויפֿיקע.

— דאָס זײַנען אַזוינע סאָרטן מענטשן, — האָט פּעטער זישע געזאָגט, — וואָס סע שאַדט ניט האַלטן זיך פֿון זײ אַ ביסל פֿונדערווײַטנס.

פּעטער זישע האָט דערבײַ געגעבן צו פֿאַרשטײן פּאַוולױקן, אַז ער האָט זיך מיסכּאַטן געווען בלויז מיט אים און מיט זײַן שטוב, און ווײַטער מיט קײנעם ניט. קעדײַ אויספֿירן דאָס זײַניקע, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל דער מומע גיטען, זי זאָל טײַקעף אָנטאָן די יאָנטעוודיקע מאַלבושים, און אין קינאָ איז אַוועק בלויז רעב זישעס שטאַם, אָן דעם הויף.

*

אַ פּאַטש אין פּאָנעם דעם רעבזעהויף. זינט רעב זעלמעלע האָט אַוועקגעלײגט דעם יעסאָד פֿאַר דער מישפּאָכע (געגרינדעט אין 1864), איז נאָך אַזאַ נעוואָלע ניט אָפּגעטאָן געוואָרן.

— אונדז גײט ניט אין דעם, — האָט מען געטײַנעט אין די שטיבער. — אונדז גײט אין האָנאָר!

די אויפֿגעבראַכטע מומע מאַלקעלע האָט גענומען דעם פּעטער איטשען אונטערן אָרעם און זיך אַוועקגעלאָזן אין קינאָ. פּעטער פּאָליע האָט מיטגענומען זײַנע פֿינף־זעקס קינדער און איך אַוועק אין קינאָ. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, וואָס פּאַלקע פּעטער איטשעס האָט געגעבן צו וויסן, אַז אויב מען וויל זיך לאָזן קאָסטן געלט, קען ער אײַנאָרדענען אין שטאַל אַן אײגענעם קינאָ. ער האָט שוין אַפֿילע געהאַט אָנגעדויבן בײסן די נעגל פֿון צופֿיל שעפֿערישע געדאַנקען אין קאָפּ. פּונקט דעמאָלט איז טאַנקע געקומען צו אים מיט אַ מאָדנעם פֿאָרשלאָג:

— אויב דו ווילסט, — האָט זי געזאָגט, — קאָנסטו פאָרן מיט מיר קיין וולאַדיוואָסטאָק.

האָט ער אויפגעהערט בײַסן די נעגל און איז אַוועקגעפלויגן מיט טאַנקען.

אַי, פעטער זישע האָט מעווייַעש געווען אַ הויף מיט מענטשן, און אַ „קינאָ אין שטאָל” מוז מען איצט האָבן ווי דעם לעבן? איז מען דאָך אָבער אויף דעם ניט מער, ווי אַ שילִיע, אַ פינטעפּליוש, אַ לאָוועלאַס, אַ פּוסטע זאַך!

*

ווען דער מומען גיטען מען איבער, אַז אַ פּאָר וואָכן נאָכן קינאָ־אָוונט האָט זי געשוויגן, און נאָכדעם, אין אַ גוטער שאָ, האָט זי אַ רייד געטאָן מיט אַ ביטערער איראָניע מיקויעך דער היינטיקער וועלט:

— מען מאַכט פינסטער, — האָט זי געזאָגט, — קעדיי דו זאָלסט ניט זען דעם שווינדל.

נאָך אַמאָל גייט זי ניט, אַז מען זאָל זי אָפּגילטן.

— דער הויף האָט זיך אָבער געשאַפן וועגן קינאָ אַ גאַנץ אַנדער פאָרשטעלונג. עס זיינען אַפילע אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיינונגען, אַז קינאָ שטייגט איבער אַלץ — אי עלעקטרע, אי ראַדיאָ. וועגן פעטער איטשען איז שוין אָפּגערעדט. איינמאָל, בײַם די מומע מאַלקעלע האָט אומגערן אויסגעקערט די וועטשערע אין אויוון, האָט ער געפרוווט אויסנוצן איר ווייך געמיט און אַ זאָג געטאָן:

— מאַלקעלע, ווען מיר זיינען מענטשן, כאַפּן מיר זיך היינט אַריין נאָך אַמאָל אין קינאָ.

לײַדער האָט ער ניט געפּויעלט, און געמוזט באַנוגענען זיך מיט איבערטראַכטן אויפסנײַ די אַלע יאַם־וואַסערן מיט די ווייסע בערן, וואָס האָבן זיך צו אים באַוויזן דעמאָלט אין יענעם קישעפדיקן קינאָ־אָוונט. פעטער איטשע איז געווען פול מיט פאַנטאַסטישע זעאונגען, אַרומגעאַנגען פאַרכאָלעמט מיט אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן און צוגעהערט זיך, עפּעס רעדט מען ערגעץ אַ וואָרט וועגן קינאָ.

— אויף אזוינס האָב איך זיך ניט גערעכנט, — האָט ער געזאָגט צו מאַלקעלען.

בײַנאַכט, שטעפּנדיק אַ פּאָר װאַטאָװע הויזן, האָט ער גע־טראַכט מיט אַ װײטאָג אין האַרצן װעגן װײַסע בערן, װעגן פּאָר־פּראָרענע װאַנדערער אויף די אײַזבערג, װאָס פּאַר זײ זײַנען װאַ־טאָװע הויזן װי אָנגעמאָסטן. און ער האָט שױן לאַנג מוחל געװען זישען די באַלײדיקונג, אַפּילע אַלײן אַװעק איבערבעטן זיך.

— נאָך מײַן סײכל, — האָט ער דאָרטן געזאָגט, — קומט אויס, אַז דער קינאָ שטײט אַ סאַך העכער פון עלעקטרע און פון ראַדיאָ.

— אַ סאַך סײכל האָסטו טאַקע — האָט אים פּעטער זישע פּאָרט אַ שטאָך געטאָן.

*

פּעטער זישע איז ניט קײן צוגעלאָזענער מענטש. ער לײַדט, אויסער די אַלע פּראָסטע קראַנקהײטן, אויך פון גײַװע און פון אָנשטעלעניש, און אַ סואָרע, אַז איצט מאַכט ער אויך דעם שײַ־נעם אָנשטעל. די מײַסע מיט דעם מאָסקװער קאַרטל איז אַ בע־פּײַרעשער ליגן. ער בראָקט ליגנס און עסט זיך אויף לעבעדיקערהײט. עס לאָזט זיך אויס, אַז מיט דעם שידעך איז ער נאָך אַלץ ניט שאָװעבעשאָװע, װאָרעם אַנומלטן, שױן לײגנדיק זיך שלאָפן, האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן צו דער מומע גיטען:

— איז װאָס, גיטע, האָבן מיר שױן אויסגעגעבן אונדזער על־טערע טאָכטער סאָרקען?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — אין אַ מאַזלדיקער שאָ!

— נו, איז װי געפעלט דיר עפּעס דער שידעך?

און אײדער די מומע גיטע האָט באַװיזן צוטראַכטן עפּעס אַ שטיקל ענטפער, װאָס זאָל אים האַװירן, האָט ער אויסגעדרײט דאָס פײַער און אַ זאָג געטאָן אין דער פינסטער:

— נאָך אַלעמען, הערסטו, איז אַזאָכאָנאַזװײ צו אונדז בײדן! אין דרויסן האָט זיך פונקט דעמאָלט געשטעלט אַ פראָסט.

VX

מ אַ ר אַ ט

ס'איז אַרויסגעפֿאַלן אַ טיפֿער שניי. אונטער די פֿענסטער האָבן זיך אָנגעהויבן שפּיציקע בערג. דער רעבזעהויף איז אַזוי טיף אַרונטערגעקראָכן אונטערן שניי, אַז קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזען די שטיקער ווענט מיט די פֿאַרשנייטע פֿענסטערלעך. די ווייסע דעכער האָבן זיך אַראָפּגעדרוקט נידעריקער. די שטוב־ראָגן זיינען געשטאַנען נאַסע, פֿאַרשנייטע, פֿאַרשמירטע, ווי אָפּגעקאַלכט.

אַרום האַלבער נאַכט איז בערע אַרויס אַ פֿאַרשלאָפֿענער, אין קאַלאָשן אויף די באָרוועסע פֿיס, האָט זיך דערקליבן פּאָרזיכטיק צו פֿעטער איטשעס פֿענסטער און אָנגעקלאַפּט. באַלד האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון אינעווייניק דאָס פֿאָרהענגל, דער מומע מאַלקעלעס איבערגעשראָקענער פּנים איז אַרויסגעשוומען, ווי פֿון אַ וואַסער, און זיך ברייט צוגעקלעפּט צום שויב. בערע האָט ניט געקענט צוטראַכטן וואָס צו זאָגן, געמורמלט עפּעס אונטערן וואָנץ, און מיטן האַנט אָנגעוויזן אויף זיין דירה, אויבן אין מויער.

— וואָדע עפּעס מיט כייעלען, וואָס? — האָט זיך די מומע מאַלקעלע געכאַפּט.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

*

בערע האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע, שווערע נאַכט. קוידעם־קאָל האָט אים די מומע מאַלקעלע אַוועקגעשיקט נאָך אַ שליטל. ער האָט געבראַכט דאָס שליטל, זיינען ביידע ווייבער צו אים צוגע־

שטאנען, אז ער מוז מיט זי מיטפארן אין קליניק. פארשטייט זיך, אז ער האט זיך אפגעזאגט. פארשטייט זיך, אז כייעלע האט זיך באלד אריינגעווארפן מיטן מאנטל אין בעט, און פון איין קימפעט-געשריי צום אנדערן האט זי ארויסגעוויינט וועגן דעם, אז ס'איז שוין גלייכער צו האבן א קינד פון א שטיין איידער פון א באל-שעוויק. ס'האט אויך געהאלטן, אז זי זאל זיך ביכלאל אפזאגן האבן דאס קינד.

דעמאלט איז פון אונטער דער ערד ארויסגעוואקסן פעטער איטשע און מיט דער רעציכע, וואס איז אייגנטימלעך פאר דעם דאזיקן מענטשן, האט ער אים פראסט פאשעט געסטראשעט מיט פעטש.

— ס'איז דיין קינד, צי ניט? — האט ער געשריען, — בולעך איינער!

— וואס היצסטו זיך אזוי? — האט בערע צו אים א שמייכל געטאן. — ביי מיין קימפעט האסטו עפעס א סאך געפירט די מאמען אין קליניקעס?

— פערעאדעס, וואס גלייכסטו זיך צו מיר? — דער פעטער האט זיך נאך מער צעקאכט, — איך בין געווען אן ארעמער שניידער, און דו ביסט א באלשעוויק. ס'איז דאך דיין קליניק, גוילעם!

און אפילע כוץ דעם איז אויך בערע ניט געווען גערעכט, ווארעם זיין קימפעט בערעס, איז פארגעקומען ביי גאנץ אנדערע אומשטענדן. די מומע מאלקעלע, זאגט מען, איז דעמאלט געגאנגען צום טייך וואשן גרעט, און שוין גארניט ווילנדיק האט זי אים דארטן געהאט ביי דער פראלאווקע. מען האט זי דעמאלט געבראכט צו פירן אויף א פויערשן שליטן צוזאמען מיטן קינד, און, פארשטייט זיך, אז ס'האט ניט געהאט קיין שום סענס פאדערן פון פעטער איטשען, ער זאל זי נאכדעם נעמען און פירן אין קליניק.

אין יענער נאכט האט מען בערעס אקשאנעס געבראכן, ווי אומגלייבלעך דאס זאל ניט אויסקומען. ער איז דאפקע יע געפארן אין קליניק.

אונטערוועגנס האָט זיך די מומע מאַלקעלע נאָך גענוג זיך אידיעקעוועט איבער אים. ביי יעדער אַפּטייק, לעמאָשל, פלעגט זי אים אראָפּשיקן איינקויפן פאַרשיידענע סגולעס, וואָס בלויז זי אַליין איז געווען אַ מייוונטע אויף זיי.

דאָס שלימל איז פול געוואָרן מיט פאַרשיידענע קרייטעכצער, זאַלבן, שמירעכצן. ער האָט געשוויגן, ווי אַ פיש, נאָר איינמאָל פאַרן גאַנצן וועג האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער ווייב.

ער האָט געפרעגט:

— ווי ס'טע אַוועקגעלייגט, ביילע, דעם שליסל פון אַלמער?

ביילע האָט זיך דעמאָלט אָנגעכאַפּט פאַרן רוקנביין און אין איר ביטערן ווייטאָג גענומען באַקלאָגן זיך פאַר דער שוויגער, וואָס בערע גייט נאָך אַלץ ניט אַריין אין איר לאַגע. ער טראַכט נאָר וועגן שליסלען. בערע האָט איר באַלד געענטפערט, אַז דאָס האָבן אַ קינד גייט ניט אַריין אין זיינע היסביייוועסן און, בעעמעס, דאַרף ער זיך גאָר אינגאַנצן ניט מישן אין די ווייבערשע איניאָנים.

— פאַרוואָס זשע אָבער האָסטו זיך פריער געמישט? — האָט זיך ביילע צעוויינט.

אויף דעם האָט בערע געפונען פאַר נייטיק ניט צו ענטפערן.

— און וואָס וועט זיין מיט אַ ברים? — איז די מומע פלוצלונג אַרויס מיט אירער אַן אייגענער זאַך.

— האָדי! — האָט ער געענטפערט, — קיין בריסן וועט דיר שוין מער ניט אויסקומען צו פראַווען.

מער האָבן זיי שוין ניט גערעדט

*

די שטאָט איז געלעגן אין אַ טיפן, וואַרעמען שניי. שטיל, ווי אויף אַ בוידעם. הונדערט דרייסיק טויזנט מענטשן, ניט רעכנענדיק קיין אויפעלעך ביז אַ יאָר, זיינען שוין היפּשע עטלעכע שאָ געלעגן אונטער די וואַרעמע קאָלדרעס. די פּראָדוקציע פון כאַלוימעס

איז געשטאַנען אין פולן ברען. כאַלוימעס, כאַלוימעס, כאַלוימעס פון די פאַרשיידנסטע שטאָפן. אַהינטער די לאָדנס האָבן זיך דורכגעטראָגן אַלטע לייוונטן פון בירגער-קריג, האָפענונגען, קלאַסן-נעווייען. ערגעץ אונטער אַ פעדערנע האָבן זיך געשפונען שווערע נעפמאַנישע כאַלוימעס. עלעקטרישע, לאַנגע ציפערן האָט זיך געכאָלעמט אַ טוער פון מעלוכע-פּלאַן.

בלויז איינער אין דער גאַנצער שטאָט, דער פעטער פאַליע, איז אָפּגעשלאָפן זיינע אייזערנע נעכט אָן כאַלוימעס; געלעגן ווי אַ דאַמף-מאַשין ביי דער ווייב אין בעט און איר געכראָפּעט אין אויער.

*

פונקט זעקס אַזייגער פאַרטאָג, ביים אַ גרויסער שניי-זאַווערוכע אין דרויסן, איז געבאָרן געוואָרן אַ שפּאָגל-נייער זעלמעניאַנער. דער דאָקטער האָט אים פון היספּיילעס אויש אַ פּאַטש געטאָן אין געזעסל. דאָס נעפעשל האָט געהאַט אַ שוואַרצע קוטשמע האָר, ברייטע פּלייצקעס און ס'האָט שוין אָפּגעגעבן פון אים פּאַוואָלינקעס מיט היי און נאָך עפּעס. (זע קאַפּיטל 1).

בערע איז געזעסן אין טונקעלן קאָרידאָר און געדרעמלט, און אַז די מומע מאַלקעלע האָט אים אויפגעשוכעט מיט דער ידיע, האָט ער אָפּגעזיפצעט פון נאַכעסרועך:

— אויב אַזוי, — האָט ער געזאָגט, — קען איך דאָך שוין מיסטאָמע גיין?

ער איז אַוועק אַהיים, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און אויסגעטרונקען פופצן גלעזער טיי מיט וואַרעניע.

*

אינדערפרי האָט זיך די מומע מאַלקעלע באַוויזן אין הויף מיט דער פריילעכער בסורע. זי האָט זיך געשמאַק דורכגעקושט מיט אַלע זעלמעניאַנער און מיט סטאַם מענטשן, וואָס האָבן זיך איר באַגעגנט אין וועג. ווען אַ ברים, האָט מען שוין געוווּסט, איז ני-

טאָ וואָס צו ריידן. אַזוינע זאַכן פֿויעלט מען ניט. מען האָט זיך בלויז געקליבן ראַטעווען דעם נאָמען.

פּעטער יודע און פּעטער איטשע זיינען אַרויף צו בערען און מוידיע געווען מיט דער גאַנצער האַרבקייט, אַז זיי באַשטייען, דאָס קינד זאָל הייסן: זאַלמען. אָפּגעזאָגט — זיינען זיי, ווי צוויי אָרעמע מעכוטאָנים, געבליבן שטיין וואַרטן אויף אַ טשוווע.

בערע האָט געענטפֿערט אַזוי:

— וועגן נאָמען דאַרף איך זיך נאָך מעיאַשעוו זיין, אָבער יעדנפֿאַלס וועט ס׳קינד ניט הייסן זאַלמען, ווייל דער זיידע רעב זעלמעלע איז לויט אַ סאַך סימאָנים געווען אַ באַלעגופֿל, און כוץ דעם איז פֿאַר מיר ביכלאַל ניט קלאָר, פֿון וואַנען האָט עס דער זיידע גענומען געלט אויף אויסבויען אַ הויף.

טאַקע פֿון וואַנען?

— איז וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן, אַז דער טאַטע אונדזערער איז געווען אַ קעשענע־גאַנעוו? — האָבן זיי זיך גענומען רוקן צו אים נעענטער.

בערע האָט אויך דאָס מאָל געזונגען פֿאַר נייטיק ניט צו ענטפֿערן.

*

אויף מאָרגן איז געקומען פֿון קליניק כייעלעס באַרימט געוואָרענע באַשטימונג, אַז איר קינד הייסט זעלמעלע. עס האָט פֿאַרשמעקט מיט פּולווער. בערע האָט דעמאָלט האַרט אַ שווייג געטאָן, די באַקן־ביינער זיינען אַרויסגעקראָכן שאַרפֿער — אַן אָנזאָג, אַז דעם קאַמף האָט ער אָנגענומען.

כעווערע קאָמיוג (די שיליועס) איז געשטאַנען גרייט אַרויסצוטרעטן.

אַפּאָנעם, שוין לאַנג שטיל געווען אין הויף.

די אַלטע האָבן זיך באַהאַלטן אין די שטיבער, געמאַכט זיך טאַם, פּוקט זיי ווייסן ניט וועגן וואָס סע רעדט זיך, און מיט אַ בריע אויג אַרומגעטאַפּט דעם מינע. די מאַשין האָט געשטעפּט,

דער הובל האָט געהובלט, און פעטער זישעס אַלטע ווײַגערס ווײַנען אויך אַלע אַוועקגעגאַנגען.

בײַטאָג, בײַם קײנע ענדערונגען איז ניט געווען צו זען אין אין רעבזעהויף, האָט פעטער איטשע געזונגען אַ ליד:

ניי איך סערמיעגעס וואַסאָווע,
ניי איך פעלצן ווינטעראָווע
פאַר מײַנע פויערימלעך
בעמעקעך האַשאָווע.

ווי אַ גוואַלדריס, ווי אַ לאַטע,
אַלץ פאַרשטשאָבעט לעאַיסאַטע,
פאַר מײַנע פויערימלעך
די לאַפּטשעוואַטע...

אין געוווּנקען האָט ער גנײַוויש צו דער מומע מאַלקעלען:

— מיט דער שנור, הערסטו, האָבן מיר, באָרעכאַשעם, געטראָפן אויפן שענסטן אויפן!

*

אינאָווגט. די מומע מאַלקעלע האָט זיך געקליבן אין קליניק אַרײַן. פלוצלונג האָט זי בערע פאַררופן צו זיך און געבעטן איבערגעבן דער קימפעטאָרין, אַז דעם זון זײַנעם רופט מען מאַראַט.

— טאָמער געפעלט ניט כײַעלען די זאַך, — האָט ער געצויגן דעם וואָגן, — קען זי מאָרגן גײן כאַסענע האָבן פאַר אַ כאַזן.

פעטער איטשע האָט דעמאָלט שטאַרק אַ הייב געטאָן די הויזן און איז אַרויס זיך שלאָגן:

— גיט מיר אים אַהער, דעם בופלאַקס, איך דאַרף אים דאָ צערײַבן אויף אַש!

און פעטער יודע האָט אַרויפגעשריען צו בערעס פענסטער:

— ווער ביסטו אַזוינס, כאַמערוק, וואָס דו גייסט מעוויַיעש זײַן מײַן טאַטן?

און פעטער זישע איז אויך אַרויס. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו די ווייבער (אַ טשיקאַווע זאַך צו וויסן, אַלעמיי פעטער זישע רעדט שטענדיק צו די ווייבער):

— כ'האָב גאַנץ גוט איבערגעטראַכט, און איך זע איין, אַז די מייסע מיט דעם נאָמען וועט בלייבן אַ פלעק אויף אונדזער מישפּאָכע לעדוירדוירעם.

אָבער אַפילע איצט האָבן ביים פעטער יודען אַ שפּאַר געטאָן די אויגלעך אַריבער די שפּאַקולן:

— און דיין איידעם, זישקע, איז ניט קיין פלעק אויף דער מישפּאָכע?

פעטער זישע האָט אים דערמאָלט קאַלט געענטפערט:

— ערשטנס, רייד איך ניט צו דיר, צווייטנס, האָב איך אויף מיין איידעם אַ העטער פון אַ מאָסקווער ראַוו, און, דריטנס, ווען דו ביסט ניט קיין בורדערייסע, וואָלסטו אויך געוווסט, אַז אַזוינס איז שוין געווען ביימיי עזרע אונעכעמיע, וועאַיין קאָל כאָדאָש טאַכאַס האַשעמעש.

נאָך גוט, וואָס פעטער זישע האָט ניט געמאַכט דעם כאַלעיש!

עס האָט זיך געקערט כוישעך. קוים וואָס די מומע מאַלקעלע האָט אַריינגענומען די שלעגער צו זיך אין שטוב אַריין. זי איז געווען אויסער זיך. עס איז אַ סוואָרע, אַז דאַפקע זי האָט אין דער שטיל אונטערגעהעצט די פעטערס אין קאַמף פאַר רעב זעלמעלען, און אויך בענוגייע כייעלעס אַרויסטרעטונג איז זי, זאָגנדיק דעם עמעס, ניט געווען אינגאַנצן ריין.

די מומע מאַלקעלע איז געווען אויסער זיך.

און דערפון שטאַמט עס עפשער, וואָס שפּעט ביינאַכט, קומענדיק צוריק פון קליניק, האָט זי געפונען פאַר איר כויוו אַדורכגיין די זעלמעניאַנישע שטיבער און איבערגעבן:

— וואָס זאָגסטו דערצו, מיט בערעס מאַראַטל קערט זיך דאָך דער גאַנצער קליניק?

און נאָכדעם האָט זי אַריינגערופן מיט אַ טערעץ פאַלקען צו פעטער זישען אין שטוב אַריין, ווו אַלע פעטערס זיינען געזעסן

אַרום אַ גלעזל טיי. מען האָט אים געבעטן, ער זאָל דערציילן וועגן מאַראַטן, ניט וועגן בערעס, נאָר וועגן יענעם, דעם אומבאַקאַנטן מאַראַט, צי ער איז כאָטש געווען אַן אָרנטלעכער מאַן, צי האָט ער כאָטש האָלט געהאַט יידן, מעקויעך אַנדערע זאַכן רעדט זיך שוין ניט.

פאַלקע האָט פאַרזיכערט, אַז וועגן ערלעכקייט איז ניטאָ וואָס צו ריידן. ער האָט אויפגעקלערט מאַראַטס ראָל אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָנגעוויזן אויף דעם קאַמף צווישן די יאַקאָבינער און די זשיראָנדיסטן, נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פּאַריזער קאָמונע, קריטיקירט שאַרף די גרויסע טאָעסן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דעמאָלט, און פאַרענדיקט מיט אַ לויבגעזאַנג צו דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

אין יענעם אָוונט האָבן די קאָרענע פעטערס עטוואָס געלערנט.

XVI

דער טויט פֿון פּעטער זישע

פּעטער זישע האָט געשמייכלט.

ווי אַלע גיבן איבער, האָט ער זיך אין יענעם לעצטן ווינטער-
אָוונט געפֿילט גאַנץ גוט, געטריבן אַפֿילע קאַטאָוועס מיט פֿאַל-
קען און מיט דער מומע מאַלקעלען וועגן די היינטיקע שיינע אייניק-
לעך (וועגן די איידעמס האָט מען נאָך אַלץ ניט געטאָרט דערמאָנען).

און ווער האָט עס געקאָנט גלויבן, אַז אויף מאָרגן אין דער
צייט וועט שוין פּעטער זישע ניט זיין צווישן די לעבעדיקע?

איצטער ווייסן שוין אַלע, איצטער ווייס מען שוין, אַז די
ריכקייט, וואָס פֿאַרן טויט, האָט פֿון אים דעמאָלט אַרויסגערעדט. ער
האָט לאַנג געקוקט אויף די זעלמעניאַנער מיט זיינע געלבלעכע ווייס-
לעך, און זיי, די שעפּסענע כעווריעלייט, האָבן ניט פֿאַרשטאַנען,
אַז ער זעגנט זיך מיט זיי.

אָן שום ספֿק, אַז ער האָט דעמאָלט פֿאַרגעפֿילט דעם טויט,
ווי די אַלע אַלטע זייגערמאַכערס, וואָס האָבן צו טאָן אין אַ גע-
וויסער מאָס מיט לעבעדיקע כפֿייצים: ווילן זיי — שטעלן זיי פּאַ-
יאַלינקעס צונויף אַ זייגער און ער גייט; ווילן זיי — טוען זיי
אָן די שפּאַקטיוו, ציען אַרויס די רעדעלעך מיט די הערלעך און
עס איז שוין בכלל גאָרנישט ניטאָ, ווי שרעקלעך דאָס זאָל ניט
אויסקומען.

*

אויף מאָרגן איז דער פּעטער זישע אויפֿגעשטאַנען מיטן ברוך
אויף טאָג. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שאַרפֿער פֿראָסט. ער האָט

אויפגעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר און אין דער שנייִקער בלויעניש, וואָס האָט געשלאָגן פון די שויבן, געשטעלט זיך דאַוונען. שפּעטער האָט ער, אַ פאַרוויקלטער אין טאַלעס, צוגעטראָגן דער מומע גיטען אַ הייסע גלאָז טיי צום בעט.

דער מומען גיטען איז באַפאַלן די קאַלטע גרויל. לויט דעם טאַלעס אין דער שאָטנדיקער טונקלעניש האָט זי געמיינט, אַז מען איז עס געקומען נאָך איר; קוים וואָס זי האָט באַוויזן אין אײַלע-ניש אַרויפכאַפּן עפּעס אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ, נאָר ערשט דעמאָלט האָט זי דערהערט פּעטער זישעס פאַרליבט קאָל. ער האָט גע-זאָגט:

— טרינק, גיטע, טרינק, אַ גאַנץ לעבן האָסטו געקאָכט פאַר מיר טיי, און כ'וויס גאָרניט צי כ'האָב עס פאַרדינט.

די מומע גיטע האָט פון שטוינונג גאָרנישט געענטפערט. ס'איז פאַר איר בלויז קלאָר געוואָרן, אַז מיטן פּעטער האַלט גאָר ניט גוט.

נאָכדעם איז זי אַ גאַנץ פרימאָרגן געשטאַנען ביים אויוון, געקוקט פון דער זייט, ווי ער זיצט איבערגעבויגן איבער די ציפער-בלעטלעך, ביז זי האָט סאָפקאָלסאָף ניט דערזען, אַז זיין פּאַטיל-ניצע און די פּלייצעס זיינען שוין ניט קיין היגע. און אָט דאָס מוז מען צוגעבן, אַז וואָס עס איז שייַעך טויט-זאַכן, מאַלעכאַמאָוועסישע געננ, איז נאָך ניטאָ אַזאַ קענערקע, ווי זי.

*

פּעטער זישע איז טאַקע באַלד אין אַ פּאָר שאָ אַרום גע-שטאָרבן און, קימאַט, ווי פון אַ נאַרישקייט.

צום הויף איז צוגעפאָרן עפּעס אַ דאָרפישער פאַרפראָרענער שליטן. עס האָט נאָך פון אים געטראָגן מיט ביינאַכטיקער קעלט פון די פעלדער. פון אונטערן שטרוי זיינען אַרויסגעקראָכן אַ פּויער און אַ פּויערטע, פאַרוויקלטע, פאַרטערכעטע, מיט האַרטע קאַר-טאָפל-נעזלעך. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף זישע דעם זייגער-מאַכער, האָט מען זיי אָנגעוויזן.

טכילעס האָט דער פעטער געמיינט, אַז זיי ברענגען פון דאָרף פאַרריכטן אַ זייגער. אָבער עס לאָזט זיך אויס (און אָט דאָס איז דער אומגליק!), אַז דאָס זיינען ניט סתּם פויערים פון דאָרף, נאָר פעטער זישעס שטאַרק נאָענטע מעכוטאָנים; דאָס זיינען ניט מער ווי סאָניע דעם פעטער זישעס שווער און שוויגער. איצט, קומענדיק אין שטאָט אויפן מאַרק — זאָגן זיי — וועלן זיי שוין האָבן, ווו איבערצולאָזן דעם פערד און וואָגן.

פעטער זישען האָט, פאַרשטייט זיך, באַשלאָגן אַ קאַלטער שוויס. עס האָט זיך אים מיטאַמאָל פאַרגלוסט אַרומנעמען די מומע גיטען און זעצן זיך וויינען. די מעכוטאָנים האָבן גערעדט צו אים און ער האָט עפּעס אַלץ אַזוי ווי פאַרהערט, אָבער דאָס גרויע פויערל, ווי אויף צולאָכעס, האָט איבערגעפרעגט מיט היספּיילעס?

— ביסטו עס טאַקע זישקע דער זייגערמאַכער?

— יאָ.

פעטער זישע האָט געפּאָרשקעט מיט דער בלייכער נאָז און אַרויסגעקוקט אין פענסטער, צי לייט וויסן שוין ניט פון אומגליק. פאַרשטייט זיך, אַז פעטער איטשע האָט זיך שוין אַרומגעדרייט מיט טיפן כּשאַד אַרום גאַנעק און ס'איז שוין געווען די געפאַר, אַז דער אויסוואורף וועט באַלד אַריינקומען פרעגן דעם זייגער.

דעמאָלט האָט זיך פעטער זישע אויפגעהויבן, צוגעשלעפּט זיך צום טיר און זי אַן עפן געטאָן צום דרויסן:

— איטשקע, — האָט ער געזאָגט אַ פאַרכאַלעשטער, — ווילסט דאָך שוין, מיסטאָמע, וויסן דעם זייגער?

— יאָ, — האָט זיך פעטער איטשע אַ כאַפּ געטאָן — אַ טשיקאַווע זאַך צו וויסן!

— ס'איז דריי פערטל אויף צוועלף.

און דאָ האָט ער זיך אומגעלומפּערט אויסגעקירעוועט, אַ זיפּץ געטאָן און אַרויסגעפאַלן אויפן גאַנעק מיטן פּאָנעם אין שוואַרצן שניי.

דער הויף איז געבליבן רויק. דער הויף האָט אָפּגעוואַרט, געמיינט, אַז פעטער זישע פירט עס דורך, דעם געווינטלעכן כאַ-

לעש, און מען ווייס, צוליב וואָס — קעדיי מעשאַלייעך צו זײַן די ניט געבעטענע אָרכים.

ווי פֿאַרווינדערט איז מען אָבער נאָכדעם געוואָרן, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּעטער זישע איז דאָס מאָל טאַקע געשטאָרבן! ווי ביטער עס איז געוואָרן אויפֿן האַרצן!

פּעטער זישע האָט אַ גאַנץ לעבן גענאַרט די וועלט מיט זײַנע אָנשטעלעניש און אויך איצטער, האַלט מען, איז ער אויסמישנע געשטאָרבן מיט אַ דרייי: דער הויף זאָל זיך לאַנג דאַרפֿן שלאָגן מיט דער דייע, צי ער לעבט, אָדער ניט.

עס פֿרעגט זיך: צו וואָס אַזאַ מאָדנע אויפֿפֿירונג פֿון אַ מענטשן?

*

פּעטער זישע איז געשטאָרבן. טיף אין ווינקל שטוב איז ער שוין געלעגן אויף דער צערודערטער בעט מיט אַן אויסגעפּוישטן הילצערנעם בויך און מיט אַ קאַלטער באָרד צו דער סטעליע; געלעגן ווי אויף צולאָכעס אַלעמען און לעבן אים צוקאָפּנס — די מומע גיטע מיט די בייגערדיקע הענט, ווי מיט אַראָפּגעלאָזענע פֿליגלען. זי איז געזעסן און געקוקט דורך אירע טרוקענע קיילעכדיקע אויגן, ווי אַזוי די גאַס מענטשן האָוועט אַרום איבערן שטוב.

די סאַלטאַנאָווער פּוערים האָט מען וואָס גיכער אַרויסבאַגלייט, ווייל כוץ אַלעמען האָט זיך פּעטער איטשע גערוקט צו זיי שלאָגן.

פּעטער איטשען איז אויך ניט געוועזן צו פֿאַראורטיילן, וואָרעם ער, דער טרייער ברודער, האָט זיך געמאָרדעוועט מער פֿון אַלעמען, געשטאַנען אינמיטן שטוב מיט אַ גרויסער טוך, אין האַנט פֿאַר זײַנע גראָבע טרערן און געשריען אויפֿן גאַנצן קאָל, ווי אַ קליינער לאָבוז, וואָס מען האָט אים אָנגעשלאָגן. לייט האָבן זיך ביי אים געבעטן ראַכמים, ער זאָל אויפֿהערן. ער האָט טאַקע פֿאַרדולט דעם קאָפּ.

דערפֿאַר האָט זיך פּעטער יודע ניט באַוויזן. מען האָט געכאַפּט אונטערמורמלען, אַז דער משוגענער איז מיט עפּעס ניט צו־

בריזן. ער האָט עפּעס צו דערווידערן קעגן פּעטער זישעס טויט. פֿאַרשטייט זיך, ס'איז ריינע מעשוגאַעס, וואָרעם פּעטער זישע איז געשטאָרבן סאָפּקאָלסאָף ווי געהעריק איז.

פּעטער יודע איז אַריין שפּעט אינאָוונט, ביים דער מעס איז שוין געלעגן אַראָפּגעהויבן. די קינדער זיינען שוין געקומען פֿון דער אַרבעט. די באָבע באַשע איז שוין געזעסן ביים בעט. אַפֿילע פּעטער פּאָליע איז שוין אויך געשטאַנען לעבן אויוון און געדרעמלט. פּעטער יודע האָט דעמאָלט פֿאַרקאַשערט די שפּאַקולן, ווי אַ רויפֿע, אַראָפּגעבויגן זיך צום באַרמענען און אים אָפּגעדעקט דאָס פּאָנעם. איצט האָט מען געוואַרט אויף זיין וואָגיק וואָרט. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען איבערגעבויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און, ענדלעך, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן:

— זישקע, דו סטיגעלעבט ווי אַ נאַר און אַ באַלגייווע, און געשטאָרבן... ווי אַ נאַר און אַ באַלגייווע!

און ער האָט זיך אויפֿגעהויבן.

מען האָט אים פֿאַרשוויגן די זאַך.

*

די מישפּאָכע איז שוין לאַנג ניט געווען איניינעם. איצט האָט געטעמט פֿון די זעלמעניאַנער רו און שטילקייט, רויער רייעך פֿון „טיף ראַשייער" ערדן, און ס'האָט זיך זיי אַלעמען געגלוסט, אַז לענגער זאָל זיך ציען דער היינטיקער געמיטלעכער אָוונט. אַפֿילע פּעטער פּאָליען האָט זיך אויך געגלוסט.

די באָבע האָט עפּעס געקייט, אַראָפּגעשלונגען ווי עס איז און נאָכדעם האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— שטאַרבן אין אַזאַ פֿראָסט איז אויך אַ קנאַפּער מייכל!

זי האָט עס גערעדט צו זיך, און געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז פֿאַר אַן עלטערן מענטשן, ווי זי, וואָלט געווען פּאַסיקער צו שטאַרבן אין אַ לינדערן וועטער.

מען האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, אויף דער אַלטער, און ביי אַלעמען איז דורכגעפֿלויגן קימאַט דער אייגענער מיעסער גע-

דאַנק אין קאָפּ. די באָבע איז געווען מעכולעדיק און האָט עס, נע־בעך, ניט געשפּירט.

די שיליועס האָבן זיך סאָפּקאָלסאָף גענומען שטיקן אין די פּויסטן, און אַפּילע די דערשלאָגענע סאָניע, וואָס די גאַנצע צייט איז זי געזעסן אין היטעלע, אין די לייקענע יהענטשיקלעך, און פּאַוועל אָלשעווסקי האָט איר געמוזט געבן שמעקן פון פאַרשיידענע פלעשעלעך — אַפּילע זי האָט אויך אַ שמייכל געטאָן. עס האָט געהאַלטן ביי כילעל־האַמעס.

פּעטער איטשע האָט זיך דערמאָנט אָנגעצונדן, ווי אַ העליש פייער:

— שילויעס, וואָסי דאָ ביי אייך אַ טעאַטער, צי אַ קינאָ, וו מען ווייזט ווייסע בערן?

און אַז ס'איז שטיל געוואָרן, האָט מען ערשט נאָכדעם דער־הערט פון אַהינטערן אויוון פּעטער פּאָליעס ביינערדיקן געלעכטער, פּונקט מען קייקלט שטיינער. עס האָט זיך געזען, ווי ער ציט דאָרטן דעם רימען אַרום די הויזן, עפּשער וועט זיך אים איינגעבן פאַרשטיקן דאָס געלעכטער אין בויך.

ער האָט זיך פאַרשעמט און איז אַרויס פון שטוב.

*

דער אויפגעבראַכטער פּעטער איטשע האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבערן מעס זאָגן טילים. דעמאָלט האָבן די שיליועס געפּונען פאַר גייטיק וואָס גיכער אַרויסרוקן זיך פון שטוב. אויסער דעם, האָט טאָנקע געמוזט היינטיקע נאַכט דורכפירן אַן אָנפאַל אויפן צ. אַר. ק., וואָס אָפּליגן האָט מען עס בעשומויפן ניט געטאָרט. זי האָט אָבער געבעטן מען זאָל וואַרטן מיט דער לעוויע — אינדערפרי וועט זי אומ־באַדינגט קומען. פּאַלקע איז אַוועקגעפלויגן מיט איר. זינט מען האָט זיך גענומען קלייבן קיין וולאַדיוואָסטאָק, איז זיי שוין ניט אָפּ־צוריכן.

*

אַדורך דער געעפנטער טיר, קעדיי אַרויסלאָזן דעם רייעך פון מעס, האָט זיך געזען אַ ווייטע, האַרטווייסע נאַכט מיט קאַלטע שטערן פון הונדערטער קאָלירן. דער פראָסט האָט דאָרט געגליווערט טרוקן און דורכזיכטיק. שטיל און פוסט.

*

פאַוול אָלשעווסקי האָט אַראָפגייענדיק פון הויף זיך נאָכ־געפרעגט מיט אַ סוידעסדיקער נייגעריקייט ביי דער צוגעטוליעטער ווייב, אַלעמיי די פעטערס האָבן ניט אָנגעטאָן קיין טפילן און טאַ־ליסים און ניט געבלאָזן קיין שויפער. סאָניע האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז דער אַלטער דאָר איז שוין, אַפּאָנעם, אויך ניט וואָס אַמאָל, און בענוגייע שויפער בלאָזן האָט ער אַ טאָעס, ווייל שויפער בלאָזט מען גאָר שוועס, אַלס אָנדענק, וואָס אַוראָהאָם אָווינו האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מיצראַיִם.

*

ביים מעס זיינען איבערגעבליבן די מומע גיטע און פעטער איטשע. זיי האָבן לייכט אָפּגעעטעמט, אָנגעצונדן די מעשענע לייכ־טער צוקאָפּנס, איבערגעקערט די בילדער, פאַרהאַנגען די שפּי־גלען, די זייגערס און גענומען פראַווען די לעווייַע ווי סע באַדאַרף צו זיין.

די מומע גיטע איז אַפילע נאָכדעם צוגעגאַנגען צום מעס און אָפּגעזאָגט אויף דעם באַסאָהון קאָל:

— זישע, דו מעגסט זיין רויק, מיר וועלן דיך אימירצעשעם אַרויסבאַגלייטן ווי אַ קאָשערן יידן!

אויף דעם האָט פעטער זישע גאָרנישט געענטפערט.

האַלבע נאַכט איז אויך אַריין דער אויסגעשלאָפענער פעטער יודע, אויף קיינעם זיך ניט אומגעקוקט, האָט ער זיך באַלד אַוועק־געשטעלט זאָגן טילים מיט אַ פרימאָרגנדיקן טרוקענעם קאָל. אין די פענסטער האָט געגרויט. עס איז געווען בעעמעס פיין פון זיין זייט, פון פעטער יודעס, וואָס ער האָט זיך אינמיטן נאַכט פאָרט

דערמאָנט אָן ברודער און איז אַראָפּגעלאָפן פון בעט העלפן אים אין זיין שווערער לאַגע.

די מומע גיטע וועט עס אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

*

אינדערפרי זיינען אָנגעקומען די שילויעס, און די זאַך איז ווידער מיטאַמאָל וואָכעדיק געוואָרן. מיט דער לעוויע האָט מען געטריבן מעשוגענערווייז.

— געווג אייך צו פּלאַנכענען, ווייבער, — האָט מען געשריען, — געווג שוין!

בערע האָט געבראַכט צו פירן פון ערגעצוו דעם שוואַרצן קאַסטן, און איידער די ווייבער האָבן באַוויזן פאַרוויקלען זיך, אַריינקריכן אין די וואָליקעס, איז שוין דער טויטער פעטער אַוועקגעפלויגן אין אַלדי העלן. מען איז נאָך אים נאָכגעלאָפן. פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע האַנאָע פון דער לעוויע האָט מען שוין ניט געהאַט. אויפן בעסוילעם האָט פּראָסט פּאָשעט געהאַלטן ביי לייטישע געלעכטער. דעמאָלט איז די מומע מאַלקעלע צוגעגאַנגען צו בערען מיט דעם האַרבן וואָרט:

— דו ווערסט זיך אונדז לאָזן אַמאָל אויסוויינען, צי ניט, וואַלד-גאַזלען?

— גוט, — האָט בערע געענטפערט, אָבער מאַכט עס גיכער!

און מען האָט זיך זיי געלאָזן אויסוויינען. העכער פון אַלעמען האָט געקלאָגט דער פעטער איטשע. מיט אַ נאַסן קאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן צום צווייטן פעטער, צו פעטער יודען:

— אַ וועלט, האַ?

פעטער יודע האָט אויף אים רוגזעדיק אַ קוק געטאָן פון אונטער די שפּאַקולן און געענטפערט:

— איז שוין ניט גלייכער, אַז מען ליגט אין דרערד.

דאָס האָט ער געמיינט דעם פעטער זישען און די מומע העסיען.

און פֿעטער זישע איז שוין נישט געשטאַנען רויִק אָן אַ זײַט, נישט געצויגן קיין האָר פֿון באָרד און נישט געשמייכלט:
— ליטווישע קינדער.

*

שפּעט האָבן זיך די זעלמעניאַנער אומגעקערט פֿון דער לעוויע, עס איז אָנגעקראָכן אַ גרויער אָוונט. דער רעבזועדהויף איז געשטאַנען אין שאָטנס; אָן עלעקטרע, אָן וואַרעמע אויוונס, הויל, ווי דער פֿאַרדראָס נאָך דעם ערשט באַגראָבענעם פֿעטער.

אומזיסט האָט מען, אַלזאָ, דעם פֿעטער זישען אַ גאַנץ לעבן כּסדר געהאַלטן, אַז ער מאַכט זיך פֿאַר אַ כּאָלוש, טראַכט קלוימערשט צו קראַנקהייטן פֿון גייווע ווײַן. איצט זעט מען, אַז ער איז געווען אַן ערלעכער מאַן, געקרענקט גרינטלעך און געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט, יעדנפֿאַלס פֿריער פֿון איינעם אַ געוויסן עלטערן מענטשן אין רעבזועדהויף.

*

לעבן שטאַל זײַנען געשטאַנען צוויי שטשופּלע זעלמעניאַנערלעך מיטן פּנים צום וואַנט. זיי האָבן מאַשטין געווען אויפֿן שניי. אינעם היינטיקן גרויען אָוונט זײַנען זיי אויך געווען אומעטיק, בלייך און פֿאַרזאָרגט.

— מאָטעלע, זאָג, און ווען וועלן מיר שטאַרבן? — האָט געפֿרעגט ליפּע פֿון קינדער־גאָרטן.

— ס׳ נאָך אַ צײַט, — האָט געענטפֿערט מאָטעלע, — מיר דאַרפֿן זיך נאָך פֿריער פֿאַרשרײַבן אין זאַגס, נאָכדעם גיין אויף מילכאָמע, און נאָכדעם דאַרפֿן מיר הייבן די געריטעניש.

— וואָס האָסטו געזאָגט דאַרפֿן מיר הייבן?

— מיר דאַרפֿן הייבן די געריטעניש.

זיי האָבן געקוקט אויף די געמעלן אין שניי.

— הער זיך אײַן, — האָט ליפּע געזאָגט, — איך בין שוין גאָר אַ גרויסער. כ׳האָב שוין אַ מאָזאָלן אויפֿן פּוס. ווייסט, וואָס מאַנקע זאָגט?

— וואָס?

— זי זאָגט: פאַר אַ פּיאָנער איז גענוג, אַז ער האָט אַ מאָזאָל אויפן פוס, נאָר אַ קאָמסאָמאָלעץ דאַרף האָבן אַ מאָזאָל אויפן האַנט אויכעט. דאָס איז זייער שווער צו האָבן.

ליפּע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן:

— אָז דו סט׳ווערן אַ גרויסער, וואָסטע בעסער זיין — אַ באָלשעוויק, צי אַ קאָמוניסט?

— איכל זיין אַ באָלשעוויק פון פינפטן יאָר, — האָט מאָטעלע געענטפערט פון אויבן אַראָפּ.

— וועל איך זיין אַ זאַוו!

— גיי קאַ... — איז מאָטעלע אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער אומבאַוווסטזיניקייט, — מיט אַזאַ יאַט, ווי דו, איז מיר נאָך ביכּלאַל דערווייל שווער צו ריידן.

XVII

זעלמעניאַנישע אַלערליי

די וויכטיקסטע נייסן, וואָס זיינען זיך פֿאַרלאָפֿן אין רעבזוע־הויף נאָך פּעטער זישעס טויט:

1.

פּעטער יודע איז אַרויס אין שטאַל נאָך אַ ברעט, האָט ער געפֿונען פֿאַרשטעקט הינטער אַ קראָקווע אַ שטיקל פּאָסט־קאַרטל. פֿון איין זייט האָט זיך געפֿונען אַ שוואַרצער מאָסקווער שטעמפּל, פֿון דער אַנדער זייט — פֿאַרשריבן אויף לאָשנקוידעש. ער איז אַריין אין שטוב און איבערגעלייענט אָט וואָס:

כ״ב אלול מזל בתולה מזל טוב לפ״ק.

צום קאָוועד פֿון נאָגיד רעב זיסל בערעב זאַלמען נ״י.

שאָלעם צום גאָענטן צום וויטן און אויך צו דיר שאָל...

דער קסאַוו איז געווען אַ דריבנער, אַ ראַבאָנישער. איז דער מאָרעשכוירעדיקער פּעטער יודע געבליבן שטיין מיט דעם קאַרטל אין האַנט און מיט דעם רוגזעדיקן בליק צום אויוון:

— זאָל עס טאַקע זיין עמעס, אַז זישקע האָט ניט געזאָגט קיין ליגן?

נאָכדעם איז מען געוואָר געוואָרן, אַז די מייסע מיט דעם קאַרטל האָט פּעטער יודען שטאַרק געמאַטערט, און ער איז אַפֿילע אַוועק צו פּעטער זישען אויפֿן קייווער בעטן מעכילע. דאַכט זיך, וואָס? — נאָר פּעטער יודע איז נאָך אָט דער ערגעניש אַראָפּ פֿון פּאָנעם. און עפּשער האָט עס אויך געדינט פֿאַר אַ סיבע צו זיין

אַנטלױפֿן. אין אַ מיטן נאַכט איז פּעטער יודע אײנגאַנצן אױסגערונען פֿון הױף, קימאַט װי אַנטלאָפֿן, און אַ לענגערע צײַט האָט מען בכלל ניט געװוּסט װוּ ער איז אַהינגעקומען, דאַגאָס מען רעכנט, אַז אַװעק פֿון הױף איז ער צוליב אַ גאַנץ אַנדער סיבה.

מען זאָגט, אַז ער איז אַנטלאָפֿן אָט צוליב װאָס:

נאָך פּעטער זישעס טױט איז ער אַרומגעגאַנגען, דער פּעטער יודע, אַ בײזער און אַ גרױער, ניט אַרױסגערעדט קײן װאָרט. אין אַזאַ צײַט האָט פּעטער יודע ליב צו גײן אין סטודעס. איז ער אין אַ העלן מיטװאָך אַרײַן אַן אָנגעכמורעטער צו בערען און געבליבן שטײן בײַם טיר:

— גוט מאָרגן!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! — ענטפֿערט בערע.

— איך בין געקומען פֿרעגן, װאָס מאַכט עפּעס דײַן זעלמעלע?

בערע האָט געענטפֿערט געלאַסן:

— איר האָט אַ טאָעס, ניטאָ בײַ מיר קײן רעבזעלמעלעך.

פּעטער יודע האָט אַרײַנגענומען דאָס בערדל אין מױל און געשװיגן. אין אַ װײַלע אַרום האָט ער װײַטער געפֿרעגט:

— איז װי הײסט ער, דײַן שײנער זון?

— מײַן שײנער זון הײסט מאַראַט.

מער האָבן זײ ניט גערעדט.

װי כײַעלע האָט נאָכדעם איבערגעגעבן, איז פּעטער יודע דעמאָלט געשטאַנען בײַ זײ לעבן טיר, עפּשער בײַ אַ האַלב שעה און מער. ער איז אַרױס אַ שװײַגנדיקער, צוגעמאַכט פֿאַרזיכטיק די קליאַמקע, װי עס װאָלט בײַ זײ געלעגן אַ כולה אין שטוב, אַראָפּ אונטן צו זיך און איז שױן ניט אַרױס.

2.

דער טראַמװײַ איז אַװעק.

דאָס איז געװען אַ טשיקאַװע זאַך. ער איז ערגעץ אַרױס פֿון װאָקזאַל און אַװעקגעלאָפֿן איבער די גאַסן. פֿרישע װאַגאָנעס, גלאַנציקע שױבן, ניקל, נײַע רימענס. די טראַמװײַ־פֿענסטער זײַנען געװען אָנגעפּיקעװעט מיט מענטשן — און דאָס אַליץ האָט זיך אַראָפּ־

געגליטשט באַרג-אַראָפּ, געפלויגן באַרג-אַרויף, געיאָגט און דערלאָפן אַפילע ביז צום פאַרשטאָט.

די זעלמעניאַנער האָבן דערהערט סאַמע אַרום הויף אַ נייע סאָרט קלינגעריי. דער ערשטער איז, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעלאָפן פעטער איטשע, וואָס איז געווען לאָהוט נאָך נייסן. געקומען אַהיים איז ער שוין אָבער שפּעט ביינאַכט, און אַזוי, ווי ער האָט זיך געשעמט פאַר דער מומע מאַלקעלען, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז געווען ביי אַ כאַוער.

— ביי וועלכן כאַווער? — האָט די מומע מאַלקעלע געפרעגט.

— ביי אַ כאַווער...

עס האָט זיך ניט געגלויבט, וואָרעם פעטער איטשע האָט זיך נאָך דער כאַסענע געפונען בלויז אַרום דער מומע מאַלקעלען; אַ כאַווער האָט ער געהאַט באַכערוויז, איינעם — אָרע דעם שניידער, איז יענער שוין לאַנג געשטאָרבן.

אויף מאָרגן האָט פעטער איטשע געאייצעט דער מומען, זי זאָל זיך דורכפאָרן אויפן טראַמוויי — דאָס איז אַ באַזונדער סאָרט פאַרגעניגן.

— פון וואַנען ווייסטו עס אַלץ?

— איך פאַרשטיי...

און ער האָט איר ניט אויסגעזאָגט, אַז אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעפאָרן איבערן שטאָט און געפאַטערט דערביי אַ שטיק געלד.

*

נאָכדעם זיינען שוין די זעלמעניאַנער געפאָרן אָפטער. מען פלעגט צופאָרן סאַמע ביזן וואָקזאַל און צוריק קומען צופוס. עס איז געווען גוט, ניט אַזוי דאָס פאָרן, ווי אָט דאָס, וואָס מען זיצט צווישן מענטשן און מען ווייס פון אַ וועלט. די מומע מאַלקעלע פלעגט זיך אַוועקזעצן, אַ שמייכלענדיקע און אָנווייזן די ניטהיגע, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן אין אַ טראַמוויי; זי פלעגט אויך אויסבייטן גרויסע מאַטבייעס אויף קליינגעלט און בכלל האָט זי זיך געפילט פאַרבונדן מיט די מענטשן ניט ערגער ווי אין רעבזעהויף.

אַן אינצידענט האָט געטראָפֿן מיט פּעטער פּאָליען:

זיצנדיק אין טראַמוויי, האָט זיך פּעטער פּאָליע געכאַפּט, אַז ער האָט ניט די צען קאָפּיקעס. דעמאָלט האָט ער זיך אויסגעקירעוועט צום שויב און גענומען קוקן אין דרויסן. מען האָט אים דערמאָנט, אַז ער דאַרף קויפֿן אַ בילעט. האָט ער זיך געמאַכט ניט הערנדיק און געקוקט אין דרויסן. און ערשט שפּעטער, ביים אַ מיליציאָנער האָט אים שוין געשלעפּט פֿאַרן אַרבל, האָט ער זיך קאַלט אויפֿגעהויבן און געפֿרעגט ביים קאָנדוקטער:

— עטאָ טוואָי טראַמוויי?

מאָלט אײַך, אַז דער טראַמוויי געהערט צום אַרבעטער־קלאַס, און פּעטער פּאָליע מעג זיך אַמאָל באַנוצן מיט אים אומזיסט אויכעט.

3.

טאָנקע און פּאַלקע זיינען אַוועקגעפֿאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק.

אויפֿן זעקסטן טאָג נאָך זייער אָפּפֿאָר איז אַ בריווטרעגער אַרויף אויפֿן רעבזועדהויף און איבערגעגעבן אַ טעלעגראַמע:

מיר פֿאָרן (פּונקט) סי פֿריילעך (פּונקט).

טאָנקע פּאַלקע.

איז די מומע מאַלקעלע נאָכדעם אַרומגעגאַנגען מיט דער טעלעגראַמע פֿון שטוב צו שטוב און איבערגעפֿרעגט:

— זעט, איר ווייסט ניט, וואָס איז זיי דאָרטן אַזוי באַפֿאַלן די סימכע?

פּינטעפּליושקעס!

4.

פּעטער פּאָליע און בערע זיינען געוואָרן, ענדלעך, גוטפֿריינט.

דאָס האָט פּאַסירט אין אַ ווינטערדיקן רו־טאָג. בערע איז פֿון פֿרי אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב אַ באָרוועסער, אין די גאַליפּע־הויזן. ער האָט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן געקייט ברויט און געלייענט צייטונגען, נאָכדעם האָט ער אַרונטערגענומען די פֿיס אונטער זיך און אָנגעהויבן סטרויען דאָס באַלאַלייקעלע. בערע האָט

זיך געפונען אין אַ גוטער לויזשע. ער האָט אַרויסבאַקומען די זינג־שטים (פון בויך) און געזונגען:

אַז איך בין געפאָרן קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן,
האָב איך מיטגענומען אַ לאַבן ברויט;
אַז איך בין געפאָרן קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן,
האָב איך די בורזשויען געמאַכט דעם טויט.

דורכן פענסטער האָט זיך געזען דער הויף. ער איז געלעגן אַרומגעדראָטעוועט מיט עלעקטרע און מיט ראַדיאָ. ער איז געלעגן אין די דראָטן, ווי אַן אַלטער טשאָלנט־טאָפּ, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעקאָכט נייע מינים זעלמעניאַנער — אַן בערה, אַן מילע, אַן נעגל־וואַסער.

אַ ראָב איז געשטאַנען צונויפגעהויקערט אויפן שפּיץ פון דער אַנטענע, און לויט דעם ווי ער האָט געעפנט דעם שנאָבל איז געווען קענטיק, אַז ער שטייט דאָרטן אויבן און שרייט:

— הוראַ! הוראַ! הוררראַ!

פעטער פאָליע איז אַרויף אויפן הויף. פעטער פאָליע האָט געשמייכלט און געדרייט דעם וואָנץ. צי איז ער ניט אַ ביסל שיקערלעך?

בערע איז דעמאָלט אַראָפּגעלאָפן אַ באָרוועסער פון די טרעפּ און אַדורכן פענסטער האָט זיך געזען, ווי ער נעמט אים אָן, פאָליען, אונטערן אַרבל, רעדט צו אים און טײַנעט צו אים. פעטער פאָליע האָט זיך טכילעס געווערט, נאָכדעם זיינען זיי אָבער אַוועק צוזאַמען.

*

אין שטוב זיינען זיי אַריין ברוגזע, שווייגנדיקע. מען האָט געטרונקען אַ סאַך טיי און געשוויגן. פעטער פאָליע האָט טעמפּ געקוקט אויפן פּאָדלאָגע. נאָכדעם האָט מען ווידער געטרונקען אַ סאַך טיי און געשוויגן. פלוצלונג האָט זיך דער כמורנער פעטער פאָליע אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אָן טיש און אַ פרעג געטאָן פּראָסטע־מאָסטע:

— הער, בערקע, דו ביסט דער עמעסער קאָמוניסט, צי ניט?

— אַנטקעגן וואָס ווילסטו עס וויסן?

— איך קלייב זיך איצטער ריידן מיט דיר, ווי מיט אַ מענטשן.

— נו?

ביי פעטער פּאָליען זיינען די אויגן פייכט געוואָרן פון האַרציקייט:

— הער, טייערער יאַט, מע ווילט זיך אַמאָל האַלטן אַ רעדע. ווי זאָגסטו? מען איז אַן אַלטער אַרבעטער, איז ניט קיין אַוולע אַוועקשטעלן זיך אַמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג און זאָגן אַזוי און אַזוי. אונדזערן איינעם הערט מען. אַט דו האַלטסט עפּעס רעדעס אַמאָל?

— אויך שווער אויף דער צונג, אָבער, אַז מען רעדט — רעדט מען.

— הערסטאָך, ביי מיר איז אַן אַנדער אומגליק — ריידן קען איך, נאָר איך האָב ניט וואָס!

און ער האָט אַראָפּגעלאָזן טרויעריק דעם קאָפּ. בערע האָט מיטגעפילט, האַגאַם, ער האָט זיך דערביי געטראַכט, אַז קיין רעדנער וועט שוין מיסטאָמע פון פּאָליען ניט אַרויסקומען.

ביילע האָט דערלאַנגט צום טיש העם שיינעם קאַרטאָפל-טייגעכץ.

5.

פעטער איטשע האָט אַראָפּגענומען די באָרד ענדגילטיק.

מאַראַט איז געווען ניט געזונט אויפן מעגעלע, אָבער ס'איז גאָרנישט.

*

אַט דאָס זיינען, אויסער איינקע קלייניקייטן, די וויכטיקסטע נייסן, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין רעבזועהויף נאָך פעטער זישעס טויט.

XVIII

פּ ע ט ע ר   י ו ד ע

„ייִ אַזיינער פּאַרטאַץ האָט ער אָנגעצונדן דאָס קורניקל, וואָס פֿלעגט געוויינטלעך ברענען אין פּירהויז פֿאַר די פּאַרזעצטע געגנדן. עס איז געלעגן אויף די שויבן אַ סיווע, פּאַרטייִעטע ווינטער־נאַכט. ער האָט אָפּגעגאָסן ביים עמער נעגל־וואַסער. ער האָט אַראָפּגענומען אַן אַלטן זעקל פֿון אויוון און גענומען פּאַקן זיך אין וועג אַריין — אַריינגעטאָן דעם טאַלעס און תּפֿילין, דאָס פֿידל, אַ פֿונט ברויט, אַ פּאָר ציבעלע, — אַלץ, וואָס איז נייטיק אַ לעבעדיקן מענטשן אונטערוועגנס.

אין דרויסן איז געווען צו שטיל, אַפּאָנים, אַז ס׳איז געשטאַנען אַ פֿראָסט, האָט ער פֿאַר אַ סגולה אַרומגעבונדן די אויערן מיט אַ פּאַטשיילקע און פֿאַרדוקט דאָס נאַסע בערדעלע אין קאָלנער. ער האָט זיך מיט דעם זעקל אויף די פּלייצעס צוגעזעצט, אָנגעכמורעט צום לעצטן מאָל די פּיכטע אויגעלעך, אַריבער די שפּאַקולן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עמעצן צו שמייסן, און שטילערהייט אַרויס.

*

איבערן פֿינצטערן שניי האָט זיך געטאָפּטשעט אַ מוטנע נאַכט, פֿון אונטן ביז אַרויף, אָן אַ הימל, אָן גאָרנישט. פּעטער יודע האָט געקענט דעם וועג — פֿאַרקערעוועט פֿאַלד אויף רעכטס און אַוועקגעשוועמען איבער די געקאָוועטע פּאַרשנייטע געסלעך, גלייך צום דאָלהינעווער טראַקט.

די אויגן האָבן זיך צוגעוויינט. פון דער נאַכט האָבן זיך אַרויסגעשיילט בוילעטערע כווישעכנישן פון שטיבער, סלופּעס, פּלענקענער, וואָס זיינען געלעגן אַרומגענומען מיט דער פינסטערער שטילקייט, ווי אָפּגעדעמפּטע. עס האָט זיך אַ גאָס געטאָן פאַר די אויגן די בלוי-שנייִקע ראַכוועס פון די פעלדער, און פּעטער יודע האָט פּלוצים דערשפּירט אַ זיסע רו אין די געבליטן, אַן אָפּקילעניש פאַר זיין הייסן מויעך אונטערן היטל.

עס רעדט זיך ווען אַ ווינטערדיקער סאָף נאַכט אין די פעלדער, ווען עס גליקט וועמען אָפּ עס דורכצומאַכן איינער אַליין, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, שטייענדיק און וואַרטנדיק אויף עפּעס פון דער גאַנצער וועלט, ווי עס שטייט אַמאָל אַ פייגל אויף אַ צווייג און גלאָצט מיט דעם אויגעלע און גאַפט, ניט פאַרשטייענדיק גאָרנישט און ניט פילנדיק גאָרנישט.

עס רעדט זיך ווען דעם, וואָס פּראָסטע זעלמעניאַנער האָבן איבערגעלעבט צייטנווייז באַגייסטערטע רעגעס, ווי וואָראָנעס.

דער וועג האָט געסקריפּעט אונטער די פּיס, אַוועקגעצויגן זיך באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ, ביז צו די פאַרגליווערטע סאָסנאָווע האָריזאָנטן.

פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ כווישעכניש און באַלד נאָכדעם האָט אָנגעהויבן שאַרען אויף טאָג, פון דער רעכטער האַנט. דער בלייכער שניי האָט אַליין בוילעטער גענומען אַרויסבלאָסן, אַרויסגיסן זיך מיט דער קאַלטער ווייסקייט, און ערשט אויפן צוועלפטן קילאָמעטער האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון אונטערן שניי, ווייט אין מיזרעך, די ערשטע פייערן פון טאָג, פּונקט דאָרטן ווייט וואָלט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ גוס-פאַבריק.

דער גייער איז שוין מיד געוואָרן גייענדיק.

עס האָט זיך געצויגן דער טראַקט אַרויף אַ באַרג, און דאָ אונטן, ווייס דער וואַנדערער, דאַרף זיך געפינען אַ פּריצישער הויף, וווּ ער האָט באָכערווייז געאַרבעט אַ זומער איבער סטאָליאַרקע (פּעטער יודע איז באָכערווייז אויסגעווען אַ וועלט!). באַלד האָבן זיך טאַקע באַוויזן די פאַרשנייטע סעדער פונעם גוט. אַ בערעזעווער וועג

האָט זיך פֿאַרנומען אויף לינקס צום אַמאָליקן פּריצישן הויף, וואָס האָט דאָרטן אַרויסגעקוקט מיטן רויטן דאַך צווישן די געדיכטע טאָפּאָלן.

ס'איז געווען שטיל.

*

פּעטער יודע איז אַריין אין אַ בּרייטן אָפּגעלאָזענעם הויף, ווו ס'האָט געטראָגן מיט וואַרעמע מיסט און מיט פֿערד. ערגעץ פֿון אַ ווייטן שטאַל האָט אַ רעווע געטאָן אַ בּוהײַ. דער גייער האָט אָפּגעטרייסלט דעם שניי און אַוועק גלײַך צום צווייגאָרנדיקן הויז מיט דער הילצערנער קאָלאָנאַדע פֿון אַן אַלטן בּעסמעדרעשל.

אין דער סומנער שטוב האָט געפֿלאַקערט אַ גרויסער אויוון, קאָכעדיקע טעפּ. אין די ווינקלען איז נאָך געווען פֿינסטער, ווי בּײַנאַכט. האַלבּ-פֿאַרשלאָפֿענע ווייבּער האָבּן אַרומגעשמײַעט איבּער דער טונקלעניש, געוויגט אויפֿלעך אויף די הענט, געשיילט קאַרטאָפֿל, געשײַערט טעפּ.

מען האָט אים בּאַגעגנט נײַגעריק, ווי אויף בּייזע כּידושים.

פּעטער יודע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן ס'זעקל, צוגעזעצט זיך אויף אַ בּרעג בּאַנק, און פֿון אַריבּער די שפּאַקולן געגומען וואַרפֿן צאָרנדיקע בּליקן צו די פֿרעמדע ווייבּער. מאַכמעס דאָס איז ניט געווען אין רעבּזעהויף, האָט מען זיך אַרומגעקוקט, ניט פֿאַרשטאַנען דעם טאָך פֿון דעם מענטשן און לעיעסער-בּיטאָכן אַרויסגעשיקט שטילערהייט נאָך אַ מאַנסבּיל.

פֿון הויף איז אָנגעקומען אַ יאָרעדיק ײדל אין פּולע כּאַלעוועס, מיט אַ קורצער קאָלטענעוואַטער בּאָרד, ווי אַ פֿליוך טינט, וואָס אינמיטן ווינטער האָט פֿון אים פֿאַרשמעקט מיט עפּל אין שטוב.

דעם ײדן האָט מען גערופֿן כּײַים.

כּײַים האָט פֿאַרדויכערט די ליולקע אין אויוון און אַ פֿרעגגעטאָן:

— פֿון וואַנען איז אַ ײד?

דעם פּעטער יודען איז אײַנגעפֿאַלן אַרויסגעבן זיך פֿאַר אַ שטומען. דאָס איז אַ סך באַקוועמער פֿאַר אַ פֿרעמדן מענטשן. נאָכדעם האָט ער עפּעס יע געבעבעט, וואָס פֿאַר כּיימען איז געווען צו שווער צו פֿאַרשטיין. פּעטער יודע, אַז ער וויל, מען זאָל אים ניט פֿאַרשטיין — קען ער. פֿאַר אַלעמען איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט סטאָם אַ הונגעריקן ייִדן, וואָס וויל אָפּעסן.

אין „רויטן אַקער" איז מען שוין לאַנג ניט זשעדנע געווען אויף מיטאָג. און מען האָט אים איבערגעלאָזן אין קאָלעקטיוו.

*

בײַטאָג האָט זיך פּעטער יודע אַרומגעדרייט איבערן הויף און באַקוקט די באַלעבאַטישקייט. עס איז אים געפֿעלן געוואָרן אַ קאָלעקטיוו בײַ גאָר. אַזוי, האָט ער פֿאַרן טאָג עפּעס אויפֿגעטאָן אויך, וואָס האָט פֿאַר אייניקס געוואָרפֿן אַ שײַן אויך אויף דער פּראָפֿעסיע זײַנער.

וואָס האָט ער אויפֿגעטאָן?

ערגעץ אין אַ שטעלכל האָט ער געפֿונען אַן אומעטיקע הון. פּעטער יודע איז אַ מומכע אויף הינער, האָט ער זי אַ טאַפּ געטאָן און פֿעסטגעשטעלט, אַז בײַ איר איז צעבראָכן אַ פֿוס. ער האָט זי אַרײַנגענומען אין שטוב, געבעטן אַ מעסער, און אַ גאַנצן טאָג האָט ער שוין געאַרבעט איבער דער הון. אינאָוונט איז זי, די הון, אַוועקגעגאַנגען אויף אַ הילצערנעם פֿוס, אויבן ברייט און אונטן שמאָל, ווי אַ פּיסל פֿון אַ באַנק; האָבן זיך באַלד אַלע אָנגעשטויסן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ סטאָליער. דער „רויטער אַקער" נייטיקט זיך אין אַ סטאָליער.

בײַנאַכט האָט זיך דער גאַנצער קאָלווירט צונויפֿגעקליבן אין דער גרויסער שטוב; די מאַנסבילן אַרום דעם גרויסן טיש, די ווײַבער — אויף די בעטן בײַ די ווענט, און מען האָט זיך אַ נעם געטאָן טאַפּן דעם פּעטער יודען בײַם דײַפּעק, וואָס עס איז גאָרניט פֿון די לײַכטע זאַכן. ער האָט זיך בעשומיפֿן ניט אַרויסגעגעבן.

— עפּשער קענט איר עפּעס אַ מעלאָכע? — האָט מען בײַ אים געפרעגט.

— עפּשער קענט איר, רעב ייִד, אַרומגײן אַרום בעהיימעס?

— עפּשער קענט איר, פּעטער, אַרומגײן אַרום אויפעס?

מאָלט אײַך, אַז פּעטער יודע קען אַלײן, און אויב מען וויל, וועט ער נאָך טרעפן אָפּלערנען מיט די קינדער אַ פּאַרשע כומעש אויך, אַזוי בישטיקע. דאָס וויל מען ניט? מאַכט ניט אויס, וואָרעם אַן אַפּיקורעס איז ער אויכעט. ער האָט אַ סאַך ראַיוינעס וועגן דער גאָטהייט, וואָס שטעלן אַוועק די זאַך גאַנץ אַנדערש: ער פאַרבינדט די שמונע מיט עלעקטרע, מײַסעס־כאַזדעס... אַלפי רועך־האַזמאַן... דעריקערשט וויל ער אָבער, מען זאָל אים צולאָזן צו די אויפעס. זומער וועט ער גײן גראָבן כריין, קלײַבן שטשאַוויע, שוועמלעך, און וועגן סטאָליערײַ — קײן אײן וואָרט ניט.

פלוצלונג איז אים אײַנגעפאַלן אַ נײַער פאַך:

— עפּשער דאַרף מען, עמעצער זאָל שפּילן פידל?

פּעטער יודע האָט נאָכדעם געשפּילט פידל. עס לאָזט זיך אויס, אַז די קאָלווירטניקעס האָבן ליב יענעם אויסצוהערן און זײ פאַרשטײען זיך אויך גאַנץ נישקאָשעדיק אויף אַ שטיקל נעגינע. מען האָט געלעקט די פינגער. דעמאָלט איז פּעטער יודע אַרײַן אין הים־לאַוועס און אָפּגעשפּילט וועגן דער הון

פרעגט זיך, וועגן וועלכער הון?

ער האָט געשפּילט אויפן פידל וועגן אַן אַמאָליקער הון, וועגן אַ הון פון יענע צײַטן, ווען אונדזער שטאָט איז געלעגן אין האַר־מאַטן־פײַער. באַלעבאָסטעס פון דער גאַנצער גאַס האָבן פאַרשלאָסן די שטיבער און אַראָפּ אַלע צו רעב זעלמעלען אין קעלער. פלוצלונג האָט זיך דער מומע העסיען פאַרגלוסט אַ הינערשע זופּ. פאַרוואָס? אין דער שטיקעניש האָט זי אַזוי לאַנג געקוקט אויף רעב יעכעזקעס דעם שויכעט, ביז עס האָט זיך איר פאַרוואָלט אָף; כאַפּט זי אַ הון, דער שויכעט ציט אַרויס דעם כאַלעף, און מען גײט אַרויס אין הויף שעכטן. עס האָט דעמאָלט אַ זעץ געטאָן אין הויף אַ ווילדער פײַער און אַרויסגעשלאָגן ווי נאָר אַ שויב. דערנאָך האָט אַ שאָכן אָנגעקלאַפּט אין קעלער, מען זאָל אַרויסגײן. די מומע העסיע איז

געלעגן רויִק און בלאַס, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, לעבן איר איז געלעגן מיט דער באָרד אַרויף דער שוױכעטס קאָפּ, און ער, דער שוױכעט גופא, איז געלעגן אויף אַן אײַנגעפּאַלענעם פּאַרקאַן מיטן כאַלעף אין האַנט.

דערבײַ איז געשטאַנען די הון און געפּילאָסאָפירט.

*

אַזוי אַרום איז דער פּעטער יודע אין העלפט ווינטער געוואָרן אַ קאָלווירטניק מיט אַ שאַליק אויפן האַלדז און מיט אַ שטרוי אין באָרד. ער האָט באַנומען די זאַך. פאַרהאַוועט מער פון אַלעמען, איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען איבערן הויף מיט אַ האַק, מיט אַ פלאָקן; דאָ האָט ער אויסגעטעסעט אַ הילצערנעם פאַרדוקער צו אַ טיר, דאָ האָט ער אָפּגעבאָדן אַ גאַנדז, דאָ האָט ער גאָר צורעכט געמאַכט אַ שמירעכץ צו אַ לישײַ פאַר אַ טראָגעדיקער קאָלווירטניצע אויפן ליטקע.

אַ כאַזאָקע, אַז קאָלווירטניצעס זײַנען שטענדיק פאַרנומען אין טראָג, ווײַל זייערע מאַנען זײַנען אויף דער פרישער לופט, האָבן זיי (די קאָלווירטניצעס) לישײַעס, און פּעטער יודע האָט צו זיי (צו די לישײַעס) זאַלבן און שפּרוכן אַלערלײַ. דעריבער האָבן צו אים געקלעפּט די ווײַבער. היילן היילט ער זיי היילן פאַרטאָג, מיט אַ האַלאַוועשקע אין האַנט און מיט שפּרוכן אין ווײַסרוסיש:

דזען דאָברי, לישײַ!

לישײַ, פּראָפּאַדײַ...

דאָס אַלץ איז דאַפקע פאָרגעקומען בעסאָד, אָבער אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן איז עס דאָך דערגאַנגען צו די צוויי קאָמיוגיסטן פון „רויטן אַקער". מיט פּעטער יודען האָט שוין גע-האַלטן שמאָל. מען האָט צו אים געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט:

— רעב קאָערוו, קיין קיידאָרים דאַרפן מיר דאָ ניט...

אַ גליק, וואָס די ווײַבער האָבן זיך פאַר אים אײַנגעשטעלט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז אויף ווײַטער פאַרנעמט ער זיך נאָר מיט

אויפעס, צו וואָס ער איז באַרופן, און מיט טראַגעדיקע קאָלווירטניצעס — ניט.

פונקט צו יענער צייט האָט דער מילכיקער געבראַכט פון שטאָט אויספירלעכע יעדיעס וועגן פעטער יודען, אַז ער איז נעמלעך — אַ זעלמעניאַנער, אַ סטאָליער און אַן אַלמען, האָט עס פאַרריכט זיין מאַראָכע. דעריקערשט האָט אויסגענומען, וואָס ער איז טאַקע אַ סטאָליער.

דער מילכיקער האָט, אַגעוו, איבערגעגעבן דעם פעטער יודען אַ בריוועלע פון צאַלקען, ווו ער שרייבט אים וועגן זיין געזונט און וועגן דעם, אַז פעטער זישעס יינגערע מיידל — טאַנקע, — אויב ער געדענקט זי, אָט די, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק, איז זי דאָרטן געוואָרן, אַזוי גוט, ווי העכסט אויסגעלאָזן. עס איז פראָסט אַ שאַנד צו האָבן אַזאַ איינע אין דער מישפּאָכע! און נאָך מער איז דער פאַרדראָס, — שרייבט צאַלקע צום טאַטן, — וואָס דעם פעטער איטשעס בענאָק, פאַלקע, דרייט זיך דאָרטן אויך אַרום, זיי שרייבן צעלאָזענע בריוו, און עס איז פאַראַן אַ מוירע (!), אַז זיי האָבן כאַסענע געהאַט. איך בין פראָסט צעבראָכן פון דער זאַך, — שרייבט ער — און איך ווייס ניט, וואָס אָנהייבן צו טאָן.

פעטער יודע האָט אַריינגעלייגט דאָס בריוועלע אין קעשענע אויף היצטאַרכעכן.

דער מילכיקער האָט אים אויך איבערגעגעבן שוין אַ מינדלעכע יעדיע, אַז די באָבע באַשע פילט זיך עפעס ניט אינגאַנצן בעקאָוו האַבריע (ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, נאָר די באָבע באַשיע איז נאָך אַלץ ניט געשטאָרבן!).

די קאָלווירטניקעס זיינען געשטאַנען אַרום דעם פעטער יודען און געוואַרט, ער זאָל זיך מוידע זיין אין זיין אַפּשטאַם. פעטער יודע האָט אָבער אַלץ געפרווט לייקענען אין דער מישפּאָכע; ס׳איז אַ בילבל, קלוימערשט, אַז ער האָט אַ שייכעס צו זעלמעניאַנער, געבראַכט אַפילע באַווייזן דערצו, אָבער מיט אַמאָל איז עס אים מיעס געוואָרן, און מאָלעכיימע איז ער אַוועק צו די אויפעס, כאָטש קיינער האָט אים קיין שלעכטס ניט געטאָן.

מיט די הינער האָט ער זיך שוין געהאַט איינגעלעבט אויפן בעסטן אויפן. מען זאָגט, אַז ער פלעגט זיצן און ריידן צו די אויפעס. מען זאָגט אויך — און דאָס לייגט זיך שוין שווער אויפן סייכל — אַז ער האָט אַמאָל אַפילע אויפגעשפּילט פאַר די אויפעס אויפן פידל. דאָס מערקווירדיקסטע איז אָבער אָט דער אומגעלומפּערטער קלאַנג, וואָס ווערט אומעטום פאַרשפּרייט, אַז בײַ די אויפעס האָט זיין שפּילן אויסגענומען, און די האָבן געוואָלט נאָך.

*

סי ווינטער. ביינאַכט בראָדעט אַמאָל אַ מאָגערער וואָלף איבער די פעלדער. פויערים האָבן שוין צוגעגרייט פאַר אים אַ וואָלפן-גרוב אין פעלד, אָבער ער, דער וואָלף, באַווייזט זיך נאָר אינמיטן נאַכט בײַם האָריזאָנט, טשאַטעוועט פון הינטער אַ הרודע שניי, לאַנג-לאַנג און ווערט נאָכדעם פאַרשווונדן אין פאַרפאַפטן וואַלד.

דער „רויטער אַקער“ ליגט צווישן זיינע פאַרשנייטע סעדער און עטעמט מיט אַלע שטאַלן, מיט דעם וואַרעמען מיסט פון אונטער ברייט גיידערדיקע בעהיימעס, מיט דער זייערקייט פון נאַסע מילך-שעפלעך.

אַ לויכטנדיקע שטילקייט גליווערט איבער ווייטע, פינקלענדיקע מיילן.

שניי און שניי און שניי.

פעטער יודע כאַפּט זיך אַמאָל אַראָפּ אין דאָרף אויבעט. מען ווייס, אַז ס'איז דער נייער קאָלווירטניק, וואָס שפּילט אויפן פידל. ער שפּאַצירט דורך דעם דאָרף, די הענט אויף הינטן, און קוקט אַריין קורצזיכטיק-באַלעבאַטיש אין די פויערישע הויפן. פעטער יודע איז דאָ אַ היימישער מענטש. ער האָט שוין אַפילע באַוויזן אויסצוגעפינען אַ כאַווער אין דאָרף, אַן אַלטן פויערל, אַ טעפּער.

*

אין דער וואַרעמער כאַטע זיצט מען — דער פעטער יודע און דער טעפּער — בײַ די בלויע פענסטערלעך און מען שמועסט פון וועלט-זאַכן.

— אין מאָסקעווע, — דערציילט פעטער יודע, — מאַכט מען שוין הינער פון וואַטע.

— ס'איז אַ ליגן, — זאָגט דער טעפער.

— אַ מאַשין אָזאַ איז פאַראַן, — דערציילט פעטער יודע.

— און די געשאַמטע זייערע איז פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל?— פרעגט דער טעפער.

— פון עלעקטרע, — זאָגט פעטער יודע.

— אַזוינע הינער לאָז איך ניט אַרויף אויפן שוועל, — זאָגט דער טעפער.

— ניט קיין בייז! — ענטפערט פעטער יודע.

שניי און שניי און שניי.

פעטער יודע און דער טעפער זיינען ווי צווי ווינטערדיקע רע־טעכער אונטערן שניי. זיי האָבן זיך מוירעדיק ליב. עס טרעפט, אַז דער טעפער גיט אָפּ פעטער יודען אַ וויזיט אויף צוריק, זעצן זיי זיך אַוועק אין הינערשטוב און טאַפּן די אויפעס.

דאָס איז אַ גוטער אָפּרו.

ביכלאַל איז פעטער יודען אַוועק גוט און ער האָט אַפילע אַנוסטן, ביים דער טעפער איז צו אים געקומען, געגעבן אַ ברייטן שמייכל. דאָס איז געווען אַ מאָדנע זאַך צו קוקן: די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט, קנייטשלעך זיינען זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן פּאָנעם, דערביי האָט ער געעפנט דאָס מויל און בלויז איין שמוציקער צאָן האָט גע־סטאַרטשעט אין מיטן דזשאַסלע.

לויט דעם דאָזיקן שמייכל איז צו זען, אַז פעטער יודע האָט, ענדלעך, געפונען זיין באַרויקונג. אָבער, ליידער, ניט אויף לאַנג. עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק, וואָס קיינער האָט ניט געקענט פאָרויס־זען, און פעטער יודע איז פּלוצלונג גראָ געוואָרן אין מעשעך פון איין נאַכט.

*

אין דאָרף איז פאָרגעקומען אַ סימכע. פעטער יודען האָט מען פאַרבעטן שפּילן אויפן פידל. דעמאָלט איז דער טעפער געקומען אין „רויטן אַקער" העלפן דעם פעטער יודען מייכן זיין זיך צום

שפּיל, ווי אַלע מאָל פאַר פּעטער יודעס אַן אַרויסטרעטונג, און מען איז אַוועק.

אויפן וועג האָבן די כאַווירים אויסגעזוכט, ווי צוויי אַלטע בעזימער, האָגאָם לאָכן איז ניטאָ פון וואָס.

אין אָט דעם אָוונט איז פּעטער יודע געווען באַזונדערס אויפגעראַמט, געברענט ווי צונטער, האָט ער אויפגעשפּילט די מאָראַלישסטע זאַכן. מען האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ טיש און ער האָט געשפּילט.

נאָכדעם האָט מען גענומען אַ קאָפּ.

דער טעפּער, ווײַבאַלד ער נעמט צו די ליפּן, שלאָפט ער אײַן, און פּעטער יודע האָט ווײַטער געשפּילט. די פרייערישע פאַרלען האָבן געטאַנצט ווי מעלאָמאַלן: טכילעס אין שטוב, נאָכער אין פירהויז, נאָכער — שיידים ווייסן ווו.

פּעטער יודע האָט געשפּילט מיט רעציכע. ער האָט דערזען, אַז אין שטוב איז שוין מער קיינער ניט איבערגעבליבן, איז ער אַרויס שפּילן אויפן גאַס.

שניי און שניי און שניי.

דער שניי איז געווען ליכטיקער פון פייער. די לעוואָנע איז געשווומען פון אונטערן שניי. שטיל. שאַרף אָפּגעטעסטע פעלדער אָן אַ פּיצל פלעק. עס שטייט אַ צײַלעם און לעבן אים אויפן ריינעם שניי — אַ קורצער, ציכטיקער שאָטן. איין שטערן הענגט איבער די פאַרגליווערטע פעלדער גרעבער און קאַלטער פון אַלע.

פּעטער יודע הייבט אומגעלומפּערט די פיס און שפּילט, און שפּילט, און שפּילט. די לעוואָנע דריקט אויפן היטל. פּלוצלונג האָט זיך די פוס ערגעץ אַ רוק געטאָן, די גאַנצע געגנט האָט אויפגעצאַפּלט, איבערגעקוליעט זיך, און ער איז אַרײַנגעפאַלן אונטערן שניי.

דעמאָלט איז פּעטער יודע ניכטער געוואָרן, אַ קער געטאָן זיך און דערשפּירט רזיע צוגעפראָרענע ערד. ער האָט גענומען טאַפּן אַרום זיך די שפּאַקולן. אין דער כווישעכניש, ניט ווייט פון אים,

האָבן געבלאָנדזשעט צוויי פּאָספּאָרישע פייערלעך און געטראָגן האָט עפּעס מיט אַ שווערן רייעך פון פעל.

אַנו, ווו געפינט ער זיך דאָ, פעטער יודע?

ביסלעכווייז האָט ער אַרויסדערזען אינעם פינסטערן ווינקל — אַ וואָלף אויף די צוויי הינטערשטע פיס.

פאַרטאָג האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פונעם וואָלפן-גרוב מיט אַ סיוו בערדל.

XIX

* * *

דער פעטער איז פֿאַרשטייט זיך געשטאָרבן.

XX

אַ בריוו פון וולאַדיוואָסטאָק

מיינע טייערע עלטערן!

אַנטשולדיקט מיר, וואָס כ'האָב אַזוי לאַנג ניט געשריבן. עס איז פּראָסט ניט געווען קיין צייט. מיר זיינען אַזוי אָנגעלאָדן מיט אַרבעט, איך און טאָנקע, אַז אָן אייך, מיינע טייערע, פאַרגעסט מען שוין אינגאַנצן. איצט וועלן מיר שוין אָבער שרייבן אָפטער.

איך האָב זיך דאָ נעענטער באַקאַנט מיט טאָנקען, ווייל איך האָב מיט איר, ווי מען זאָגט עס אויף אייער לאָשן, כאַסענע געהאַט. זי איז אַן אינטערעסאַנטע יאַטיכע, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער זאַך פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. פונעם קליינבירגערלעכן אינדיווידואַליזם האָט זי זיך שוין קימאַט ווי באַפרייט. איך גלויב, אַז אין פּראָצעס פון דער אַרבעט וועט זי זיך אויסגלייכן אינגאַנצן, און מיר וועלן באַקומען אין איר אַ ווירקלעכע קלאַסן-אויסגעהאַלטענע טוערין אויפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט.

מיינע ליבע, דער ענטוזיאַזם פון אַרבעטער-קלאַס איז גרויס, מען זעט עס אין אַלע געביטן פון אונדזער בויונג. אָבער מען מוז מודע זיין, אַז די איניציאַטיוו פון די אַרבעטנדיקע ווערט ניט שטענדיק אונטערגעכאַפּט ווי געהעריק, און אַ סאַך מיליאָנען, אויב ניט מיליאַרדן, גייען פאַרלאָרן פאַר דער מעלוכע.

איר פרעגט ביי מיר, וואָס טו איך, און צי האָב איך שוין אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט? מיינע נאַיווע, נאַיווע עלטערן, וועגן וואָס איר זיצט דאָרטן און איר טראַכט! איך בין אַרויסגעפאָרן פונדערהיים ניט קעדיי צו קלייבן געלט. איך בין געקומען אַהער שטעלן

זיך אויף איינעם פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אָפּשניטן פונעם בוי־פראָנט — אויפן קולטורפראָנט. די אָנפירנדיקע ראָל אין דער קולטור־בויונג ביי אונדז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אין דער גאַנצער סאָצבויונג, האָט געהערט און בלייבט ביי דעם פראָלעטאַריאַט. אָט פאַרוואָס די פאַרטיי שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע, דער פראָלעטאַריאַט זאָל באַהערשן אַלע געביטן פון קולטור, וואָרעם פון דעם איז, פון איין זייט, אָפּהענגיק דער פראָלעטאַרישער אינהאַלט פון דער קולטור, און פון דער צווייטער זייט, וועט עס העלפן נאָכמער פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון פראָלעטאַריאַט אויף די גרונט־מאַסן פון פויערטום.

מיינע טייערע, טאַנקע איז אַוועק אויף אַ זיצונג, זי וועט קומען מיסטאָמע שפעט ביינאַכט; דעריבער הייץ איך איצט דעם אויוון און כ'וועל שוין איבערלאָזן פאַר איר אַ טשייניק טיי. זי האָט, מיין יאַטיכע, אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע אָנלאָדונג, און ניט נאָר זי, מיר אַרבעטן איצט אַלע זייער אָנגעשטרענגט, ווייל קיינער לייקנט ניט, אַז מיר האָבן נאָך גרויסע שוועריקייטן אויף אונדזער זיגרייכן וועג צום סאָציאַליזם.

מיר האָבן די טעג געהאַט אַן אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונג וועגן קאַמף קעגן די פאַרלוסטן. טאַנקע האָט פאַר אַ טויזנטקעפיקן אַרבעטער־עולם איבערגעגעבן אַ ריי אינטערעסאַנטע פאַקטן און ציפערן, וואָס שילדערן אונדזער נאַכלעסיקע באַציִונג צו די אינעווייניקסטע רעסורסן. אַזאַ קלאָרקייט פון געדאַנקען האָב איך שוין לאַנג ניט געזען. אונדזערע פאַרלוסטן אין דער ווירטשאַפט ווערן געשאַצט אין הונדערטער מיליאָנען רובל. 200 טויזנט טאָן איבעריקן מעטאַל גיבן מיר אויס יעדן יאָר. 1,5 מיליאַרד איבעריקע ציגל גייט ביי אונדז אַוועק בלויז דערפאַר, וואָס מען בויען, לויט דער אַלטער געוווינהייט, צו־דיקע ווענט. די אָפּפאַלן פון דער דערנערונג־פראָדוקציע קענען אונדז געבן יעדן יאָר לויט די אויבערפלעכלעכע אויסרעכענונגען 200 מיליאָן רובל. נאָך אַן ערגערע לאַגע האָבן מיר אין געביט פון לאַנדווירטשאַפט, דאָס פאַרבייטן די איינפאַכע זריע אויף סעלעקטירטע קען געבן אַ העכערונג פון גערעטעניש אויף גאַנצע 20 פראָצ. מיר זשאַלעווען שוין צופיל מיטלען אין קאַמף

קענען די פעלד־מאשינען, אין דער צייט, ווען די דאָזיקע הויזאָעס קענען באַלד געדעקט ווערן מיט רעגן. זיי זעען, לעמאָשל, עסן אויף יעדן יאָר בלויז אין ר. ס. פ. ס. ר. פאַר 45 מיליאָן רובל ברויט, דער הייזעריק — פאַר דרייסיק מיליאָן, קאָרן־ווערעם — פאַר זעכציק מיליאָן, טרעספן — פאַר 172 מיליאָן און אַזוי ווייטער.

די אַלע ציפערן האָט טאַנקע אויסגענוצט גלענצנדיק. פריער האָבן זיך די ספעצן באַצויגן צו איר פון אויבן אַראָפּ, נאָר איצטער איז שוין טאַנקע זינאָוויעוונאַ אַ גרויסע מאַרקע אין ווירטשאַפטלעכע פראַגן. עס איז מיט איר גאַנץ פריילעך. מיטאָג עסן מיר צוזאַמען אין אַ צ. ר. ק. מיר בייטן זיך מיט אונדזערע מיינונגען, לאַכן, קערן איבער די וועלט, אַזוי, אַז אַמאָל הייסט מען אונדז פּאַשעט אָפּטראָגן זיך פון קיך. איינאָוונט און אינדערפרי קומט מיר אויס צו פירן די שטוב־ווירטשאַפט. טאַנקע זאָגט, אַז צוליב דעם האָט זי זיך מיט מיר פאַרבונדן, כדי איך זאָל פירן די באַלעבאַטישקייט. נאָר, מיינע טייערע, אָט דער נומער וועט ניט דורכגיין. איך האָב נאָך גענוג ווילן צו פאַרטיידיקן מיין זעלבשטענדיקייט און ניט אַרונטערפאַלן אונטער קיינעמס ווירקונג, מעג עס זיין אַפילו טאַנקע. אין עקיזם וועט מיך קיינער ניט באַשולדיקן!

וואָס הערט זיך ביי אייך? וואָס מאַכט דער טאַטע, די מאַמע, דער ראַדיאָ? זעט אומבאַדינגט ניט אַרויפשטעלן אויפן אויפנעמער קיין טיי, געקעכטס אד״גל. וואָרעם, ווען עס זאָל זיך אַריינגיסן אינעווייניק זופּ, פאַרשטייט איר אַליין, אַז ס׳איז פּאָשעט אַ פאַרברעך.

עס איז נייטיק צו פאַרלענגערן דעם ראַדיאָ־מאַסט. דאָס קען דער טאַטע דורכפירן מיט די אייגענע קייכעס אויפן פאָלגנדיקן אופן: מען דאַרף נעמען צוויי פלעקענער און דורכפירן ביי די עקן צוויי קווערליניעס, וואָס טיילן זיי אויף 4 גלייכע טיילן, דורכזעגן לויט די ליניעס ביידע פלעקענער אויף 35 ביז 70 סמ. אָפּהענגיק פון דער לענג. נאָכדעם אַרויסנעמען די שטיקלעך מיט אַ דלאָטע, איין פלאָקן אַריינזעצן אין דעם אַנדערן, און אויף די עקן פון דער פאַרבינדונג אָנטאָן אייזערנע רינגען.

ביי מיר אין קעסטל, אויפן בוידעם, וועסטו געפינען אַלע מאַכשירים, וואָס נייטיק איז, זאָלסט אָבער נאָכדעם אומבאַדינגט אַוועק־

לייגן אַלין אויף אַן אָרט. שיק מיר שוין צו, טאַטע, פאַר איין גאַנג מיינעם אַ ביכל, אויפן פּאָליצע אויבן, ווו די מאַמע טריקנט די קעז. דאָס ביכל הייסט: „גלאַובעראָווא סאָל קאַראַבוגאַזקאָווא זאַליוואַ".

יאָ, מיינע טייערע, מען מוז אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן. אין פילאָסאָפיע בין איך שוואַך. מיר דאַרפן אָבער קאָנען דענקען שטרענג דיאַלעקטיש, באַנעמען די דערשיינונגען אין זייער פּראָצעס, און איך בין זיך מודה, אַז מיין קאָפּ איז פאַר אָט די זאַכן צו שווערלעך; טאָנקע ווייזט מיר יאָ אַמאָל אָן, זי איז אָבער ניט געדולדיק, און אַז איך פאַרשטיי ניט באַלד אויפן אָרט, ווערט זי אינקאָעס, כאַפּט דעם מאַנטל און אַנטלויפט. נאָכדעם רעדט זי ניט מיט מיר אַ פּאָר טעג. דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ רעשטל פון איר אינדיווידואַליסטישער פּסיכאָלאָגיע. מיר שטאַמען פאָרט פון קוסטאַרישע קליינבירגערלעכע עלטערן. פאַר אַרבעטער פון וואַרשטאַט זיינען פרעמד אַזוינע אינטעליגענטישע גענג. זי איז נאָך יונג, און קומענדיק אין ענגער באַרירונג מיט דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, וועט זי זיך שוין, האָפנטלעך, אויסהיילן (און איך אויך) פון אַלע קליינבירגערלעכע קנייטשן.

יאָ, מיר האָבן נאָך אַ סאַך דורכצומאַכן!

אייער פּאַלקע

פּ. ס. וועגן דיין פראַגע, מאַמע, צי קען מען ביי אונדז אין צ. ר. ק. באַקומען שטעקל-ספּעצעס און זאַפּרען, גלויב מיר, אַז איך האָב ניט קיין צייט צו גיין נאָכפרעגן, נאָר מיסטאָמע איז פאַראַן. שרייבט וועגן אַלץ, וואָס קומט פאָר אין הויף. די באָבע איז שוין געשטאָרבן, צי ניט? אויב זי איז געשטאָרבן, שרייבט אָן, צי האָט מען זי באַגראָבן לעבן דעם זיידן און דעם פעטער אָדער ערגעץ אַנדערשוו, און ווי זי האָט זיך אויפגעפירט פאַרן טויט, אויב ניט — גריסט זי האַרציק פון מיר און טאָנקען.

איך.

מײַן טײַערע מאַמע,

איך באַנוץ די געלעגנהייט אויסצודריקן דיר אַ דאַנק, וואָס דו האָסט מיך געבוירן אין אַזאַ גרויסער און אינטערעסאַנטער צייט. פּאַלקע איז מײַן מאַן, זאָלסטו, אַלזאָ, ניט מוירע האָבן, אַז כ'וועל פֿאַרזיצן ביז אין גרויען צאָפּ... ער איז ניט קיין שלעכטער יאַט. אַ קוש, אַ קוש, אַ קוש!

איך וועל דיר בעטן, מאַמע, איבערגעבן יאָשקע דעם געלן (כאָניע דעם שוסטערס זון פֿון צווייטן הויף), אַז די טעג וועל איך אים ענטפֿערן אויפֿן בריוו. איך פֿאַרשטיי אָבער ניט זײַנע שטימונגען. זאָג אים, אַז זיי פֿאָדערן ניט, מיסטאָמע, ווי עס באַדאַרף צו זײַן. בײַ אונדז איז די קאָלאָמאַך-קאַמפּאַניע דורכגעגאַנגען מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט הונדערטער פֿאָרשלאָגן. זאָל ער זיך אַרומקוקן און ער וועט זען, אַז אויפֿן זאַוואָד איז שוואַך אַוועקגעשטעלט די דערציִונג-אַרבעט.

מאַמע, גיב אים איבער, אַז באַראָווקע און ניוטע זײַנען געווען בײַ אונדז אַ פּאָר טעג. זיי זײַנען דעלעגירט געוואָרן פֿון סאָיוז-ריבאַ קיין קאַמטשאַטקע אַרבעטן אויפֿן פֿיש-פֿאַנג.

דײַן

XXI

די באָבע באַשע

פרעסט. געשליפענע טעג, ווי לעוואָנע־נעכט. דער הויף איז, ווי אין קאַלטן פאָרצעליי. פאַרוויקלטע זעלמעניאַנער קלייבן זיך אין הויף און טוידען זיך. וואָסי? ענדלעך האָט זיך די באָבע באַשע אַנידערגעלייגט צום בעט. מען מיינט, אַז אויף זיכער, ווייל זי נעמט שוין ניט צו קיין עסן.

די מומע גיטע איז אַרויס פון דער באָבעס שטוב מיט איר שטענדיק שווייגנדיקן ראַבאָנישן פּאָנעם, געוואָרפן אַ פילאָזאָפישן בליק צום הויף, און געבליבן שוין אַזוי שטיין אויפן שוועל. די מומע גיטע פאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, האָט מען זי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

— ווי איך בין מעשייער, — האָט זי געפּרווט נאָכמאַכן איר טאַטן, דעם סאָלער ראָוו, זיכרוינע צאַדיק ליוראָכע, — וועט די יעציעס־נעשאָמע אויספאַלן אַ קיימעלאָן, ווי נאָך האַלבער נאַכט...

— פאַרוואָס דאַרף עס דויערן אַזוי לאַנג? — האָבן זיך זעלמעניאַנער געערגערט.

זי האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען אַזוי צו זאָגן: איך בין פאַר גאָרנישט ניט פאַראַנטוואָרטלעך.

*

די זיילן פון דער מישפּאָכע פעלן. ניטאָ די פעטערס, די צווי, די געניטע פירער, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געדרייט די ראָד פון דער זעלמעניאַנישער געשיכטע; ניטאָ זיי, די גרויסע זעלמעניאַנער,

וואָס האָבן בלויז מיט אַ קוק אָנגעוויזן יעדערן דעם אָרט. איצט
רודערט מען אין דער פינסטער. עס ליגט די באָבע באַשע הינטערן
אויוון, ווי אַן אָפּגעפּליקט גענדזל, און עפּעס זעט מען ניט, אַז עמע-
צער זאָל אָנפירן מיט דער זאַך. מען וועט אַפילו ניט וויסן, מי-
שטיינס געזאָגט, ווען צו לאָזן אַ טרער.

— אוי, זייגען מיר עלנט, עלנט, ווי די שטיינער!

אַט דאָס האָט געזאָגט אַ מענטש מיט דעם אָנבליק פון פעטער
איטשען, נאָר אָן אַ באָרד, און צוויי גראָבע טרערן האָבן זיך
אַרויסגעקייקלט פון זיינע פאַרומערטע אויגן. ער האָט אַ הייב געטאָן
דעם אַרבל און אָפּגעווישט ניט די טרערן, נאָר די נאָז. אויף
אַזוי פיל איז ער געווען צעטראָגן!

*

באַגינען איז מען געקומען צו דער מומע גיטען מיט טאַ-
רומעס:

—סטייטש?

די באָבע באַשע לעבט און זי פילט זיך דאַפקע בעסער. מען
איז דערמאָלט אַלע אַוועק צו איר, צו דער באָבען, אַרומגעשטעלט
זיך אַרום בעט. די מומע גיטע האָט זי לאַנג באַטראַכט, אויסגע-
פּאָרשט מיט אירע קיידאָרישע בליקן און ענדלעך האָט זי אַ זאָג
געטאָן:

— זי איז אַ ליודסקע, אַזוינע שטאַרבן שווער, נאָר עס וועט
ניט לאַנג נעמען.

די באָבע איז שטיל געלעגן מיט דעם אָפּגעשאָרענעם קעפּעלע
אויפן שמוציקן קישן, — אַ קליין הייפל ביינדעלעך אַרומגעגרידשעט
פון דער צייט, נאָר זי האָט געעטעמט. עס איז געווען פאַרדראָסיק
אויף איר ביז גאָר. דעם פעטער איטשען האָט פאַרקלעמט אין
האַרצן, ער האָט זיך צערטלעך אַריבערגעבויגן איבערן קישן:

— מאַמע, סי דיר שלעכט?

האָט זי געעפנט צוויי קליינע מוטנע אייגעלעך, ווי ביי אַ
פייגעלע, און מער גאָרנישט.

*

אין אָונט זיינען אָנגעקומען בערע און פאָליע. איצט איז מען שוין אַרומגעגאַנגען צוזאַמען איבער די קלובן, אויף די ציוונגען און פאַרזאַמלונגען. בערע האָט פאַראָרדנט — צורעכט מאַכן אַ בעט אין דער גרויסער שטוב. נאָכדעם האָבן זיי אַרויסגענומען די באָבען פון הינטערן אויוון, איבערגעטראָגן אויפן פרישן געלעגער, אַז שוין פון דעם אַליין האָט זי זיך אַ ביסל אָפּגעטשוכעט. זי האָט אַפילו אָנגעהויבן קרעכצן, געעפנט די שפּעלטלעך פון די אויגן פול מיט ביטערן פאַרשטאַנד, אַרומגעבלאָנדזשעט און באַקוקט אַלץ, ווי אַ פאָלנער באַרדאַעס.

די ווייבער האָבן ערשט איצט דערזען, סאַראַ גינציקער איי־ניקל דער בערע איז, האָבן זיי אים אויך געוואָלט מיט עפּעס צו ליב טאָן און געזאָגט:

— מען דאַרף האָבן וואַרעניע!

— זעט, מען דאַרף האָבן אַ ביסל וואַרעניע, מאַכמעס זי איז פאַרשמאַכט!

די באָבע האָט זיך צו אַליין צוגעהערט. מען האָט געזען, ווי זי נעמט צונויף דאָס לעצטע ביסל אָטעם און וויל עפּעס זאָגן. פעטער איטשע איז באַלד געשטאַנען לעבן בעט. זי האָט דערמאָלט צונויפגענומען דאָס לעצטע ביסל אָטעם און געבעטן אַ געפעליקייט, אַז מען זאָל זען אויסדרייען די עלעקטרע, מאַכמעס ביי אַזאַ פייער,— האָט זי געזאָגט, — קען זי ניט שטאַרבן.

פעטער איטשע האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרצווייפלונג (די פראַגע איז געווען אַ פּרינציפּיעלע), נאָר בערע האָט צו אים אַ ווונק געטאָן:

— הייב זיך ניט אָן מיט איר, דריי אויס!

אָנגעצונדן אַ לעמפּל. די זעלמעניאַנער האָבן זיך שווייגנדיק אַרומגעזעצט אַרום בעט אָפּהיטן די יעציעס־נעשאָמע, וואָרעם קיין זייטיקע שטערונגען זיינען שוין, דאַכט זיך, אַזוי גוט ווי ניט גע־

זוען. זי האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן גויסעסן, אויסגעצויגן די פיס־לעך אונטערן קאָלדרע און דאָס פּענעמל איז געוואָרן אַש.

— אַן ערלעכע יידענע געווען, ניט פאַרנומען יענעמס, וואָס אַ האָר איז ווערט!

דאָס לעמפּל האָט געדויכערט. אַ שיטער טויט פּייערל איז געפאַלן נאָר אויפן בעט און אויף די ביינערדיקע זעלמעניאַנישע פּנעמער. די גאַנצע שטוב איז געלעגן אין דער פינסטער. פּלוצלונג האָט זיך די באָבע אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. מען איז געבליבן פאַרהעשעטע. צי לעבט זי נאָך? דאָ האָט זי אָבער געעפנט די אויגן און אַ זאָג געטאָן, דאַכט זיך, גאַנץ דייט־לעך:

— איך כאַלעש עסן!

איר האָט זיך פאַרוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל אָפּעסן פאַרן טויט.

פעטער פאָליע, דער אײדעלער מאַן, איז דעמאָלט אויפגע־געשטאַנען מאָלע־רעציכע, אויסגעשפּיגן און אַרויס פון שטוב, אַ קלאַפּ געבנדיק מיטן טיר. עס האָט פאַרשמעקט מיט אַ קריגערײ.

די קלוגע מומע מאַלקעלע וייס אָבער וואָס צו טאָן: זי האָט געכאַפּט דעם מעסער, אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט און צוגעטראָגן דער באָבען. די געשטאָרבענע האָט אַן עפן געטאָן אַ ביסל צו ברייט די מויל, געפּרוווט אַפּילע קייען, נאָר אַראָפּשלינגען — שוין ניט געקענט.

אַזוי האָט זי פאַרשפּעטיקט מיט דעם לעצטן מאָלצייט.

*

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי טאַקע געשטאָרבן.

די מומע גיטע האָט איר געטאָן דאָס רעכט, צוגעמאַכט די אויגן און אויף גיך אַרויסגענומען די שטיק ברויט פון צווישן די דיאַסלעס, עס זאָל ניט קומען צו קיין לײטישע געלעכטער. מען

האָט אַלץ געטאָן, וואָס מען דאַרף. און נאָכדעם, אַז בערע איז אַוועק שלאָפֿן, האָבן די ווייבער אַפילע געכאַפּט אַ וויין אויך, קעדיי ניט צו פאַרשעמען דעם מעם; זיי האָבן אַרויסגעלאָזן עטלעכע געלאַסענע טרערן, אָן האַרץ-ווייטאָג, אַזוי ווי עס רינט פון אַ שוויב.

אַגעוו, וויינען זעלמעניאַנער שטענדיק אַזוי.

אינהאַלט

זייט

זעלמעניאַנער 5
אַ וועלט, האַ? 15
דער גרויסער טומל 26
פעטער פּאַליע 39
עלעקטרע 48
ווייטער וועגן עלעקטרע 56
אַנהייב וועסנע 66
צאַלקע און טאַנקע 72
ווייטער וועגן צאַלקען 78
ראַדיאָ 89
כּאַניע דעם פעטער זישעס 98
דער רעבזועהויף דעמאַנסטרירט 106
שיליועס 113
שאַלעם 119
מאַראַט 125
דער טויט פון פעטער זישע 133
זעלמעניאַנישע אַלערליי 143
פעטער יודע 149
* * * 160
אַ בריוו פון וולאַדיוואַסטאָק 161
די באָבע באַשע 166

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

אַלע ווערק פון משה קולבאַק

באַנד I מאָנטיק
„ II פּאָעמען און לידער
„ III יעקב פראַנק
„ IV זעלמעניאַנער